NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06782

MAYN YIDISH BUKH

M. Gelman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. געלמאַן

מיין יידיש בוך

דריי

•

געצייכנט פון

מאָריס פּאַס

פאַרלאַג פון דעם יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס-אָרדן

צייכענונגען אויף זייטן 7, 8, 9, 24, 28, 54, 64, 65, 90, 93, 103

געצייכנט פון ש. קאמינסקי.

Copyright by the
BOOK LEAGUE
OF THE JEWISH PEOPLES FRATERNAL ORDER
80 Fifth Avenue, New York 11, N. Y.
September, 1945

PRINTED IN U S.A.
209

גוטמאָרגן!

• שנייער וואַסערמאַן

גוטמאָרגן, גוטמאָרגן, דער טאָג העלט שוין אויף!
עס וועקן די פֿייגל און נעסטן זיך אויף.
עס ווערן צערונען די נעפּלען אין פֿעלד,
פֿון נעפּל אַרויס העלט אַ ליכטיקע וועלט!

און קינדער, ווי בלומען אין בייטן צעבליט,
אין מונטערע רייען, מיט ריטמישע טריט,
מיר גייען דעם מאָרגן אַנטקעגן מיט פֿרייד,
דעם ליכטיקן מאָרגן, דורך דורות פֿאַרזייט.

שלאַנקע די רייען, אַ ריי נאָך אַ ריי,
בלאַנקע, ווי עס בלאַנקט אויף די הויכן דער שניי.
פֿריי, ווי די שטראָמען אין טייכן צערוישט,
מיר שפּאַנען אַנטקעגן דעם מאָרגן אַרויס!

גוטמאָרגן, גוטמאָרגן, דער טאָג העלט שוין אויף!
עס וועקן די פֿייגל און נעסטן זיך אויף.
עס ווערן צערונען די נעפּלען אין פֿעלד,
פֿון נעפּל אַרויס העלט אַ ליכטיקע וועלט!

פֿאַרשטײ די ווערטער:

העלט — שיינט
נעפּל — fog
בייט — flower-bed
מונטער — lively
דורות (דוירעס) — generations
שלאַנקע — הויכע
בלאַנקט — שיינט
בלאַנקע — שיינענדיקע
הויכן — heights

די בעסטע סחורה

אויף א שיף, וועלכע איז געשוואומען אין ווייטע לענדער, זיינען געפארן פיל סוחרים, וואס האבן געפירט פארשיידענע סחורות. זיי האבן געשמועסט וועגן האנדל, געוויזן איינער דעם צווייטן זייערע סחורות, געקויפט און געביטן זיך מיט זיי.

צווישן די סוחרים איז געזעסן א געלערנטער.

— וואו איז דיין סחורה? — האט מען אים געפרעגט.

— מיין סחורה וועל איך ווייזן, ווען מיר וועלן קומען אין לאנד — האט געענטפערט דער געלערנטער.

די סוחרים האבן זיך געוויצלט איבער אזא סחורה, וואס מען זעט זי ניט און זי פארנעמט קיין ארט ניט אויף דער שיף.

אויפן וועג זיינען אויף זיי אנגעפאלן ים-רויבער און צוגענומען די גאנצע סחורה. ווען די שיף איז אנגעקומען אין לאנד, זיינען אלע סוחרים אראפ הוילע און נאקעטע. זיי האבן אפילו ניט געהאט אויפן ערשטן מאלצייט. אויפן געלערנטן מענטשן אבער האבן געווארט פיל תלמידים זיינע און פריינט. מען האט אים באגעגנט מיט גרויס כבוד.

דעמאלט האבן די סוחרים פארשטאנען, אין וואס באשטייט זיין סחורה. זיי זיינען צו אים צוגעגאנגען און האבן געזאגט:

— גליקלעך ביסטו, געלערנטער, מיט דיין סחורה. איצט ווייסן מיר, אז זי איז די בעסטע: זי ווערט ניט גערויבט און גייט ניט פארלארן.

פארשטיי די ווערטער:

סחורה (סכוירע) — wares
סוחר (סויכער) — merchant
תלמידים (טאלמידים) שילער
כבוד (קאווער) רעספעקט

האנדל — business
מאלצייט — meal
תורה (טוירע) — בילדונג education

תורה איז די בעסטע סחורה

קענסטו לייענען די ווערטער?

תורה	סחורה	ים	תלמידים	כבוד

געדענק:	די שיף	די סחורה	דאס לאנד	דער ים

צום נייעם לערן־יאָר

• דוד האָפּשטיין

אונדזער שול איז ברייט און שיין,
ברייט צעעפנט אַלע טירן —
קומט צו גיין,
ברענגט צו פירן!

ברייט צעעפנט זיינען טירן,
רופן, לאַדן איין:
„קומט אין צווייען, קומט אין פירן.
קומט אין שול אַריין”!

קינדער, קינדער, גרייט זיך גיכער,
ס׳וואַרט די שול, עס וואַרטן ביכער.
ווענט שוין אויסגעפאַרבטע וואַרטן,
שויבן גלאַנצן, פול מיט שיין —
קינדער, קומט אין שול אַריין!

פאַרשטיי די ווערטער:

לאַדן איין — invite
ברייט צעעפנט — wide open
אויסגעפאַרבטע — painted
שויבן — window panes
גלאַנצן — שיינען
גיכער — שנעלער

געדענק:	דאָס יאָר	די שול	די טיר	דאָס בוך

איצטיקע צייט

1טע פּערזאָן מערצאָל:

איך גיי אין שול
איך קום אין שול
איך שטיי אין גאַס
איך שפּרינג פון די טרעפּ
איך שווים אין טייך

1טע פּערזאָן מערצאָל:

מיר גייען אין שול
מיר קומען אין שול
מיר שטייען אין גאַס
מיר שפּרינגען פון די טרעפּ
מיר שווימען אין טייך

אַ ר ב ע ט: שרייב די פינף ווערבן 1טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל:
וואַקסן, ליגן, שלאָפן, פאָרן, לויפן.

מאַנטיק

מאַרק טווײן •

1.

מאַנטיק אין דער פרי. טאָם האָט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט. „ס'וואָלט זייער גוט געווען איצט מיט אַ מאָל קראַנק ווערן" — טראַכט ער זיך — „דעמאָלט וואָלט איך געבליבן אין דער היים!"

אָבער ס'טוט אים קיין זאַך ניט וויי. ער באַטראַכט זיך — עפּעס שניידט אַ ביסל אין בויך. ער דערפרייט זיך, אָבער ס'גייט באַלד איבער און טאָם נעמט ווידער טראַכטן.

פּלוצלונג — סאַראַ גליק! דער אויבערשטער צאָן שאָקלט זיך. טאָם וויל שוין אָנהויבן שרייען. אָבער דאָ באַטראַכט ער זיך, אַז ווען ער זאָל אָנווייזן אויפן צאָן, קאָן נאָך די מומע פּאָלי דעם צאָן אַרויסרייסן. און פאַר אַרויסרייסן אַ צאָן האָט ער זייער מורא — ס'טוט דאָך שטאַרק וויי!

און עס בלייבט ביי אים — לאָזן דעם צאָן אויפן לעצטן פאַל און דערווייל זוכן עפּעס אַן אַנדערע קרענק.

ס'איז שווער, זייער שווער צוטראַכטן. נאָר ביסלעכווייז נעמט ער זיך דערמאָנען, אַז אַמאָל האָט דער דאָקטער דערציילט אַ געשיכטע וועגן איינעם אַ קראַנקן, וואָס איז צוליב אַ פינגער געלעגן איבער דריי וואָכן אין בעט.

2.

טאָם שטעקט האַסטיק אַרויס פון אונטער דער קאָלדרע דעם פינגער, וואָס אַ שוואַרצער זשוק האָט אים נעכטן איינגעביסן, און נעמט אים באַטראַכטן. איין צרה נאָר — ער ווייס ניט, וואָס פאַר אַ סמנים מ'דאַרף האָבן צום קראַנקן פינגער. ער וועט אָבער פּרואוון, אפשר וועט זיך איינגעבן.

און ער הייבט אָן צו קרעכצן.

דער ברודער סיד, וואָס שלאָפט צוזאַמען מיט טאָמען, הערט אָבער, ווייזט אויס, ניט דאָס קרעכצן. טאָם שטרענגט זיך אָן און קרעכצט שטאַרקער. און ס'נעמט זיך אים דאַכטן, אַז דער פינגער הייבט טאַקע אָן וויי צו טאָן. סיד רירט זיך נאָך אַלץ ניט.

טאָם ווערט מיד. ער רוט זיך אַ ביסל אָפּ און נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט. ער מאַכט דאָס אַזוי קונציק, ווי אַן אמתער קראַנקער. סיד ליגט אַלץ און כראָפּעט.



טאָמען כאַפּט אָן אַ כעס. ער הייבט אָן צו שרייען און צו טרייסלען דעם ברודער:

— סיד! סיד! סיד!...

דאָס העלפֿט. סיד כאַפּט זיך אויף, גענעצט זיך אויס, הייבט זיך אויף און קוקט אָן טאָמען.

סיד פֿרעגט בײַ אים:

— טאָם, וואָס איז דיר, טאָם?

טאָם ענטפֿערט ניט.

— טאָם, הער נאָר, טאָם! וואָס איז דיר? — פֿרעגט איבער סיד און קוקט מיט שרעק דעם ברודער אין פּנים אַרײַן.

טאָם האָט שוין אָבער קיין כּוח ניט. קוים וואָס ער קרעכצט.

— לאָז מיך, סיד! לאָז! ס'איז מיר שלעכט!

— וואָס איז דיר, טאָם? איך וועל אַרײַנרופֿן די מומע!...

— מ'דאַרף ניט... ס'וועט איבערגיין... רוף ניט...

— וואָס איז דיר, טאָם? הער אויף צו קרעכצן, איך האָב מורא. זאָג, וואָס טוט דיר וויי?

— רעד ניט, סיד, איך קאָן ניט! אָך!

— פֿאַרוואָס האָסטו מיך פֿריער ניט אויפֿגעוועקט? הער אויף, טאָם! ס'איז שרעקלעך! זאָג, וואָס טוט דיר וויי?

— איך בין דיר מוחל, סיד... פֿאַר אַלץ, וואָס דו האָסט מיר געטאָן... אַז איך וועל שוין ניט זײַן...

— טאָם, טאָם! וואָס איז דאָס, דו שטאַרבסט?...

— איך בין אַלעמען מוחל, סיד... זאָג זיי דאָס און געדענק: מיין רעמעלע און מיין קעצעלע גיב אַוועק דעם מיידעלע, וואָס איז ניט לאַנג צוריק אַהער געקומען צו פאָרן, און זאָג איר...

סיד האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך עפּעס אַ רעקל און איז אַרויסגעלאָפן.

איצט האָט זיך שוין טאָם אַזוי צוגעוואוינט צו זיין ראָל, אַז דער קרעכץ איז אויסגעקומען אַזוי ווי נאַטירלעך.



סיד איז אַראָפּגעלאָפן צו דער מומען און האָט אויסגעשריען:

— מומע! גיכער! טאָם שטאַרבט אַוועק!

— שטאַרבט אַוועק?

— יאָ, גיכער, קומט אַרויף!

— נאַרישקייטן, ער וועט ניט שטאַרבן! — האָט זי געזאָגט. פונדעסטוועגן האָט זי זיך גלייך געלאָזט לויפן צו טאָמען. סיד און די שוועסטער מערי זיינען איר נאָכגעלאָפן.

3.

די מומע איז געוואָרן בלאַס. די ליפן האָבןביי איר געציטערט.

— טאָם, וואָס איז דיר? — האָט זי קוים אַרויסגעזאָגט.

— איי, מומע, איך...

— זאָג, וואָס איז, וואָס איז דיר, מיין קינד!

— מומע, דער פינגער...

די מומע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול און גענומען לאַכן, דערנאָך וויינען, און נאָכדעם ביידע זאַכן צוזאַמען.

— אַ, טאָם, ווי דו האָסט מיך איבערגעשראָקן!... נו, גענוג שוין צו מאַכן זיך נאַריש! שטיי אויף!

די קרעכצן האָבן אויפגעהערט, און דער פינגער האָט שוין מער ניט וויי געטאָן.

דער יינגל האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט און געזאָגט:

— מומע, ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שטאַרב. ס'האָט אַזוי געשטאָכן, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן אַן צאָן.

— דער צאַן ? וואָס איז מיט דיין צאַן ?

— ער שאָקלט זיך און טוט שרעקלעך וויי...

— ווייז אַ קוק טאָן, עפן אויף דאָס מויל, אָבער הער אויף צו קרעכצן... יאָ, דער צאַן שאָקלט זיך טאַקע, דערפון וועסטו אָבער ניט שטאַרבן... דערלאַנג מיר אַ פאָדעם.

— מומעלע — האָט זיך טאָם אָנגעהויבן צו בעטן — זעט, רייסט אים ניט אַרויס, אָט האָט ער שוין אויפגעהערט וויי צו טאָן. איך וועל שוין מער ניט דערציילן אייך, אַז ער וועט אפילו וויי טאָן. זעט, טשעפּעט אים ניט. איך וויל גאָרניט בלייבן אין דער היים. איך גיי, איך גיי אין סקול !...

— אַ־אַ־אַ ! דו ווילסט שוין ניט ? דעם גאַנצן טומל האָסטו דאָס געמאַכט, כדי צו בלייבן אין דער היים, ניט צו גיין אין סקול !... איי, טאָם, טאָם, איך האָב דיך אַזוי ליב, און דו טוסט מיר שטענדיק אָן צרות.

דערווייל האָט מען צוגעגרייט געצייג אויף אַרויסצורייסן דעם צאַן.

די אַלטע האָט אַרומגעדרייט איין ברעג פון דעם פאָדעם אַרום דעם צאַן און דעם צווייטן צוגעבונדן אָן בעט. אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין דער צאַן געהאַנגען אויפן פאָדעם.

פאַרשטיי די ווערטער:

האַסטיק — גיך
טרייסלען — שאָקלען

קאָלדרע — quilt	גענעצט — yawns
זשוק — beetle	כוח (קויעך) — strength
סימנים (סימונים) — symptoms	רעמעלע — small frame
קרעכצן — to groan	בלאַס — בלייך — pale
כעס (קאַס) — anger	געצייג — tools

געדענק:	דער פינגער	דער טומל	דער צאָן	די היים

געדענקסטו?

שטעל צו „דער", אָדער „די".

ד -- העלער טאָג. ד -- ליכטיקע וועלט. ד -- בלאַנקער שניי.
ד -- גרויסע שיף. ד -- מיטלענדישער ים. ד -- קראַנקער פינגער.
ד -- נייע שטול. ד -- קראַנקער צאָן. ד -- וואַרעמע היים.

(שרייב אַראָפּ אין דיין העפט)

גראַמאַטיק:

איצטיקע צייט

2טע פּערזאָן, איינצאָל:	2טע פּערזאָן, מערצאָל:
דו גייסט אין שול	איר גייט אין שול
דו קומסט אין שול	איר קומט אין שול
דו שטייסט אין גאַס	איר שטייט אין גאַס
דו שפּרינגסט פון די טרעפּ	איר שפּרינגט פון די טרעפּ
דו שווימסט אין טייך	איר שווימט אין טייך

אַרבעט: שרייבט די ווערבן 2טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל:
וואַקסן, ליגן, שלאָפן, פאָרן, לויפן.

דאָס רעדט מיין טאַטע

אַ יינגעלע האָט זיך געפוילט צו גיין אין שול. האָט ער טעלעפאָנירט צום לערער:

— מיין זון קאָן היינט ניט גיין אין שול.

פרעגט דער לערער:

— ווער רעדט עס?

ענטפערט אים דאָס יינגעלע:

— דאָס רעדט מיין טאַטע.

האַרבסט

• אברהם רייזען

שטילע גראָזן ציטערן,
טוליען זיך און בייגן זיך;
און די זון, די היטערין,
נעמט צום אָפּשייד נייגן זיך.

ביימעלעך פאַריאָמערטע
באַ די הויפן הוידען זיך;
בלעטלעך אָפּגעזומערטע
פלאַטערן און סודען זיך.

וואָלקנדלעך צעשלאָגענע
אין דעם רוים צעשפּרייטן זיך,
פייגל שטום, צעטראָגענע
ערגעץ פליען גרייטן זיך.

געדענק :

דער האַרבסט	די זון	דער וואָלקן	דער ווינט

גראַמאַטיק :

3טע פּערזאָן איינצאָל	3טע פּערזאָן מערצאָל
ער גייט אין שול	זיי גייען אין שול
ער קומט אין שול	זיי קומען אין שול
ער שטייט אין גאַס	זיי שטייען אין גאַס
ער שפּרינגט פון די טרעפּ	זיי שפּרינגען פון די טרעפּ
ער שווימט אין טייך	זיי שווימען אין טייך

אַרבעט: שרייב די ווערבן 3טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל:
וואַקסן, ליגן, שלאָפן, פאָרן, לויפן.

דאָס קלוגע ייִנגעלע

א גריך איז געקומען קיין ירושלים. האָט זיך אים פאַרוואָלט א שפּאַס טאָן. נו באַגעגנט ער א יידיש-קינד, און זאָגט צו אים: „טו מיר א טובה, קלוג קינד. קויף מיר פאַר דעם געלט עפּעס אזא מאכל, וואָס איך זאָל עס קאָנען עסן איצט, און ס'זאָל מיר נאָך בלייבן אויפן וועג." און געגעבן האָט ער דעם קינד זייער ווייניק געלט.

דאָס קינד איז אַוועק און אים געבראַכט פאַר דעם געלט זאַלץ...
ווען דער גריך האָט דערזען, וואָס דאָס קינד האָט אים געבראַכט, האָט ער געשריען: „האָב איך דיר דען געהייסן זאָלסט מיר קויפן זאַלץ?"

— „דו האָסט מיר געהייסן — האָט דאָס קינד געענטפערט — קויפן אזא מאכל, מיט וועלכן דו זאָלסט זיך קענען אָנעסן איצט, און נאָך קענען מיטנעמען אויפן וועג: גלויב מיר, מיין הער, אַז פאַר דעם געלט, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, האָב איך דיר געקויפט דאָס ריכטיקע מאכל. פון דעם זאַלץ, וואָס איך האָב דיר געבראַכט, וועסטו האָבן גענוג צו עסן דאָ, און נאָך אויף מיטצונעמען אויפן וועג."

קענסטו לייענען די ווערטער?

ירושלים	ארץ-ישראל	חכם	חכמה	מאכל

איינצאָל ——— מערצאָל

שטעל צו וואו מען דאַרף די מערצאָל, און די איינצאָל.

איינצאָל — מערצאָל		איינצאָל — מערצאָל
טאָג --		----- פייגל
פעלד --		----- נעסטן
וועלט --		----- בלומען
צאָן --		----- טייכן
מויל --		----- לענדער
היים --		----- רייען
וואלד --		----- תלמידים

סוף־זומער

• בצלאל פרידמאַן

שווער געאַרבעט האָבן זומער
פויגל, מוראַשקע און בלום;
ניט געשיידט האָט זיך דער פאַרמער
מיט זיין פעלד פון זון ביז זון.

און די קינדער פראַנק-און-פריי
זיינען אומגעלאָפן ווילד —
האָט די זון צו היים געבראָטן,
האָט אַ ווינטל באַלד געקילט.

האָט די זון צו היים געבאַקן,
איז אין טייך זיך אָנגעקוויקט,
שלינגט אַ כוואַליע איין אַ כוואַליע,
שלינגט אַ כוואַליע זון אַ שטיק.

ליגט דער זומער איינגעמאַטערט,
און די זון איז אויך באַלד מיד...
קומען ווינטן זי פאַרוויגן,
ווינטן מיט אַ האַרבסטיק ליד.

פאַרשטיי די ווערטער:

מוראַשקע — ant
כוואַליע — wave
געבראָטן — געברענט
איינגעמאַטערט — מיד — tired
אָנגעקוויקט — refresh
שלינגט — swallows
פאַרוויגן — to rock to sleep

געדענק:	דער זומער	די בלום	דאָס פעלד	דער טייך

אַ יום־כפּור אָוונט

• לויט האָוואַרד פאַסט. מ. מ־ן

ס'איז געווען סוף־זומער. דער האַרבסט איז שוין געהאַנגען אויף די ביימער.

און מיטן האַרבסט זיינען אָנגעקומען די יידישע יום־טובים.

ס'איז יום־כפּור אָוונט. און ווידער אַמאָל האָבן זיך די פילאַדעלפיער יידן פאַרזאַמלט אין זייער סינאַגאָגע צו דאַווענען און פאַסטן אַ גאַנצן טאָג.

די קליינע סינאַגאָגע איז געווען פול. יידן אין טליתים, יידן אין זעלנערשע קליידער, אַלטע, צעריסענע און אָפּגעקראָכענע. אַלע, אַלע שטייען זיי איינער לעבן אַנדערן, און דאַווענען צוזאַמען.

אין מיטן דאַווענען, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר. דער שמש איז צוגעגאַנגען. און באַלד האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אַ שטילער געמורמל איבער דער סינאַגאָגע: „מ'דאַרף האָבן ח י י ם ס אַ ל אָ מ אָ ן".

חיים סאַלאָמאָן איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. אַ שטאַפעט איז געשטאַנען אין דרויסן.

— „דאָס איז דאָך אונדזער הייליקער טאָג" — האָט סאַלאָמאָן אַרויסגערעדט. — „האָסטו ניט געקאָנט צוואַרטן? ווער האָט דיך געשיקט?"

— „כ'בין פון ראָבערט מאָרים, ער האָט עפּעס געשיקט." און דער שטאַפעט האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַקעט. סאַלאָמאָן האָט אים אויפגעעפנט און דאָרטן האָט ער געפונען צוויי וועקסלען מיט אַ בריוועלע.

„מיין טייערער מר. סאַלאָמאָן:

איך שיק דיר צוויי וועקסלען, וואָס מוזן באַלד אָפּגעצאָלט ווערן. כ'האָב פּרובירט קריגן געלט ערגעץ אַנדערש, אָבער אָן דערפאָלג. די נויט איז גרויס. איך ווענד זיך צו דיר, ווייל דו ביסט דער איינציקער, וואָס ווייסט העלפן.

מיט אויפריכטיקייט,

ראָבערט מאָרים.

„אָך, ווען ס'וואָלט ניט געווען יום־כפּור," האָט סאַלאָמאָן געטראַכט. „ווען אפילו דאָס טראַכטן אַליין וועגן געלט, איז ביי אַ יידן אין דעם הייליקסטן טאָג פאַרבאָטן." ער האָט זיך באַטראַכט אַ מינוט, אַ קוק געטאָן אויף די צוויי וועקסלען, און געזען אַז יעדערער פון זיי

איז אויף צען טויזנט דאָלער. — „וואו קען מען איצט קריגן צוואַנציק טויזנט דאָלער? אַז מזומן געלט האָט ער איצט אינגאַנצן עטלעכע טויזנט,״ האָט סאָלאָמאָן אַליין געטראַכט.

„וואַרט דאָ,״ האָט ער געזאָגט צום שטאַפעט. און ער איז פּאַ־וואָליע צוגעגאַנגען צום רב, אים אָנגערירט ביי דער פּלייצע, און אים איינגערוימט עפּעס אין אויער. און דער רב האָט אים געענטפערט: „אָבער, סאָלאָמאָן, ס'איז דאָך יום-כּפּור!״

— „איך מוז איצט רעדן צום עולם!״ — האָט אים סאָלאָמאָן געענטפערט. — „ס'איז פאַר אַ זייער הייליקן צוועק״... און דער רב האָט אים דערלויבט.

דאָס דאַווענען פונעם הייליקסטן טאָג אין יאָר איז געוואָרן אָפּגעשטעלט, און סאָלאָמאָן האָט גערעדט פּשוט און שטיל.

— ליבע ברידער, דער סעקרעטאַר פון פינאַנץ האָט צו אונדז געשיקט צוויי וועקסלען אויף צוואַנציק טויזנט דאָלער. ער מוז באַלד האָבן געלט אָפּצוצאָלן דעם חוב. אַלץ הענגט אָפּ אין דעם, ווי אַזוי מיר וועלן אים ענטפערן. איך דאַרף אייך ניט דערציילן, אַז די נויט איז גרויס. גיט אַ קוק אויף דער צאָל דאַוונער אין זעלנער-קליידער. גיט אַ קוק, ווי זייערע מונדירן זיינען צעריסן, אָפּגעקראָכן, אַלט, אַזוי אויך זייער געווער. וועט איר אַליין פאַרשטיין. אינעם הייליקסטן פון אונדזערע טעג איז אונדזער הייליקסטער חוב צו העלפן אונדזער לאַנד!...

אַ געמורמל האָט זיך דורכגעטראָגן: „אָבער יום-כּפּור״.

— אָבער דער הייליקער צוועק, — האָט סאָלאָמאָן שאַרף אַרויס־געררעדט.

און כאָטש ס'איז אַן עבירה פאַר אַ פרומען יידן צו שרייבן אין אַזאַ יום־טוב, דאָך האָט מען באַלד געשריבן טשעק נאָך טשעק. סאָלאָמאָן האָט זיי צונויפגענומען איינעם נאָך איינעם. זיין פּנים איז געווען שטרענג און ערנסט, טאַקע פּונקט ווי יום־כּפּור בייננאַכט. ער האָט צוגעלייגט זיין טשעק אויף דריי טויזנט דאָלער, און אין צען מינוט צייט זיינען געשאַפן געוואָרן די צוואַנציק טויזנט דאָלער. און די יידן האָבן זיך אומגעקערט צוריק צום דאַווענען.

סאָלאָמאָן האָט אַוועקגעגעבן דאָס געלט צום שטאַפּעט, און געזאָגט: „העלפן אונדזער לאַנד איז אַזוי הייליק, אַז מיר טוען עס אַפילו יום־כּפּור, אינעם הייליקסטן טאָג ביי יידן. זאָג עס ראָבערטס מאָריסן, אַז חיים סאָלאָמאָן האָט אַזוי געזאָגט...״

גערענק:	די נויט	דאָס פּנים	דער בוים	דער אָוונט

די צייט:

דאָס יאָר האָט צוועלף - - - - - - . אין יאָר זיינען	צייט
דאַ פיר - - - - - - . דער - - - האָט דריי - - - -	סעזאָן־ען
דער - - - - - האָט פיר - - - - . די - - - - - האָט	מאָנאַט־ן
זיבן - - - - - . דער - - - האָט פיר און צוואַנציק	וואָך־ן
- - - - - . די - - - האָט זעכציק - - - - . זומער איז	טאָג־טעג
דער - - - אַ לאַנגער, און די - - אַ קורצע.	נאַכט
די זון גייט אויף - - - , און פאַרגייט - - -	שעה (שאַ)
קינדער, די - - - שטייט ניט, לאָמיר לערנען!	פאַרטאָג
וואָס דאַ קאָנסט - - - באַזאָרגן, לייגט ניט אָפּ	פאַרנאַכט
אויף - - - - .	מאָרגן
אַ ר ב ע ט: געפין אויס דאָס ריכטיקע וואָרט אין קאָלום לינקס, און שטעל עס אַריין אויפן ריכטיקן אָרט. שרייב איבער אין העפט.	היינט
	מינוט

נאָטע גייט אין שפּייז־קרעמל

• וואָלף יונין

נאָטע, זאָגט די מאַמע, זיי אַ גוטער —
כאַפּ אַרויף אויף זיך דאָס לעדערנע זשאַקעטל
און ברענג מיר פון דעם שפּייז־קרעמל
דעם גאַנצן צעטל:
אַ פלעשל מילך. אַ האַלב פונט פוטער.
פיר פרישע אייער. אַ פּושקע שפּראָטן
און אַ שטיקל זייף צו שייערן די טעפּ.
בעט אין יידיש, זאָגט אים אָן די מאַמע אויף די טרעפּ.

איז דאָך נאָטע זייער געראָטן,
גיט ער זיך אַ גליטש פון אַלע טרעפּ
און מיט איין שפּרונג — באַץ־אַריין אין קרעמל.
כאַפּט זיך נאָטע, אַז ער האָט פאַרגעסן
דער מאַמעס צעטל אויפן עס־טישל אין קיך;
גיט ער זיך אַ ווענד צום קרעמער:

קרעמער, כ׳בעט איך, גיט מיר, גיך—
אַ פלעשל אייער.
אַ שטיקל מילך.
אַ פּושקע לעדערנע זשאַקעטן,
און שפּראָטן ווייך ווי פוטער
צום שייערן די טעפּ.

גיט אַ שאָס אַרויס מיט אַ געלעכטער
אי דער קרעמער, אי די גאַנצע קראָם מיט קונדן;
ווערט ער, נאָטע אָנגעצונדן
און — הענדום־פּענדום צו דער מאַמע זיינער
מיט אַ גאַנצער טענה:
יידיש — שמידיש —
אַניט פאַרשטייט ער דען, דער קרעמער?
פּע, ער מעג זיך שעמען!



יידישע יום-טובים. אַרבעט: פּאָר צונויף דעם נאָמען פון יום-טוב מיטן זאַץ.

ראש-השנה	יידן האָבן זיך באַפרייט פון די גריכן.
סוכות	יידן זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון טויט. המנען אויפגעהאנגען.
חנוכה	יידן זיינען באַפרייט געוואָרן פון שקלאַפעריי אין מצרים.
פורים	יידישער ניי-יאָר. מע בלאָזט שופר.
פסח	יום-טוב פון איינזאַמלען די פרוכט פון די פעלדער און גערטנער.

אַרבעט

אַנטאָנימען:

מיאוס איז ניט	האַס
שמוציק איז ניט	גייט
זים איז ניט	נאַס
פרייד איז ניט	טייער
וואַסער איז ניט	זויער
ביליק איז ניט	ברייט
טרוקן איז ניט	פייער
ליבע איז ניט	טרויער
שמאָל איז ניט	שיין
זיצט איז ניט	ריין

אַרבעט: פּאָר צונויף די אַנטאָנימען, און שרייב אַריין אין העפט.

ביישפּילן.

אַרבעט: פּאָר צנויף די ביישפּילן און שרייב אַריין אין העפט.

טויב	ווי אַ ציג
ציטערט	ווי אַ פעדער
שפּרינגט	ווי אייז
שווימט	ווי די שטערן
האָרעוועט	ווי די וואַנט
פול	ווי דער טאָג
קלאָר	ווי אַ פיש
קאַלט	ווי אַ בלאַט
ליכטיק	ווי אַן אויג
גרינג	ווי אַ פערד

אַ מעשה מיט אַ ייִנגל

• א. גאָלדבערג

1.

אַמאָל איז געווען אַ ייִנגל. האָט ער געוואוינט אין אַ שטאָט. האָט ער ניט געוואוינט אַליין, ווייל מיט אים האָבן געוואוינט: טאַטע־מאַמע און באָבע־זיידע. זיינען זיי געווען, הייסט עס, פינף מענטשן אין הויז און ס'איז זיי געווען גאַנץ פריילעך.

זיי האָבן זיך אַלע ליב געהאַט, ווי ס'דאַרף צו זיין: דאָס ייִנגל האָט ליב געהאַט זיידע־באָבע־טאַטע־מאַמע, און זיידע־באָבע־טאַטע־מאַמע האָבן אַלע פיר צוזאַמען און יעדער באַזונדער ליב געהאַט דאָס ייִנגל. דער טאַטע פלעגט זאָגן: ער איז אַ וואויל ייִנגל. דער זיידע פלעגט זאָגן: ער איז אַ טייער ייִנגל. די מאַמע: ער איז אַ גאָלדן ייִנגל. די באָבע: אַ ייִנגל? ס'איז אַ בריליאַנט, ניט קיין ייִנגל.

אין אמתן איז ער קיין ב ר י ל י אַ נ ט ניט געווען, נאָר — אַ גוט ייִנגל. אַ פריילעכער, אַ ביסל אַ שטיפער און אַ גאַנץ ניש'קשה'דיקער לאַכער.

אָבער מער פון אַלץ איז ייִנגל (מיר ווייסן ניט זיין נאָמען און וועלן אים דעריבער רופן פשוט — „ייִנגל") געווען אַ פריילעכער, און ס'איז דעריבער טאַקע ניט געווען צו פאַרשטיין וואָס איז פאַרגעקומען יענעם טאָג, וועגן וועלכן מיר ווילן אייך דאָ דערציילן:

2.

יענעם טאָג איז פאַרגעקומען אַזוי: אַלע זיינען אויפגעשטאַנען אין דער פרי, ווי יעדן טאָג: צוערשט די באָבע (אַלע באָבעס שטייען אויף זייער פרי), נאָכדעם די מאַמע, נאָכדעם דער טאַטע, און צולעצט — דער זיידע. איז די באָבע, ווי אַלעמאָל, אַוועק צום ייִנגלס בעט און אים גענומען וועקן, ווי אַלע מאָל, ערשט זי גיט אַ קוק —

ייִנגל ליגט מיט אָפענע אויגן, אַן אומעטיקער, און שווייגט.

האָט אים די באָבע געזאָגט: „גוט מאָרגן, מיין בריליאַנט", און ער האָט געשוויגן.

האָט אים די מאַמע געזאָגט: „גוט מאָרגן, מיין גאָלד", און ער האָט געשוויגן.

האָט אים דער טאַטע געזאָגט: „גוט מאָרגן, ייִנגל", און ער האָט געשוויגן.

האָט אים דער זיידע געזאָגט: „גוט מאָרגן, יונגאַטש", און ער האָט געשוויגן.

האָבן זיי זיך אַלע פיר צוזאַמען, און יעדער באַזונדער, דערשראָקן, און ניט געקאָנט פאַרשטיין: וואָס איז דאָ אַזוינס מיטן יינגל געשען. ערשט נעכטן איז ער אַ פריילעכער און אַ לוסטיקער געווען, און פלוצים, אין־מיטן־דרינען, מיר־ניט־דיר־ניט, מען־ווייסט־ניט־פונוואַנען־עס־קומט — נאָדיר אַ צרה.

ס'האָט דער טאַטע די זאַך פאַרשטיין ניט געקענט,
און די מאַמע האָט שטיל זיך געבראָכן די הענט.
ס'האָט דער זיידע געשוויגן און געקוקט אויף דר'ערד,
און די באָבע באַהאַלטן האָט געווישט זיך אַ טרער.

3.

איז געבליבן ביי זיי, אַז יינגל איז קראַנק. ווייל אַז אַ לעבעדיקער, פריילעכער, שפּרינגענדיקער יונגאַטש לייגט זיך פלוצים אַריין אין בעט אַריין און ליגט און קוקט אויף דער סטעליע מיט אַ לאַנג קוקעניש, און שווייגט אַ גרוים שווייגעניש — איז ער זיכער קראַנק, און — אַנדערש קאָן עס גאָר ניט זיין.

קראַנק — דאַרף מען דעם דאָקטער רופן. נו, גוט, האָט מען אים גערופן. גערופן — דאַרף מען קומען. נו, גוט, איז ער געקומען, דער דאָקטער. געקומען דער דאָקטער ה. לינדערגיך און באַקוקט דאָס יינגל מיט זיין גרויסער טרובע, נאָך אַ קוק, נאָך אַ האָרך, און דער דאָקטער ה. לינדערגיך איז געבליבן זיצן אַ שטילער, אַ שאַ'עדיקער און זיך פאַרטראַכט מיט אַ גרוים טראַכטעניש.

און אַזוי האָט דר. ה. לינדערגיך געטראַכט:

— איך בין אַ דאָקטער שוין אַ סך יאָרן, בין איך, איך בין איינער פון די בעסטע יינגל־דאָקטוירים אין גאַנץ אַמעריקע, בין איך, נאָר אַזאַ זאַך האָב איך קיין מאָל ניט געהערט: אַ יינגל האָט אַ וויטיק און איך, דר. ה. לינדערגיך, קאָן דעם וויטיק ניט געפינען. ס'איז ניט קיין קאָפּ־וויטיק, ניט קיין בויך־וויינעק, ניט קיין צאָן־וויטיק, ניט קיין פינגער־פוס־האַנט־קני־אויער־אויג־נאָז־עלנבויגן־ און האָר־וויטיק. טאָ, וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ וויטיק?

אַזוי האָט דר. ה. לינדערגיך געטראַכט און הויך אויפן קול האָט ער געזאָגט:

— מיינע ליבע זיידע־באָבע־טאַטע־מאַמע, איך שעם זיך זייער, נאָר איך, דער גרויסער דאָקטער ה. לינדערגיך, קאָן דאָ ניט העלפן; איך, איינער פון די בעסטע און גרעסטע יינגל־דאָקטוירים אין גאַנץ אַמעריקע, איך וואָס איך הייל אויס קליינע יינגלעך אין 1 מינוט,

גרעסערע יינגלעך — אין 2 מינוט, און יונגאַטשעס — אין 3 מינוט, איך קאָן ג־אָ־ר־נ־י־ט העלפן. ניט מיינע פלעשלעך און ניט מיינע פילן קאָנען דאָ העלפן, ס׳איז גאָר אַן אַנדערע קרענק און אַן אַנדערער ווייטיק. איך קאָן אים ניט געפינען, דעם ווייטיק. שיקט נאָכן פעטער בערל, אפשר וועט ער אייך העלפן.

האָבן זיך אַלע דערפרייט מיט דער גוטער עצה, און דער טאַטע איז גלייך אַוועק צום טעלעפאָן און אָנגעקלונגען: נומער־נומער־נומער־מיט אַ האַלב, און אַלע האָבן געהערט ווי דער טאַטע רעדט אַריין אין טעלעפאָן אַריין:

— בערל, קום גלייך אַריבער. יינגל איז ניט געזונט. דער דאָקטער ה. לינדערגיך קאָן אים ניט העלפן, דו דאַרפסט גלייך קומען.

אַלע האָבן געהערט ווי דער פעטער בערל האָט עפּעס געזאָגט אין טעלעפאָן אַריין און זיי וואָלטן געקאָנט שווערן, אַז ער האָט געזאָגט:

— כלמאַכאַניכאַכאַלאַשטאַטשאַשאַ, גוד־ביי.

אין אמתן האָט ער בלויז געזאָגט:

— איכ׳ל גלייך אַריבערקומען, איינס־צוויי.

4.

דער פעטער בערל איז געווען אַ דאַרער און אַ קלוגער. ער האָט געהאַט אַ פּאָר גרויסע וואָנצעס און געשריבן יידישע מעשות פאַר קינדער. ער האָט ליב געהאַט די גאַנצע וועלט און די גאַנצע וועלט האָט אים ליב געהאַט. אַ ביסל מער פון דער גאַנצער וועלט האָט דער פעטער בערל ליב געהאַט זיין פלימעניק יינגל.

אַז דער פעטער בערל איז אַריינגעקומען אין הויז אַריין, איז דאָרט גלייך פריילעך געוואָרן, ווי די זון וואָלט זיך אַזוי אין מיטן מיטוואָך אַריינגעשפּאַצירט אין שטוב אַריין.

דער פעטער בערל איז גלייך צוגעגאַנגען צו יינגלס בעטל, אויף אים אַ קוק געטאָן, אים אַ נעם געטאָן ביי דער גאָמבע, אים אַ לאַך געטאָן אין די אויגן אַריין, און אים שטיל אַ פרעג געטאָן:

— יינגל, וואָס איז דיר, יינגל?

האָט יינגל אַ זאָג געטאָן זייער שטיל, נאָר אַלע האָבן אים געהערט:

— איך וויל י י ד י ש.

אין הויז איז געוואָרן זייער שטיל. אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט: דער זיידע מיט דער באָבען, דער טאַטע מיט דער מאַמען, דר. ה. לינדערגיך מיטן פעטער בערל. אַלע זיינען זיי געבליבן שטילער ווי שטיל אַ 2 מינוט צייט, און זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז ווען דער פעטער בערל איז געווען אין הויז מיט דריי טעג צוריק, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן יינגל און אַ זאָג געטאָן:

— דאָס יינגל קאָן ניט קיין יידיש. וואָס וועט ער ביי אייך אויס-וואַקסן, האַ? מען דאַרף אים לערנען יידיש, דאַרף מען אים. גיט אים אַ ביסל יידיש.

אָט אַזוי האָט דער פעטער בערל געזאָגט מיט דריי טעג צוריק. אַלע האָבן פאַרגעסן די רייד אָבער ניט יינגל. ער האָט כסדר געטראַכט: „וואָס וועט ער ביי אייך אויסוואַקסן, האַ? גיט אים אַ ביסל יידיש."

האָבן זיך אַלע געוואָלט צעלאַכן, נאָר דער דאָקטער ה. לינדערגיך האָט געזאָגט, אַז מען טאָר ניט לאַכן פון אַ קראַנקן מענטשן, ווייל אַז אַ יידיש יינגל קען ניט קיין יידיש, איז ער ניט געזונט. ער ליידט אויף יידיש-וויטיק און מען דאַרף אים גלייך אויסהיילן.

האָט דער דאָקטער ה. לינדערגיך פאַרשריבן אַ רעצעפּט און דער פעטער בערל איז מיטן רעצעפּט ערגעץ אַוועק.

5.

ווען דער פעטער בערל איז צוריקגעקומען האָט ער מיט זיך גע-פירט דעם לערער פון דער יידישער שול. האָט דער לערער אַרויס-גענומען זיין יידיש-טערמאָמעטער און אַריינגעשטעלט יינגלען אין מויל אַריין. אַלע האָבן געקוקט און זיך דערשראָקן, ווען זיי האָבן געזען ווי די טעמפּעראַטור האָט אָנגעהויבן פאַלן נידעריקער-און-נידעריקער, נידעריקער-און-נידעריקער.

— זיין יידיש איז אונטער זעראָ — האָט דער לערער געזאָגט.

— געפרוירן? — האָט זיך דער פעטער בערל דערשראָקן.

— ער האָט אין גאַנצן ניט קיין יידיש־טעמפּעראַטור — האָט דר. ה. לינדערליך געזאָגט.

ווען דער לערער האָט אַרויסגענומען דעם ערשטן „אַלעף"־פּיל און געגעבן יינגלען — האָט יינגל אָנגעהויבן צו שמייכלען.

ווען ער האָט אים געגעבן אַ לעפעלע „ביים" — האָבן אַלע אין הויז אָנגעהויבן שמייכלען.

ווען ער האָט אים פאַרשריבן אַ רעצעפּט: יידיש־לייענען־שרייבן־רעדן — מיט־אַ־פּאָר־פּילן־געשיכטע און אַ־לעפל־ליטעראַטור, 5 מאָל אַ וואָך אין דער יידישער שול — האָט דאָס גאַנצע הויז אָנגעהויבן צו שמייכלען.

און אַזוי שמייכלען זיי אַלע ביז היינטיקן טאָג.



פאַרשטיי די ווערטער:

מעשה (מייסע) — געשיכטע — story

אמת (עמעס) — ריכטיק

האָרכן — הערן

רעצעפּט — prescription

עצה (אייצע) — advice

געדענק:	די שטאָט	דאָס הויז	דער קאָפּ	דאָס אויג

פ אַ ר ג אַ נ ג ע נ ע צ י י ט

1טע פּערזאָן איינצאָל	1טע פּערזאָן מערצאָל
איך בין געגאַנגען	מיר זיינען געגאַנגען
איך בין געקומען	מיר זיינען געקומען
איך בין געשטאַנען	מיר זיינען געשטאַנען
איך בין געשפּרונגען	מיר זיינען געשפּרונגען
איך בין געשוואומען	מיר זיינען געשוואומען

אַ ר ב ע ט: שרייב די פינף ווערבן 1טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל:
וואַקסן, ליגן, שלאָפן, פאָרן, לויפן.

ווייל אַ באָבע איז אַזוי

• שניאור וואַסערמאַן

די באָבע קרעכצט. ווען קרעכצט זי נישט?
היינט — ווייל ס'טוט איר וויי דער קריזש.
נעכטן האָט זי געקרעכצט פאַר דאָס,
ווייל איך האָב זיך צעקלאַפּט די נאָז.
און פעלט איר היינט אַ ביסל זאָרגן,
באָרגט זי אויס אַ קרעכץ פון מאָרגן...
מערסטנס קרעכצט זי איבער מיר:
— אוי, ווי האַלט מען אויס פון דיר?
— ס'איז נישט קיין קינד, נאָר אַ שד!
און אין דער פרי — איך ליג אין בעט,
קושט זי מיך, גלעט זי מיך,
און גיט אַ קרעכץ, אַזוי, אין זיך...
קום איך פון דער שול צו גיין,
איז — מיר זאָל זיין פאַר דיין געביין.
נאָר וויל איך זיך צעזינגען הויך,
קרעכצט זי ווידער: - ער שפּאַלט דעם מוח!
קרעכצט די באָבע ביי יעדער זאַך:
פאַרוואָס איך וויין, פאַרוואָס איך לאַך.
פאַרוואָס איך טאַנץ, פאַרוואָס איך לויף,
פאַרוואָס איך שטיי גאַנץ פרי נישט אויף.
און גלאַט אַ קרעכצל: — וויי און אוי —
ווייל אַ באָבע איז אַזוי...

פאַרשטיי די ווערטער:

קרעכצט — groans	מערסטנס — mostly
קריזש — spine	אַ שד (שעד) — אַ טייוול
זאָרגן — worries	מוח (מויעד) — קאָפּ
באָרגט — borrows	

גערעדנק:	די נאָז	דאָס בעט	די שול	דאָס קינד

אידיאָמען

וואָס מיינט עס?	עס מיינט
איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן	4 וועלן וואָס מער
אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל	3 זייער אַ גוטער מענטש
רירט ניט אָן אַ פליג אויף דער וואַנט	1 זייער געטריי
האָבן גרויסע אויגן	5 אַרבעט זייער שנעל
עס ברענט אונטער די הענט	2 געבן צו פאַרשטיין

אַ ר ב ע ט: פּאַס צו די אידיאָמען פון רעכטן קאָלום צו די דערקלע-רונגען פון לינקן.

אַ פ ר אַ ג ע

איינעם אַ מענטשן האָט זיך געחלומט, אַז ער גייט שפּאַצירן איינער אַליין אין אַ וואַלד. מיט-אַ-מאָל איז געוואָרן אַ שטורעם. הויבט ער אָן צו לויפן. קומט אים אַנטקעגן אַ לייב. דרייט ער זיך אויס, און וויל לויפן אין דער צווייטער זייט, דערזעט ער אַ וואָלף. איז דאָך שלעכט. לויפט ער שוין אין דער דריטער זייט. ערשט, אַ טיגער האָט זיך באַוויזן. נו, לויפט ער שוין אין דער פערטער זייט. קומט אים אַנטקעגן אַ בער. נו, דאָ איז שוין טאַקע גאָר שלעכט. ווי אַזוי זשע, קינדער, קען ער זיך טאַקע ראַטעווען?

פ אַ ר ג אַ נ ג ע נ ע   צ י י ט

2טע פּערזאָן איינצאָל:	2טע פּערזאָן מערצאָל:
דו ביסט געגאַנגען	איר זייט געגאַנגען
דו ביסט געקומען	איר זייט געקומען
דו ביסט געשטאַנען	איר זייט געשטאַנען
דו ביסט געשפּרונגען	איר זייט געשפּרונגען
דו ביסט געשוואומען	איר זייט געשוואומען

אַ ר ב ע ט: שרייב די פינף ווערבן 2טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל: וואַקסן, ליגן, שלאָפן, פאָרן, לויפן.

צוויי ברידער

אַמאָל זיינען געווען צוויי ברידער. דער עלטערער האָט ניט געהאַט קיין ווייב, ניט קיין קינדער; דער ייִנגערער האָט געהאַט אַ ווייב מיט קליינע קינדערלעך. זיי זיינען ביידע געווען אָרעמע ערד־אַרבעטער און האָבן געהאַט נאָר איין שטיקל ערד, וואָס דער פאָטער האָט זיי איבערגעלאָזן אַ ירושה. די ברידער האָבן ניט געוואָלט צעטיילן צווישן זיך די ירושה, ווייל זיי האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט. זיי פלעגן באַאַרבעטן די ערד צוזאַמען און פלעגן דער־נאָך צעטיילן זיך מיט דער תבואה גלייך אויף גלייך, און יעדער פון זיי פלעגט אַוועקלייגן די תבואה לעבן זיין געצעלט.

איינמאָל איז דער עלטערער ברודער, באַלד נאָכן אָפּשניידן די תבואה, געלעגן ביינאַכט אויף זיין געלעגער און האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט געטראַכט וועגן זיין ברודער:

— ער האָט אַ פרוי מיט קינדער און דאַרף זיי געבן עסן און קליידן און שיכן. אָבער איך בין מיר איין מענטש אויף דער וועלט. וואָס דאַרף איך? אָפּעסן און — גאָר! פאַר וועמען האָב איך צו זאָרגן? היינט ווי אַזוי נעם איך דאָס פון דער תבואה אַזאַ חלק ווי מיין ברודער? דאָס איז ניט קיין יושר!

און ער איז אויפגעשטאַנען אָרום האַלבער נאַכט פון זיין געלעגער און האָט אין דער שטיל איבערגעלייגט אַ טייל פון זיין תבואה צו דעם ברודערס תבואה. און ווען ער האָט אָפּגעטאָן זיין אַרבעט, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט און איז אַ צופרידענער איינגעשלאָפן.

די זעלביקע נאַכט האָט אויך דער ייִנגערער ברודער ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער איז געלעגן און האָט געטראַכט וועגן זיין עלטערן ברודער:

— אַ רחמנות אויף אים. ער איז נעבעך עלנט. איך האָב אַ ווייב מיט קינדערלעך, זאָלן לעבן און געזונט זיין. אויף דער עלטער וועלן מיינע קינדער מיך אויסהאַלטן. אָבער וואָס וועט מיט אים זיין אויף דער עלטער? היינט ווי אַזוי טיילן מיר דאָס די תבואה פון פעלד גלייך אויף גלייך? דאָס איז ניט קיין יושר. ער דאַרף באַקומען אַ גרעסערן חלק!

און נאָך גאַנץ פרי, פאַרטאָג, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט שטילערהייט איבערגעלייגט אַ טייל פון זיין תבואה צו דעם ברודערס תבואה. נאָכדעם איז ער צוריקגעגאַנגען צו זיין געלעגער און איז באַלד איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן זעען די ברידער, אַז זייערע חלקים זיינען ביידע גלייך. האָבן זיי זיך געוואונדערט, נאָר געשוויגן.

די צווייטע נאַכט האָבן די ברידער געטאָן דאָס זעלביקע, וואָס נעכטן. און אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן זיי דערזען, אַז זייערע חלקים זיינען ווידער גלייך. האָבן זיי זיך נאָך מער געוואונדערט.

די דריטע נאַכט, ווען די ברידער האָבן איינער צום אַנדערן געטראָגן זייער תבואה, האָבן זיי זיך באַגעגנט אין מיטן וועג. זיי זיינען געפאַלן איינער דעם אַנדערן אויפן האַלדז און מיט טרערן אין די אויגן זיך גענומען קושן און האַלדזן. (אגדה)

פאַרשטיי די ווערטער:

תבואה (טוואוע) — grain
יושר (יוישער) — גערעכטיקייט
חלק (כיילעק) — טייל
רחמנות (ראַכמאָנעס) — pity

ירושה (יערושע) — heritage
געלעגער — בעט
געטראַכט — געקלערט
עלנט — איינער אַליין

געדענק:	די נאַכט	דער וועג	דער מענטש	די ערד

קענסטו לייענען די ווערטער?

הלוואי	זיכרון	חבר	חודש	חופה	חיה

דער ווינט

• משה שיפּרים

ווער עס שפּילט אויף אַ פידל,
און ווער עס שפּילט אויף אַ פלייט —
דער ווינט שפּילט אויף זאַנגען,
וואָס דער פאַרמער פאַרזייט.

ביינאַכט, ווען זאַנגען שלאָפן
מיט זאַטקייט שווער באַלאָדן —
דעמאָלט שפּילט דער ווינט
אויף די טעלעגראַף-דראָטן.

ווען דער ווינט ווערט גאָר פריילעך,
שפּילט ער ווי אַ גאַנצע קאַפּעליע —
ער פּייקלט און קלאַפּט מיטן דאַך,
ווי מיט אַ טאַץ אויף דער סטעליע.

פּ אַ ר ג אַ נ ג ע נ ע   צ י י ט

3טע פּערזאָן איינצאָל	3טע פּערזאָן מערצאָל
ער איז געגאַנגען	זיי זיינען געגאַנגען
ער איז געקומען	זיי זיינען געקומען
ער איז געשטאַנען	זיי זיינען געשטאַנען
ער איז געשפּרונגען	זיי זיינען געשפּרונגען
ער איז געשוואומען	זיי זיינען געשוואומען

אַ ר ב ע ט : שרייב די פינף ווערבן 3טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל :
וואַקסן, ליגן, שלאָפן, פאָרן, לויפן.

דאָס ליד פון ברויט

• מאַני לייב

פאַר די די הענטלעך אין די רינגען
קליינע שיינע קינדער זינגען:
— וואָלקן, וואָלקן, גיב אַ רעגן
פון די קליינע קינדערס וועגן!
ווייזט אַ וואָלקן זיך פון אויבן,
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,
און ווי פערל רעגן ריין
טריף-טראָף, טריף-טראָף הייבט אָן גיין.

נעמען זיך די פעלדער שפּרייטן,
פריש צעאַקערטע אין בייטן.
ווערן גרינע קאָרן-זאַנגען
אויף די פעלדער אויפגעגאַנגען.
הייבט אַ טוי אויף זיי אָן פאַלן,
וואַרעמט זיי די זון מיט שטראַלן.
ווערן פעלדער געל ווי גאָלד,
פול מיט קאָרן, ריינעם גאָלד.

קומען שניטער מיט די מעסער,
איינס פון צווייטן שאַרפער, גרעסער.
שניידן שניטער, שניידן, זינגען,
אַזש די שאַרפע מעסער קלינגען,
אַזש די פעלדער ווייט פאַרשטאַרבן.
און דעם קאָרן אין די גאַרבן
לייגן זיי אין סקירדעס אויס,
ביז צום הימל הויך און גרויס.

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן
דורך די בערג און דורך די טאָלן
אין די מילן אויסצומאָלן.

הייבן אָן די ווינטן ווייען
און די מילן-פליגלען דרייען.
מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייסן מעל.

נעמט דער בעקער מעל מיט הייוון
און פאַרהייצט זיין גרויסן אויוון.
ברענט דאָס פייער, שייטלעך קנאַקן,
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקן.
קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגען אויף די טישן.
עסן קינדער פרישן ברויט,
זיינען זיי געזונט און רויט.

פאַרשטיי די ווערטער:

אין די רינגען — in a circle	גאַרבן — שייטלעך
וואָלקן — cloud	טוי — dew
צעאַקערט — ploughed	שטראַלן — rays
בייטן — furrows	מאָלן — to grind
קאָרן־זאַנגען — ears of rye	מעל — flour
	הייוון — yeast

געדענק:

דאָס ברויט	דער רעגן	די זון	דאָס מעסער

אידיאָמען

וואָס מיינט עס?	עס מיינט:
אָנשטעלן מויל און אויערן.	א לאַנגע צייט.
זיצן אויף שפּילקעס.	שווייגן. ניט רעדן קיין וואָרט.
האָבן א לאַנגע צונג.	זיך גוט צוהערן.
אָננעמען א פול מויל מיט וואַסער.	ניט קענען איינזיצן.
א יאָר מיט א מיטוואָך.	רעדן א סך.

אַרבעט: געפין אין קאָלום לינקס דעם באַטייט פון די אידיאָמען און שרייב אַריין אין דיין העפט.

צוויי סוכות

• משה שיפרים

א

מער פון אַלע יום-טובים האָט שמואליק ליב געהאַט דעם יום-טוב סוכות. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל אויף סוכות דאַרף מען בויען אַ סוכה, און בויען — דאָס האָט שמואליק ליב מער פון אַלץ אין דער וועלט.

אמת, ניט אַלע בויען סוכות. די רייכע דאַרפן ניט בויען קיין סוכות. זיי האָבן פאַרטיקע סוכות, וואָס אַ גאַנץ יאָר זיינען זיי געווינלעכע צימערן, און אַז ס'קומט סוכות עפנט מען אויף אַ פליגל און פאַרטיק — ס'איז שוין דאָ אַ סוכה. אָבער שמואליקס טאַטע האָט יאָ געדאַרפט בויען אַ סוכה. פאַרוואָס? איר זייט קלוגע קינדער און פאַרשטייט שוין אַליין.

איז טאַקע דערפאַר פאַר סוכות שמואליק געוואָרן אַ גאַנצער בויער. דעם אמת געזאָגט, האָט שמואליקס טאַטע געבויט און שמואליק האָט נאָר צוגעהאָלפן — דערלאַנגט דעם האַמער, אַ טשוואָק, געלאָפן אַנטלייען אַ זעג ביי אַ שכן און — אַז איר וועט האַלטן אַ סוד וועל איך אייך אויסזאָגן דעם אמת, אַז דער טאַטע זיינער האָט געהאַלטן אין איין בייזערן זיך, אַז שמואליק טוט אים אָן מער שאָדן, ווי ער העלפט אים אַרויס. אָט האָט ער ערשט איבערגעקערט דאָס קעסטל מיט טשוועקעס און אָט-ערשט פריער האָט ער פאַרטשעפּעט די הייזקעס אין אַ טשוואָק.

וואָס איז שמואליק שולדיק, אַז ס'איז אים אַזוי גוט און פריילעך, אַז ס'ווילט זיך אים ניט גיין, נאָר שפּרינגען און אַז שפּרינגענדיק האָט ער איבערגעקערט די טשוועקעס, צי זיך פאַרטשעפּעט די הייזקעס?

און ווי קען ער זיך איינהאַלטן און ניט איבערקוליען זיך און ניט שפּרינגען און ניט פליען, אַז ס'קיצלט אים אונטערן לעפעלע ווען ער זעט ווי דער טאַטע, אַ גרויסער ייד מיט אַ באָרד, קריכט אַרויף אויף אַ לייטער און בלייבט שטיין העט-העט הויך אויפן שפּיץ דאַך און פעסטיקט צו דעם סלופּ פון דער סוכה. דעם טאַטנס היטל איז פאַר-רוקט אויף דער זייט, די באָרד איז צעשפּרייט און פלאַטערט, און ביידע

פּאַלעס פון זיין קאַפּאַטע זיינען אָנגעבלאָזן פון ווינט ווי זעגלען אויף א שיף אין מיטן ים.

און פון אויבן פון דאַך, שיקט דער טאַטע אַרונטער באַפעלן, ווי א קאַפּיטאַן:

— שמואליק, דערלאַנג דעם האַמער.

— ברענג אַהער אַט יענע ברעט.

און שמואליק גייט ניט — ער שפּרינגט, ער לויפט, ער פליט — ער בויט מיטן טאַטן אַ סוכה!

נו, איז עפּעס אַ וואונדער, וואָס שמואליק האָט ליב דעם יום־טוב סוכות?

דער טאַטע האָט אויסגעגראָבן די גריבער און אַריינגעשטעלט די סלופּעס. ער האָט צוגעקלאַפּט די ברעטער און שמואליק האָט דערלאַנגט צו דער האַנט די טשוועקעס, די זעג און דאָס צווענגל. אפילו אַ פענצטער האָבן זיי אַריינגעשטעלט אין דער סוכה. אמת, אַז אין פענצטער זיינען ניט געווען מער ווי צוויי שויבן, די אַנדערע צוויי זיינען געווען אויסגעבראָכן און מען האָט זיי באַדאַרפט פאַרקלאַפּן מיט ברעטלעך, אָבער פאָרט אַ פענצטער.

ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ סוכה, אַז די מאַמע האָט אַזש אָנגעקוואָלן.

דאָס איינציקע, וואָס ס'האָט געפעלט, איז געווען סכך פאַרן דאַך. און אויף דעם האָט מען באַדאַרפט וואַרטן ביז די פויערים וועלן עס ברענגען צו פירן פון דאָרף.

ב

דעם לעצטן טאָג, ערב סוכות, איז שמואליק מיטן טאַטן אויפ־געשטאַנען גאַנץ פרי, כדי אָפּצואוואַרטן די פּויערים מיטן סכך.

ס'איז געווען אַ קילער הארבסטיקער פרימאָרגן און די זון האָט זיך ערשט גענומען צעוואַרעמען, אָבער די פרייד אין הארצן, די דער־וואַרטונג אַז אָט באַלד וועט דער פּויער פאַרפאָרן מיטן סכך אויפן הויף און די סוכה וועט באַדעקט ווערן מיטן פרישן, שמעקנדיקן סכך — האָט געוואַרעמט יעדן אבר שמואליקס.

אַהיים געקומען מיטן סכך זיינען זיי ווען די זון האָט שוין גוט געוואַרעמט און דער גרינער סכך האָט געבלאַנקט און געהעלט אין דער זון. און נאָך זוניקער און ליכטיקער איז געוואָרן ווען דער טאַטע האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל ערגעץ טיף אין דער באָרד:

— נו, בחורעץ, וואָלסט אפשר חשק געהאַט אַרויפצוקלעטערן אויפן דאַך און אויסלייגן דעם סכך? נאָר זיי פאָרזיכטיק, זאָלסט ניט אַרונטערפאַלן.

צי שמואליק האָט חשק אַרויפקלעטערן אויפן דאַך? — מיט איין פלי איז ער שוין געווען אויבן.

און אַז שמואליק איז געווען אויבן האָט ער דערזען אַ ברייטע, פרייע וועלט, מיט דעכער, מיט סוכות. און ער האָט טאַקע דערזען דעם דאַך פון זייער רייכן שכנס סוכה. יאַנקל דער דינער איז גע־שטאַנען אויפן דאַך און צעלייגט דעם סכך און פון אונטן האָבן זיך געהערט די בייזע באַפעלן פון רב שלום, דעם רייכן שכן.

— יאַנקל, וואָס קריכסטו דאָרטן? גיב זיך אַ ריר!

— טרייסל ניט דעם סכך, י־אַ־נ־ק־ל!

די סוכה איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעעפנטן דאַך, ווי אַ פליגל פון אַ ריזיקן פויגל וואָס וויל פאַרדעקן יאַנקל דעם משרת און אַנט־לויפן מיט אים.

ווען שמואליק האָט גענומען אַראָפּקלעטערן פון לייטער, האָט זיך געעפנט דאָס פענצטער פון שכנס הויז און ס'האָט זיך דערהערט בערקעס שטים:

— מיר האָבן אַ שענערע סוכה. זי שטייט אַ גאַנץ יאָר. און אונדזער סוכה איז אויסגעפּוצט מיט אַלערליי פרוכטן און שיינע זאַכן. אייער סוכה איז אַ חורבה, צונויפגעקלעפּט מיט ניכטערן שפּייעכץ — האָט זיך בערקע געריצט.

— אונדזער סוכה האָבן מיר אַליין געבויט... — האָט שמואליק זיך צוריק געריייצט — איך און מיין טאַטע, און זי איז טויזנט מאָל שענער פון אייערער.

— אַט פאַלט זי איין, די חורבה — האָט זיך בערקע צעלאַכט און אַרויסגעשטעלט שמואליקן אַ צונג.

ווען שמואליקס טאַטע וואָלט ניט געווען דערביי, וואָלט בערקע שוין ניט גלאַט אָפּגעשניטן...

אַז דער דאַך איז באַדעקט געוואָרן מיט סכך און דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ כשרע שיינע סוכה, האָט שמואליק מיט זיין שוועסטער גיטל אַריינגעטראָגן צוויי לאַנגע בענק און אַ שטול אויבן־אָן פאַרן טאַטן.

שמואליק מיט גיטלען האָבן היינטיקס יאָר — בערקען אויף צו־להכעיס — אויסגעפּוצט די סוכה מיט שיינע פּרוכט. אמת, ניט מיט קיין טייערע וויינטרויבן. אויף שטריקלעך, וואָס זיי האָבן צו־געבונדן צו דער סטעליע, האָבן זיי אויפגעהאַנגען רויטע, ווייניקע עפּל.

דעם דיל האָט גיטל באַשאָטן מיט געל־גאָלדיקן זאַמד און די ווענט האָבן זיי באַהאַנגען מיט פרישע, גרינע צווייגן.

שמואליק האָט זיך פּשוט ניט געקענט אָנזעטיקן מיט דער סוכה. אַז אַלע זיינען אַרויס, האָט ער זיך געגעבן אַ קוליע איבער און אַרויסגעלאָזט אַ פריידיקן קוויטש.

וואָס גייט אים אָן די רייכע סוכה פון דעם שכן? — ניטאָ, דאַכט זיך, נאָך אַזאַ סוכה ווי זייער סוכה.

ג

קוים דערלעבט. שוין געקומען פון שול. שוין אויפן וועג אַהיים, האָט שמואליקן מיטן טאַטן באַגעגנט אַ בייז ווינטל, וואָס איז אַלע מאָל בייזער געוואָרן און געריסן שטיקער פון שמואליקס קאַפּאָטקע און נאָר געוואָלט אַרונטעררייסן זיין היטל. אָבער אין הויז איז געווען יום־טובדיק, פריידיק און ווער האָט געטראַכט פון בייזן דרויסן?

יום־טובדיק זיינען זיי אַריין אין סוכה, זיך אויסגעזעצט און גענומען וואַרטן ביז די מאַמע וועט ברענגען דאָס עסן.

דער ווינט איז אָבער געוואָרן וואָס אַמאָל בייזער, שטאַרקער, זיך גענומען אַריינרייסן דורך די שפּאַרונעס פון די ווענט, דורכן סכך אויפן דאַך. די סוכה האָט זיך גענומען שאָקלען. שמואליק האָט זיך אַ ביסל גענומען שרעקן, אָבער די פרייד האָט פאַרטריבן די שרעק. קיין לבנה האָט זיך ניט געזען דורכן סכך. דער הימל איז געוואָרן

שוואַרץ, פֿאַרוואָלקנט. דער ווינט איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, בייזער. איצט האָבן אַלע ממש געפֿילט ווי דער ווינט רייסט מיט זיינע געזונטע לאַפּעס די ווענט פֿון דער סוכה. דער טאַטע איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרטראַכטער, מיט די אויגן צו דער סטעליע.

ווען די מאַמע האָט אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש די יויך, האָט דער ווינט אַזאַ טרייסל געטאָן די סוכה, אַז גאַנצע בינטלעך סכך זיינען אַריינגעפֿאַלן אין די טעלער.

אַלעמענס אויגן זיינען איצט געווען אָנגעשטעלט אויף דער סטע־ליע, וואָס האָט זיך געוויגט ווי אַ שיף אויף אַ צעשטורעמטן ים.

אַ ווײַלע איז אַלץ שטיל געוואָרן. אין דער שטילקייט האָבן אַלע ווי געוואַרט אויף עפּעס, וואָס וועט באַלד מוזן פּאַסירן. און טאַקע מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ קרעכץ. די גאַנצע סוכה האָט זיך אַ וויג געטאָן און דער דאַך האָט זיך געגעבן אַ לאָז אַרונטער און איז געבליבן הענגען איבער די קעפּ, אָט־אָט און ער פֿאַלט אין גאַנצן אַרונטער.

די מאַמע האָט געגעבן אַ קוויטש, אַ כאַפּ געטאָן דעם לאָמפּ פֿון טיש און ווי אויף אַ באַפֿעל פֿון עמעצן האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן פֿון דער סוכה מיט די טעלער אין די הענט.

דער ווינט האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ אין דער מאַמעס האַנט. און ביים שיין פֿון קיך־פֿענצטער האָבן אַלע דערזען ווי די גאַנצע סוכה ברעכט צוזאַמען.

אַלע זיינען געשטאַנען ווי פֿאַרלאָרענע אין מיטן דער פֿינצטערער נאַכט.

פֿון שכנס סוכה האָט זיך דערהערט אַ פֿריילעך געזאַנג. דאָס העל־צעצונדענע פֿענצטער האָט זיך געריצט מיט שמואליקן.

שמואליקס סוכה איז געלעגן אַן איינגעפֿאַלענע.

דאָס האַרץ האָט אים פֿאַרקלעמט. זיינע אויגן זיינען אָנגעפֿילט געוואָרן מיט טרערן, טרערן פֿון פֿאַרדראָס:

בערקע האָט גאָר ניט געבויט און זיצט רואיק אין סוכה, און שמואליק האָט געבויט און געבליבן מיט גאָרניט...

פֿאַרשטיי די ווערטער:

שכן (שאָכן) — neighbor
סוד (סאָד) — סעקרעט
קאַפּאָטע — מאַנטל
סכך (סכאַך) — גרינע צווייגלעך

ערב־סוכות — ערעוו־סוקעס — דער טאָג פֿאַר סוכות
חלילה (כאַלילע) — עס זאָל ניט טרעפֿן

יעדן אבר (אייוועך) — יעדן טייל פון קערפער

געבלאַנקט — געגלאַנצט

אפשר (עפשער) — maybe

חשק (כיישעק) — פאַרלאַנג

שפּאַרונעס — cracks

לבנה (לעוואָנע) — moon

ים (יאַם) — ocean

גערענק :

דאָס האַרץ	די אַרבעט	דאָס געזאַנג	דאָס פענצטער

קענסטו לייענען די ווערטער ?

סוכה	אמת	ים	יום-טוב	חשק	שכן	לבנה

געדענקסטו ?

שטעל צו „דער״, אָדער „די״, און שרייב אַריין אין דיין העפט.

ד - גרינער בוים.
ד - גרויסע שטאָט.
ד - יידישע שול.
ד - ברייטער וועג.
ד - לאַנגע נאַכט.
ד - גוטער מענטש.
ד - שוואַרצע באָרד.
ד - בלויער הימל.
ד - פריילעכער יום-טוב.
ד - שווערע אַרבעט.
ד - שאַרפע זעג.
ד - שטאָלענער האַמער.

גראַמאַטיק

קומענדיקע צייט

1טע פערזאָן איינצאָל	1טע פערזאָן מערצאָל
איך וועל גיין אין שול	מיר וועלן גיין אין שול
איך וועל קומען אין שול	מיר וועלן קומען אין שול
איך וועל שטיין	מיר וועלן שטיין
איך וועל שפּרינגען	מיר וועלן שפּרינגען
איך וועל שווימען	מיר וועלן שווימען

אַ ר ב ע ט : שרייב די פינף ווערבן 1טע פערזאָן איינצאָל און מערצאָל : וואַקסן, ליגן, שלאָפן, פאָרן, לויפן.

אַ שפּיל אין גראַמען

• ז. ווײַנפּער

שפּילן קינדער זיך אין גראַמען,
ליאַרעמען זיי: — קאַמען! ימען!
אייגלעך, בעקלעך שײַנען, פלאַמען
און זיי האָבן טויזנט טעמען.

ביכל, שיכל, עס אַ קיכל,
וויש די נאָז אָפּ מיטן טיכל.
מיידל, אײַדל מיטן קליידל
דרייט זיך, דרייט זיך, ווי אַ דריידל.

יינגל, צינגל, מעסער-קלינגל,
קוליעט אום זיך, ווי אַ רינגל.
מערער, שערער, קוימענקערער
גראַמען דאָך זיך מיט אַ לערער.

ווײַזט דער לערער אויפן טאָפל,
גראַמט די חברה אים מיט קנאָפּל, —
ווײַבער קנאָפּל אויף די שיכלעך,
קינדער טראָגן זיך מיט ביכלעך.

לאַכט דער לערער מילד און מילדער
און ער ווײַזט זיי אויף די בילדער,
ווערן קינדער ווילד און ווילדער
און זיי מאַכן אַ געפּילדער.

קריכן איבער בענק און טישן,
ווערטער נעמען זיך צעמישן.
קנאָפּל, ימען, אַלץ צוזאַמען
און ניטאָ שוין מער קיין גראַמען.

בעט דער לערער: קינדער, שטילער,
ליאַרעמען זיי: שטילער, וויל ער!
זאָגט דער לערער שוין מיט רוגז:
אַז מען טומלט, וואָס זשע טויג עס?

זעען קינדער: שטילקייט וויל ער,
שרייען זיי שוין: שטילער! שטילער!
ביז מען זעצט זיך שטיל אַנידער
און מען נעמט זיך גראַמען ווידער.

קידער-ווידער, שיינע לידער,
אַלע מענטשן זיינען ברידער.
שמייכלט פריינטלעך שוין דער לערער
און מען גראַמט אַלץ מער און מערער.

פאַרשטיי די ווערטער:

גראַם — rhyme

געפילדער — טומל — noise

קנאַפל — heel

רוגז (רויגעז) — anger

קוימענקערער — chimney-sweeper

געדענק:

די שפּיל	דאָס בילד	די באַנק	דער טיש

גראַמאַטיק

קומענדיקע צייט

2טע פּערזאָן איינצאָל	2טע פּערזאָן מערצאָל
דו וועסט גיין אין שול	איר וועט גיין אין שול
דו וועסט קומען אין שול	איר וועט קומען אין שול
דו וועסט שטיין	איר וועט שטיין
דו וועסט שפּרינגען	איר וועט שפּרינגען
דו וועסט שווימען	איר וועט שווימען

אַרבעט: שרייב די פינף ווערבן 2טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל:
וואַקסן, ליגן, שלאָפן, פאָרן, לויפן.

אַרבעט: שרייב אַראָפּ אין דיין העפט, און לערן אויס.

אידיאָמען

וואָס מיינט עס?	עס מיינט:
נעמען די אויגן אין די הענט.	נאָך גאָרניט געגעסן.
היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ.	ווילן אַזוינס, וואָס ס'איז אומ־מעגלעך צו קריגן.
זיך אָנצינדן ווי אַ שוועבעלע.	שטאַרק אָפּהיטן.
ווען דאָס טעלערל פון הימל.	ווערן גיך אין כעס.
נאָך אין מויל ניט געהאַט.	גוט זוכן.

איינצאָל — מערצאָל

פּיל אויס די מערצאָל, און שרייב אַריין אין העפט.

אויג - אויגן	בלאַט - בלעטער	אייגל - אייגלעך	בלעטל - בלעטלעך
באַק -	בוך -	בעקל -	רינגל - -
ווינט - -	נאָז - -	ביכל -	ווינטל - -
שוך -	בוים -	שיכל -	נעזל - -
באַנק - -	קלייד - -	ביימל -	קליידל - -

ווערטלעך

אַרבעט: פּאָר צונויף די ווערטלעך, און שרייב זיי אַריין אין דיין העפט.

אויב ס'איז ניטאָ קיין מעל,	איז ערגער ווי דער טויט.
פון באָרשט מיט ברויט,	זיינען די באַקן רויט.
האָרעווע מיידעלע,	איז אויך ניטאָ קיין תורה.
אַז מ'האָט ניט קיין ברויט,	וועסטו האָבן אַ קליידעלע.

אַ פּרייז־פּייט

• פרומע שרה

א

אַ גרופּע יינגלעך פון עלף־צוועלף יאָר האָבן אָרגאַניזירט אַ קלוב. זיי האָבן געפונען אַ פאַרלאָזטע שטאַל ערגעץ אויף אַ ליידיקן לאָט, זי אויסגערייניקט, אויפגעראַמט, פאַרפּוצט מיט פּענער און מיט בילדער פון גרויסע „פּרייז פייטערס" און זיך דאָרטן פאַרזאַמלט. ס'האָט ניט לאַנג גענומען, און אַלע זיינען געוואָרן „פייטערס".

צוויי יינגלעך האָבן זיך מער אויסגעצייכנט פון אַלע. איינער עלף יאָר אַלט, אַ הויכער, אַ מאָגערער, מיט שוואַרצע שיינענדיקע אויגן און אַ קאָפּ שוואַרצע געדיכטע האָר און מיט אַ פּאָר שטאַרקע הענט. געהייסן האָט ער שלמה. דער צווייטער, וואָלף, איז געווען אַ ביסל עלטער, אָבער נידעריקער פון שלמהן. אַ רויטער, אַ גע־זונטער, מיט אַ פלאַם־רויטן קאָפּ האָר, אַ געזונטן קאַרק, ברייטע פּלייצעס און אייזערנע הענט. וואָלף האָט געקענט געבן אַ גוטן קלאַפּ. דערפאַר אָבער איז שלמה געווען פלינקער און קליגער פון וואָלפן.

ביידע „פייטערס" זיינען געווען מוטיק און גרייט צו גיין אין „רינג". שלמה איז געווען נאָך מוטיקער, ווייל זיינע חברים האָבן געזאָגט אַז ער וועט זיכער זיין דער געווינער. ער איז אַ פלינקער.

ב

אַ גאַנצע וואָך האָט מען שווער געאַרבעט צוגרייטנדיק דעם „רינג". מען האָט געבראַכט שטיקער סלופּעס, אריינגעקלאַפּט אין דער ערד, אַרומגעבונדן מיט שטריק, געשלעפּט ברעטער, קעסטלעך און געמאַכט לאַנגע בענק אַרום רינג. אַלע האָבן פלייסיק געאַרבעט, געשריבן בילעטן, איינלאַדונגען צום גרויסן „פייט". אַ „פּרייז" האָט מען אויך אָנגעגרייט — אַ מעדאַל פאַרן גבור, דעם „טשעמפּיאָן".

אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק. מע האָט קוים דערלעבט דעם טאָג פון „פייט". עס זיינען געקומען קינדער פון אַלע אַרומיקע גאַסן, אָנ־געפילט אַלע בענק. אַ סך זיינען געשטאַנען, אַנדערע קינדער האָבן אַריינגעקוקט דורך די שפּאַרונעס פון די ווענט. דאָס זיינען געווען די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין צען־סענטיקע אויף אַריינצוגיין. ס'איז געווען טומלדיק, מע האָט געשריען, געטופּעט מיט די פיס, געפּאַטשט מיט די הענט, גערופן: שלמה! וואָלף! די פירערס פון קלוב זיינען אַרומגעלאָפן צעטראָגענע, נערוועזע. וואָלפן האָבן זיי שוין געגרייט צום „פייט". אָבער שלמה איז נאָך ניט געווען. מ'האָט אים אַרומ־



געזוכט אין אַלע ווינקלען. ס'איז שוין שפּעט און שלמה איז נאָך אַלץ ניטאָ.

ג

שלמה איז אין דער צייט אַרומגעגאַנגען אין אַ פּאַרק איינער אַליין מיט האַרצווייטיק. וואָס זאָל ער טאָן? וואָס זאָל ער טאָן? ער קאָן ניט גיין אין רינג. עס האָט זיך אים געחלומט אַז ער וועט וואָלפן מאַכן פאַר אַ קאַליקע, מע וועט אים אַ צעבלוטיקטן, אַ צע־הרגעטן אַוועקפירן אין שפּיטאָל. ער וועט שטאַרק וויינען, טרערן וועלן זיך גיסן פון זיינע אויגן. זיין פּנים וועט זיין צעקרימט פון ווייטיק. „ער וועט קוקן מיט בייזע אויגן אויף מיר. איך קאָן ניט, כ'וועל ניט גיין זיך שלאָגן היינט," האָט ער גערעדט צו זיך.

שלמהס שטאָלץ האָט אָבער גערופן און געטענהט: „גיי, גיי! זיי וועלן לאַכן פון דיר. זיי וועלן דיך רופן „קאַווערד". שלמהס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. זיין גאַנצער קערפּער איז שטייף געוואָרן. ער האָט דעם קאָפּ הויך פאַררימן און געזאָגט צו זיך: איך גיי, זאָלן זיי ניט מיינען, אַז איך האָב מורא, אַז איך בין אַ „קאַווערד". ער האָט גענומען שטעלן פעסטע טריט, און מיט אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין זיין חלום. ער האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן און אויסגעשריען: „ניין! איך קאָן ניט — איך קאָן ניט. כ'וועל זיך ניט שלאָגן, אָבער איך מוז גיין אַלעמען אַלץ דערציילן."

ער האָט גענומען שנעל און נערוועז לויפן.

אַז ער איז אָנגעקומען, איז ער גלייך אַריין אין רינג מיט אימפּעט. ס'איז געוואָרן אַ פרייד, אַ טומל צווישן די קינדער. מע האָט געשריען: הוראַ! הוראַ שלמה! געפּאַטשט מיט די הענט, געקלאַפּט מיט די פיס: הוראַ, הוראַ! אַטאַ באַי, אַטאַ באַי, שלמה!

שלמה איז געבליבן שטיין דערשראָקן, געל ווי וואַקס. ער האָט געמאַכט מיט די הענט, און געבעטן עס זאָל זיין שטיל. ער וויל עפּעס זאָגן. ווען ס׳איז שטיל געוואָרן, האָט ער מיט שרעק און אַ פאַר־שטיקטן קול אָנגעהויבן:

— „קינדער, חברים, איך מוז אייך אַלץ דערציילן. מיר האָט זיך געחלומט אַ שרעקלעכער חלום. — טרערן האָבן אים געשטיקט, קוים וואָס ער האָט געקאָנט רעדן — מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך האָב זיך שוין געשלאָגן מיט וואָלפן, און איך האָב אים צעבלוטיקט, צע־שלאָגן און צעבראָכן די נאָז. מע האָט אים אַ האַלב־טויטן אוועקגע־פירט אין שפּיטאָל, און וואָלף האָט מיט בייזע אויגן געקוקט אויף מיר."

ווען שלמה האָט געענדיקט דערציילן האָט ער וויינענדיק אויס־געשריען: „כ׳וועל זיך ניט „פייטן". די קינדער זיינען פון שלמהס טרערן ניט געוואָרן גערירט. זיי האָבן געלאַכט, געשריען „קאָווערד", „האָסט מורא!" און מיט אַ פייפעריי האָט מען שלמהן פאַריאָגט פון רינג.

שלמה איז אַוועק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אַ צווייטער יינגל האָט פאַרנומען זיין אָרט, און דער „פייט" איז אָנגעגאַנגען.

***

ווען דער פייט האָט זיך געענדיקט, איז געווען מער, ווי שלמהן האָט זיך געחלומט. מע האָט ביידע יינגלעך אַוועקגעפירט צעבלו־טיקטע אין שפּיטאָל...

אויף מאָרגן, איז שלמה אַוועק זען זיין חבר וואָלפן. ער האָט אים געטראָפן אַ פאַרבאַנדאַזשירטן אין שרעקלעכע ווייטיקן. שלמה איז אַרויפגעפאַלן וואָלפן אויפן האַלדז און זיך שטאַרק צעוויינט.

ביידע חברים האָבן זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז מער וועלן זיי קיינ־מאָל נישט גיין אין „רינג".

פאַרשטיי די ווערטער:

אַ פאַרלאָזטע — empty

שטאַל — stable

מאָגערער — דינער — lean

קאַרק — neck

פלינקער — רירעוודיקער, שנעלער

איינלאַדונגען — invitations

קאַליקע — קריפּל

אימפּעט — hurry

פרייד — שמחה — joy

גבור (גיבער) — אַ שטאַרקער

אמת	אפשר	אסתר	ארץ-ישראל	אליהו-הנביא

אָט אַזוי־אָ
שרייבט זי,
שרה

• ב. גוטיאַנסקי

אָט אַזוי־אָ שרייבט זי, שרה:
מאַכט אַ קלעק אויף יעדער שורה,
דרייסיק גרייזן אויף אַ פּערטל
און זי פֿוילט זיך גאָר אַ קלער טאָן!

שטייען קאָטשערעס פֿאַרבויגן,
און כאָטש נעם אַרויס די אויגן.
פּונקט אין מיטן שטעקט אַ פֿלאָקן,
כ׳האָב אויף טויט זיך אַזש דערשראָקן.

כ׳בין געווען ביי אַלע שכנים:
— אפשר קענט איר איבערלייענען? —
אַלע הייזער אויסגעלאָפֿן,
קיינער האָט עס ניט געטראָפֿן.

רופֿט זיך אָן די שכנה בריינע:
— אפשר איז דאָס גאָר ציגיינערש?
טוט אַ קוק דער שכן יאָסי:
— אפשר איז דאָס עסקימאָסיש?

טוט אַ שמייכל כאַצקעס פֿאָטער:
— שאַט נאָר, אפשר איז עס טאָטעריש?
טוט אַ לאַך דער קליינער כאַצקע:
— נע, ס׳איז פּשוט אָנגעפּאַטשקעט.

כ׳בעט דיך, חברטע, צי חבר,
ס׳איז מיר זייער שטאַרק טשיקאַווע:
נעם באַקוק עס און באַטראַכט עס,
פּרוּװ און שטעל זיך אָן, ווי מאַכט עס.

טאָמער טרעפסטו כאָטש אַ ביסל,
בעט איך געבן מיר צו וויסן
מיט אַ בריוו, צי מיט אַ קאַרטל —
האָב אין זינען, איכ׳ל וואַרטן.

פאַרשטיי די ווערטער:

אַ קלעק — אַ פלעק

שורה (שורע) — ליניע — line

גרייז — פעלער — mistake

פשוט (פּאָשעט) —

טשיקאַווע — curious

קענסטו לייענען די ווערטער?

שרה	שורה	אפשר	פשוט	שכן	שכנה	חבר

אַנטאָנימען:

רואיק	אומשולדיק
געדולדיק	אומגליק
שולדיק	אומבאַשטימט
גערעכט	אומגעזונט
גליק	אומגליקלעך
צופרידן	אומגערעכט
גליקלעך	אומרואיק
געזונט	אומצוטרוי
באַשטימט	אומצופרידן
צוטרוי	אומגעדולדיק

אַרבעט: פּאָר צונויף די אַנטאָנימען, און שרייב זיי איבער אין העפט.

ביישפּילן:

שטיל	ווי פּוטער
גרין	ווי די לבנה
זיס	ווי אַ שטיין
ווייך	ווי אַ קויל
בלוי	ווי גאַל
עלנט	ווי גראָז
רויט	ווי אַ טויב
שיין	ווי האָניק
שוואַרץ	ווי דער הימל
ביטער	ווי אַ בוריק

אַרבעט: פּאַס צונויף די ביישפּילן, און שרייב זיי איבער אין העפט.

יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש

זײַ אַזוי גוט, און גיב מיר דײַן בוך. — Please give me your book.

אַ שײנעם דאַנק דיר, דזשעני. — Thank you, Jenny.

איך לייג זיך שלאָפן צען אַזייגער. — I go to bed at ten o'clock.

לערער, דערציילט אונדז אַ מעשה. — Teacher, tell us a story.

איך טרינק פיר גלעזער מילך יעדן טאָג. — I drink four glasses of milk each day.

אַ ר ב ע ט : לערן אויס די אונטערשיידן, און שרייב אַריין אין העפט.

גראַמאַטיק

ק ו מ ע נ ד י ק ע צ ײ ט

3טע פּערזאָן איינצאָל	3טע פּערזאָן מערצאָל
ער וועט גיין אין שול	זיי וועלן גיין אין שול
ער וועט קומען אין שול	זיי וועלן קומען אין שול
ער וועט שטיין	זיי וועלן שטיין
ער וועט שפּרינגען	זיי וועלן שפּרינגען
ער וועט שווימען	זיי וועלן שווימען

אַ ר ב ע ט : שרייב די פינף ווערבן 3טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל: וואַקסן, ליגן, שלאָפן, פאָרן, לויפן.

קענסטו לייענען די ווערטער?

טובה	טעות	טעם	טענה	ים	יעקב	יצחק

געדענקסטו?

שטעל צו „דער", אָדער „דאָס", און שרייב אַריין די זאַצן אין דײַן העפט.

ד - גרויסע אויג. ד - גאָלדענע האַרץ. ד - בלויער פויגל.

ד - אָפענע פענצטער. ד - גלאַטער דיל. ד - שאַרפע מעסער.

ד - שיינער פּאַרק. ד - פריילעכע געזאַנג. ד - שיינע קול.

דער ייִנגל פֿון קאַבריני בולוואַרד

• א. גאָלדבערג

אַ ייִנגל איינער אַליין

ביי אַ ניו־יאָרקער טענעמענט הויז — ערגעץ ביים סאַמע שפּיץ פֿון מאַנהעטען, וואו דער נאָרט ריווער און דער האָדסאָן באַגעגענען זיך — איז געשטאַנען דער יונגער מייקל גרעהעם. מייקל איז געווען אַן אומעטיקער און אַ פֿאַרטראַכטער. ער איז די לעצטע טעג שטאַרק פֿאַרטראַכט, מייקל. פֿון זיין טאַטן אין איטאַליע טראַכט ער, שוין עטלעכע וואָכן איז פֿון אים קיין בריוו ניט געווען. מייקל האָט שטאַרק ליב זיין טאַטן און די מלחמה שרעקט אים, און איטאַליע איז אַזוי וויט, אַזוי שרעקלעך וויט.

די מאַמע האָט נעכטן אָוונט געוויינט. זי האָט געמיינט, אַז מייקל זעט ניט, מייקל האָט אָבער יאָ געזען, און די מאַמע האָט זיך פֿאַרענטפֿערט.

— ווייסט, מייקל, מיר „איירישע” זיינען ניט פֿון די וויינער, אָבער איך האָב מורא, מייק, שוין עטלעכע וואָכן קיין בריוו ניטאָ.

מייקל האָט זי געוואָלט טרייסטן און ניט געוואוסט ווי אַזוי. ער האָט געזוכט אַ קלוג וואָרט אַזאַ, און — גאָרניט געפֿונען.

זי איז היינט אין דער פֿרי אַוועק צו דער אַרבעט מיט פֿאַרוויינטע אויגן, די מאַמע זיינע.

און מייקל שטייט לעבן הויז און געדענקט בלויז איין זאַך: „שוין עטלע־כע וואָכן קיין בריוו ניט, שוין עטלעכע וואָכן...״

אַ גענג גייט

פון דער ווייטנס האָט זיך באַוויזן „רעד״ מיט זיין גענג. מייקל האָט זיך געפּרוואווט באַהאַלטן, נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. די „גענג״ האָט אים שוין דערזען און מען איז געגאַנגען גלייך צו אים.

מייקל ווייס אַליין ניט ווי אַזוי ער האָט זיך לעצטנס צוגעטשעפּעט צו „רעדס״ חברה. מייקל האָט „רעדן״ ניט ליב געהאַט, האָט אַפילו פאַר אים אַ ביסל מורא געהאַט, און דאָך איז ער געגאַנגען מיט דער גענג. יעדע נאַכט, ווען מייקל איז צוריקגעקומען פון דער גענג, האָט ער זיך געפילט שלעכט, זיך געוואָלט אַ לאַנגע צייט וואַשן און רייניקן, זיך געשעמט צו קוקן דער מאַמען אין די אויגן אַריין, און איר אַלעמאָל געענטפערט מיט „גאַרניט״, ווען זי האָט אים געפרעגט וואָס ער האָט דעם טאָג געטאָן.

„רעד״ האָט אָנגעפירט מיט דער גענג. פינף יינגלעך זיינען זיי געווען, אַרום 13 ביז 15 יאָר אַלט. „רעד״ פלעגט פאַרפעלן אַ סך טעג אין סקול. זיין פאָטער איז געווען אַ שיכור און קיין מוטער האָט ער ניט געהאַט. „רעד״ האָט אַלעמאָל געהאַט אַ סך געלט און יעדן טאָג האָט ער געהאַט אַ „פּלאַן״, וואָס צו טאָן: איין טאָג פאַרשמירן אַ יידישע סינאַגאָגע, אַ צווייטן טאָג אָנשרייבן אויף דער סאָבוויי־סטאַנציעס מיאוסע זאַכן וועגן יידן, אַ דריטן טאָג אָנשלאָגן אַ יידיש יינגל.

די יינגלעך האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז „רעד״ קריגט געלט פון אימעצן, און אַז יעדע נאַכט זאָגט אים א־י־מ־ע־צ־ע־ר, וואָס ער זאָל דעם טאָג טאָן. ווער דער „אימעצער״ איז, האָט מייקל ניט געוואוסט.

מייקל איז שוין עטלעכע מאָל מיטגעגאַנגען מיט די יינגלעך. ער האָט געטאָן וואָס מ׳האָט אים געהייסן, ווייל ער האָט זיך געשעמט ניט צו טאָן. אָבער נאָך יעדן מאָל האָט ער באַשטימט ביי זיך, אַז אויס, מער ניט, קיינמאָל ניט, און — איז אויף מאָרגן ווידער געגאַנגען.

די „גענג״ איז שוין געשטאַנען לעבן אים.

— העלאָ, מייק.

— העלאָ, „גאַים״.

„רעד" האָט זיך אַרויסגערוקט, איז צוגעגאַנגען נאָענט צו מייקלען:

— ביסט גרייט, מייק?

מייקל האָט שווער געאָטעמט, איין רגע האָט ער זיך געוואָלט אויסדרייען און אַריין אין הויז, ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער „גענג", וואָס איז געשטאַנען אַרום אים, געזען די פינצטערע פנימער מיט די שאַרפע אויגן, האָט ער אַ רוק געטאָן דאָס היטל, טיפער אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס:

— אָקיי, איך בין גרייט.

נאָך אַ יינגל — איינער אַליין

דייווי האָט אַ מונטערער געשפּאַנט איבער קאַברייני בולוואַרד. ער האָט ליב געהאַט צו שטיין און אַראָפּצוקוקן אויפן האַדסאָן, זען ווי די „פּאַליסיידס" אויף דעם ניו-דזשוירזי ברעג ווערן וואָס אַמאָל טונקעלער און אַ פּורפּור-שלייער פאַלט אויף זיי.

דייווי האָט ליב דעם האַדסאָן. ספּעציעל האָט ער ליב אַט יענעם פלאַץ אין מיטן טייך, וועגן וועלכן זיין טאַטע האָט אים דערציילט. דייווי איז זיכער, אַז טאַקע דאָרט, אַקוראַט אויף יענעם פונקט, וואָס ער, דייווי, האָט איצט אויסגעקליבן, איז דער גרויסער קאָמאַנדיר דזשאָרדזש וואַשינגטאָן געבליבן שטיין אין מיטן שיפל און זיך אומגעקוקט אויף צוריק און דערזען ווי די ענגלישע „רעדקאָוטס" רייסן זיך אַריין אין דעם פאָרט וואַשינגטאָן אַריין און נעמען געפאַנגען אַ גרויסן טייל פון זיין אַרמיי. דייווי זעט קלאָר דאָס טרויעריקע פנים פון גרויסן קאָמאַנדיר, ס'האַרץ טוט אים וויי אויף וואַשינגטאָנען, ער וויל אים טרייסטן, דערמאָנען אַז דער סוף איז געווען אַ גוטער, דאָס פאָלק האָט געוואונען און איז געוואָרן פריי. זאָל ער זיך אַזוי ניט זאָרגן, וואַשינגטאָן, ס'האָט זיך אויסגעלאָזט גוט.

— „אַר יו איי דזשו?"

ווער האָט אים דאָס געפרעגט. זיכער ניט וואַשינגטאָן. וואַשינג-טאָן וואָלט אַזאַ פראַגע ניט געשטעלט.

דייווי האָט זיך אויסגעדרייט.

„אַר יו איי דזשו?"

די „גענג" איז געשטאַנען אַרום דייווין. די פנימער פינצטערע, וואַרטנדיקע. מייקל האָט זיך צוגעקוקט צום יינגל, דאַכט זיך ער האָט

אים עטלעכע מאָל פריער געזען אויף דער גאַס, ער זעט אויס אין זיינע יאָרן, 12 און אפשר 13, ניין, מסתמא 12.

— ביסטו אַ ייד? — "רעדם" אויגן האָבן געברענט, זיינע פויסטן זיינען געלעגן גרייטע אין די קעשענעס.

— יאָ, איך בין אַ ייד.

— אָ־קיי, גענג, "הי איז אָל יורס" — האָט "רעד" אַ קאָמאַנדע געטאָן. נעמט זיך צו אים.

מייקל האָט אַ קוק געטאָן אויפן יידישן יינגל. יאָ, זיכער 12, ניט מער. פונקט זיינע יאָרן. ער האָט געזען ווי די "גענג" האָט גענומען שלאָגן דעם יידישן יינגל.

מייקל האָט פלוצים פיינט געקראָגן "רעדן" און די גענג און זיך אַליין און מער ווי אַלץ זיינע צוויי הענט, וואָס האָבן געשלאָגן דעם יידישן יינגל גלייך מיט אַלעמען.

מייקל איז נאָך בייזער געוואָרן, געשלאָגן אַ סך און מיט כעס און געפילט, אַז דאָס שלאָגט ער זיך אַליין, זיין מאַמע מיט די פאַר־וויינטע אויגן, דעם טאַטן אין איטאַליע.

אַ בריוול פון איטאַליע

ווען מייקל איז אַריין אין הויז, האָט ער געטראָפן די מאַמע אַ פריילעכע און אַ לאַכנדיקע. זי האָט אים געטוליעט צו זיך און אים געוויזן דעם בריוו, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט.

— אָט איז ער דאָ, מייקל, אָט איז דער בריוו, פון אַ שפּיטאָל אין נאָרט־איטאַליע, אָבער ער איז אַלרייט, דער טאַטע דיינער, ער איז אַלרייט.

מייקל האָט געקוקט אויף איר, און געשוויגן. טרערן האָבן אים געשטיקט, די הענט, די מיאוסע, האָט ער נאָך טיפער אין קעשענע פאַררוקט.

די מאַמע האָט געלאַכט און געפּלאַפּלט פון פרייד:

— הער זיך צו, מייקעניו, צו אָט דעם טייל פון בריוו, דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. — איר קול איז ערנסט געוואָרן, טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער די באַקן, און זי האָט זיי אפילו ניט אָפּגעווישט:

"... און ס'וואָלט שוין פון לאַנג מער ניט געווען קיין פּעטריק גרעהעם אויף דער וועלט, ווען ניט אָט דער פריינט מיינער. אַליין בין איך געלעגן אויפן פעלד אַ פאַרוואונדעטער, די מאַשין־ביקסן האָבן געשטעפּט און קוילן זיינען ווי בעבלעך געפאַלן, שטעלט ער זיך איין דאָס לעבן, אָט דער "באַדי" מיינער, קריכט אַרוים אונטער אַ האָגל

קוילן, און ראַטעוועט דאָס לעבן פון פּעטריק גרעהעם, און — ווערט נאָך אַליין דערביי פאַרוואונדעט. אָט אַ מענטש! גיי ווייס, אַז אין ניו־יאָרק, פינף גאַסן פון דיר, וואוינט די גאַנצע צייט אַ מענטש, וואָס גאָט האָט געוואָלט אַז ער זאָל ראַטעווען דאָס לעבן פון פּעטריק גרעהעם. אַ שכן אונדזערער, זיין ווייב וואוינט אויף דער 190טער גאַס און הייסט אסתר שאַפּיראָ. גייט צו, מיין ווייב און מיין זון, צו איר, דערציילט איר, אַז אַ דאַנק איר מאַן איז פּעטריק גרעהעם נאָך אַלץ פּעטריק גרעהעם, כאָטש פאַרוואונדעט אויף אַ פוס..."

די מאַמע האָט נאָך און נאָך געלייענט. מייקל האָט שוין פון לאַנג ניט געהערט. זיינע הענט האָבן אים געברענט, ווי אַ מענטש זאָל טראָגן צוויי מיאוסע טויטע קעץ אין די קעשענעס... דער נאָמען האָט אים געשראָקן — שאַפּיראָ, שאַפּיראָ, שאַפּיראָ...

די מאַמע איז אויפגעשטאַנען.

— מאַמע, שאַפּיראָ איז אַ יידישער נאָמען?

די מוטער האָט אויף אים שאַרף אַ קוק געטאָן:

— און אַז אַ יידישער איז וואָס?

— גאָרניט, מאַמע.

אַן אָפענע טיר

דער וועג איז געווען אַ שווערער. מייקל האָט געציטערט אַז די מאַמע זאָל אים ניט אָנרירן די הענט, די מיאוסע הענט זיינע, וואָס האָבן געטאָן „רעדס" אַרבעט, די מיאוסע, מיאוסע הענט זיינע.

די מאַמע איז געווען אַזוי פול מיט איר פרייד, אַז זי האָט ניט באַמערקט אַפילו מייקלס שווייגן און זיין שטיל ציטערן.

דאָס הויז איז געווען אַ שיינס, אַ גרויס. אַ סך נעמען, אַ סך גלעקלעך. בלויז איין שאַפּיראָ — „מעקס שאַפּיראָ". דאָס איז עס.

די מאַמע האָט אָנגעקלונגען, און ביידע האָבן זיי זיך אַרויפּ־געלאָזט מיט די טרעפּ צום דריטן שטאָק. אָט איז עס. אַפּאַרטמענט 3־עף. די מאַמע קלינגט אָן.

די טיר האָט געעפנט אַ יונגע שיינע פרוי, אַ בלאָנדע, פּונקט ווי די מאַמע זיינע, אַפילו די האָר קעמט זי אויך אַזוי — אויף אַהינטער, אַוועק פון שטערן, פּונקט ווי די מאַמע זיינע.

— מרס. שאַפּיראָ?

— יאָ.

— איך בין מרס. גרעהעם. מיין מאַן האָט מיר פון איטאַליע געשריבן...

— קומט אַריין.

זיי זײַנען אַריין אינעווייניק.

אין ערשטן צימער אויף אַ קאַנאַפּע האָט מייקל דערזען ליגן אויפֿן בעט, מיט נאַסע טיכער פֿאַרשטעלט און פֿאַרדעקט אַ האַלב פֿון צע־שלאָגענעם פּנים, — דאָס יידישע ייִנגל פֿון קאַבריני בולוואַרד.

*
**

דער צעשלאָגענער דייווי איז געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און שטילערהייט געקרעכצט. ער האָט ניט געזען און ניט דערקענט מייקלען.

מייקל איז געבליבן שטיין לעבן דער טיר. אַלץ וואָס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט די לעצטע וואָכן און ספּעציעל דעם הײַנטיקן טאָג — האָט זיך פּלוצים אים אַוועקגעשטעלט אין האַלדז און אָנגעהויבן וואָרגן —

ער איז צוגעפֿאַלן צו דער מאַמען און לאַנג און ביטער און אָן חרפּה געוויינט אויפֿן קול...

פֿאַרשטייט די ווערטער:

רגע (רעגע) — סעקונדע

פּורפּור — purple

שלייער — veil

געפּלאַפּלט — chattered

קאַנאַפּע — couch

וואָרגן — שטיקן — choke

חרפּה (כאַרפּע) — שאַנדע — shame

סינאָנימען

אַ ר ב ע ט : פּאָר צונויף די סי־נאָנימען און שרײַב זיי אַרײַן אין העפֿט.

שלום	פֿרייד
חלום	שטאַרקייט
מלחמה	שקלאַף
שמחה	טרוים
קול	פֿרידן
כּוח	קוראַזש
מעכטיקע	קריג
מוט	שטאַרקע
האַס	שטימע
קנעכט	פּיינטשאַפֿט

אַנטאָנימען:

אַ ר ב ע ט : פּאָר צונויף די אַנ־טאָנימען און שרײַב זיי אַרײַן אין העפֿט.

געפֿרעגט	האַס
אפֿשר	שוואַך
געאַרבעט	מיאוס
מלחמה	געענטפֿערט
ליבע	סוף
גיך	גערוט
שיין	שלום
רעדן	אַוודאי
אָנהויב	שווײַגן
שטאַרק	פּאַמעלעך

אַ קעסטעלע מיט פאַרבן

• ל. בערקאָוויטש

האָב איך אַ קעסטעלע פאַרבן,
מאָל איך מיר אוים וואָס איך וויל:
אַ פייער אין פעלד ביי די גאַרבן
און פורן מיט תבואה ביי דער מיל;
אַ ברונעם, אַ שטאַנג מיט אַן עמער,
אַ יעגער, אַ בער און אַ האָז;
אַ טשערעדע וואָליקע לעמער
די קעפּ אָנגעבויגן צום גראָז;
אַ ים מיט געזעגלטע שיפן
און באַנען וואָס פאָרן אַוועק;
און העקער אין וואַלדיקע טיפן
מיט בליציקע זעגן און העק;
אַ רייטער מיט גאָלדענע שפּאָרן
אויף זיין אָנגעזאָטלטן פערד;
אַן אוצר וואָס ס'האָט ווער פאַרלאָרן
און איך הייב עס אויף פון דער ערד.
קויף איך דאָס פערד פונעם רייטער,
און זעץ זיך אַרויף און אַנטלויף
אַריבער די בערג און נאָך ווייטער,
ביז צו די וואָלקנס אַרויף.

דער בריוו	דאָס קאַרטל	דאָס גראָז	די וואָך

איצטיקע צייט

1טע פּערזאָן איינצאָל	1טע פּערזאָן מערצאָל
איך לערן אין שול	מיר לערנען אין שול
איך לייען „יונגוואַרג"	מיר לייענען „יונגוואַרג"
איך זע דאָס בילד	מיר זעען דאָס בילד
איך טרינק מילך	מיר זינגען אַ ליד
איך זינג אַ ליד	מיר טרינקען מילך

אַרבעט: שרייב די פינף ווערבן 1טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל:
רעדן, שרייבן, טאַנצן, עסן, וואַשן.

וואָס טוט מען מיט די זאַכן ?

מיט אַ מעסער	שערט מען	מיט אַ נאָדל	נייט מען
מיט אַ קעמל	אַקערט מען	מיט אַ זעג	שרייבט מען
מיט אַ פען	קלאַפּט מען	מיט אַ שער	שניידט מען
מיט אַ בעזעם	קעמט מען	מיט אַ מעקער	מעקט מען
מיט אַ האַמער	זעגט מען	מיט אַן אַקער	קערט מען

אַרבעט: דער זעצער האָט דאָ צעמישט די זאַצן. זוך אָפּ וואָס מען טוט מיט די אַלע זאַכן, און שרייב איבער אין דיין העפט.

שפּריכווערטלעך

אַ גאַסט אויף אַ ווייל ----	איידער איין מאָל בלאָנדזשען.
בעסער צוויי מאָל פרעגן,	ווי בוימל אויפן וואַסער.
פון ליידיקע פּעסער,	זעט אויף אַ מייל.
פרעגט ניט דעם דאָקטער,	איז דער טומל גרעסער.
דער אמת קומט אַרויף,	פרעגט דעם קראַנקן.

אַרבעט: פּאַר צונויף די שפּריכווערטלעך, און שרייב זיי איבער אין העפט.

וואָס איינער טוט ?

ווער קערט די גאַסן ?	אַ שוסטער	ווער מאַכט מעבל ?	אַ גערטנער
ווער פאַרריכט שיך ?	אַ שמיד	ווער היילט קראַנקע ?	אַ סטאָליער
ווער פלאַנצט ביימער ?	אַ בעקער	ווער אַקערט די ערד ?	אַ שניידער
ווער לערנט קינדער ?	אַ פויער	ווער באַקט ברויט ?	אַ לערער
ווער נייט קליידער ?	אַ גאַסן-קערער	ווער שמידט אייזן ?	אַ דאָקטער

אַרבעט: שרייב איבער, און שטעל צו דעם ריכטיקן נאָמען צו וואָס איינער טוט.

ווינטער

• ז. ווײַנפּער

אײַנגעוויגט און אײַנגעשלאָפֿן,
ווי אַ יונגער שײנער צווילינג,
אָטעמט שטיל דער ברוינער זומער
בײַ דער זײַט פֿון גרינעם פֿרילינג.

ווי אַ באָבע וואַכט דער ווינטער
איבער זײער וויגל —
ווײַסע פּלאַטערדיקע פֿײגל
פֿאָכן מיט די פֿליגל.

פֿאַלן פֿעדערלעך פֿון אויבן,
פּוכקענקע און ווײַסע,
און דער פֿראָסט, אַ קנאַקנדיקער
לײענט זײ אַ מעשה.

מעשה, מעשה, מעשהלע:
פֿײגל, הינט און בערן,
און דער פֿרילינג מיטן זומער
ליגן שטיל און הערן.

גדענק:

דער ווינטער	דער פֿרילינג	דער זומער	דער האַרבסט

קענסטו לייענען די ווערטער?

מאכל	מזל	מעשה	מפּלה	מצה	מתּנה

איצטיקע צייט

2טע פּערזאָן איינצאָל	2טע פּערזאָן מערצאָל
דו לערנסט אין שול	איר לערנט אין שול
דו לייענסט „יונגוואַרג"	איר לייענט „יונגוואַרג"
דו זעסט דאָס בילד	איר זעט דאָס בילד
דו זינגסט אַ ליד	איר זינגט אַ ליד
דו טרינקסט מילך	איר טרינקט מילך

אַרבעט: שרייבט די ווערבן 2טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל: רעדן, שרייבן, טאַנצן, עסן, וואַשן.

ווערטלעך

אַ קראַנקן פרעגט מען,	וועל איך וויסן ווער דו ביסט.
ווענט האָבן אויערן,	ווי די ציינער קנאַקן.
זאָג מיר ווער דיין חבר איז,	אַ געזונטן גיט מען.
מען דערקענט אין די באַקן,	גאַסן האָבן אויגן.

אַרבעט: פּאָר צונויף די ווערטער, און שרייב זיי אַריין אין דיין העפט.

„ג" אָדער „ק"

אַרבעט: שטעל אַריין „ג" אָדער „ק" וואו מ'דאַרף, און שרייב איבער אין העפט.

דער שטיין זינ-ט אין וואַסער. דער פויגל זינ-ט און שפּרינ-ט. מיין מאַמע שטרי-ט פאַר מיר הענטשקעס. דער סטאָליער זע-ט מיט דער זעג. דער קרעמער ווע-ט צוקער. דער זייגער וועקט מיך פון שלאָף. איך האָב אַוועקגעליי-ט די ביכער אויף אַן אָרט. דער גלאָק קלינ-ט גלין גלאָן. דער לערער זאָ-ט, אַז איך האָב אַ שיינע האַנטשריפט. ווער עס פרע-ט, דער בלאָנדזשעט נים.

דאָס קלוגע פּאַסטעכל

• מ. ש־ר

א

אַמאָל האָט אַ קייסער געוואָלט אויסגעפינען, צי זיין עצה־געבער איז טאַקע אַזאַ קלוגער. האָט ער אים געפרעגט דריי פראַגעס:

די ערשטע פראַגע איז געווען: ווי ווייט איז דער הימל פון דער ערד? די צווייטע פראַגע: וואָס טראַכט איך? און די דריטע: וואָס האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען?

— „ווען דו וועסט מיר געבן די ריכטיקע ענטפערס — האָט דער קייסער געזאָגט — וועל איך וויסן, אַז דו ביסט טאַקע אַ קלוגער מענטש. און איך וועל דיך באַלוינען מיט דער פולער האַנט.״

האָט דער עצה־געבער געזאָגט:

— „האָסט מיר געשטעלט דריי שווערע פראַגעס. און אויף דער מינוט קאָן איך זיי ניט פאַרענטפערן. גיב מיר דריי טעג צייט, וועל איך זיך באַטראַכטן, און דיר געבן די ריכטיקע ענטפערס.״

— „גוט, — האָט געענטפערט דער קייסער — איך גיב דיר דריי טעג.״

ב

דער עצה־געבער האָט געהאַט אַ רייכע זומער־וואוינונג ניט ווייט פון דער הויפּטשטאָט, ערגעץ אויפן לאַנד. טראַכט ער ביי זיך: „אין שטאָט איז טומלדיק. וועל איך זיך בעסער אַריבערכאַפּן אויפן לאַנד. דאָרט איז שאַ, שטיל. און קיינער וועט מיר ניט שטערן צו טראַכטן וועגן די דריי פראַגעס.״

געקומען אויפן לאַנד, האָט ער געטראַכט איין טאָג און ניט געקאָנט געפינען קיין ענטפערס. געטראַכט אַ צווייטן טאָג, און נאָך אַלץ ניט אויסגעטראַכט די ריכטיקע ענטפערס. איז ער שוין געוואָרן אומרואיק, ווייל מאָרגן ביינאַכט ענדיקן זיך שוין די דריי טעג. און מיט וואָס וועט ער קומען צום קייסער?

אויפן דריטן טאָג איז ער אַרויס אויף אַ שפּאַציר אין פעלד. גייט ער אַזוי, גייט און טראַכט און טראַכט. ביז ער איז געקומען צו דער לאַנקע, וואו זיין פּאַסטעכל האָט געפּיטערט די שאָף. דער עצה־געבער האָט אים ניט באַמערקט, ווייל ער איז געווען זייער פאַרטראַכט.

דאָס פּאַסטעכל האָט געזען אַז זיין באַלעבאָס גייט אַרום אַזוי פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט. פרעגט ער אים:

— מיין האַר, וואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט? אפשר קען איך דיר מיט עפּעס העלפן?

דער עצה־געבער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף, אַ קוק געטאָן אויפן פּאַסטעכל און געטראַכט: „ס'פּאַסט טאַקע ניט פאַר מיר צו פאַרטרויען זיך פאַרן פּאַסטעכל. נאָר ווער ווייסט, אפשר איז ער גאָר ניט אַזאַ נאַר, ווי איך דענק?" און ער האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה.

אויסגעהערט די מעשה, זאָגט דאָס פּאַסטעכל:

— גיב מיר דיינע קליידער, און דו נעם מיינע. דו וועסט אַכטונג געבן אויף די שאָף, און איך וועל גיין אויף דיין אָרט צום עצה־געבער.

— גוט, — זאָגט דער עצה־געבער און ער טראַכט: לאָמיך זען וואָס דאָ וועט זיין.

דאָס פּאַסטעכל האָט אָנגעטאָן דעם עצה־געבערס קליידער, איז אים גאָר ניט געווען צו דערקענען. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער מיניסטער, און דער עצה־געבער האָט אויסגעזען אין די אַלטע לייוונטענע שמאַטעס ווי אַ געבוירענער פּאַסטעך.

ג

צו דער באַשטימטער צייט איז דאָס פּאַסטעכל אָנגעקומען צום קייסערס פּאַלאַץ. דער קייסער איז געזעסן אין גאָרטן און האָט שוין געוואַרט אויף זיין עצה־געבער.

— מיין ליבער קעניג, — האָט זיך דערהערט אַ שטימע — כ'האָב געטראַכט די גאַנצע דריי טעג וועגן דיינע פראַגעס. איצט בין איך גרייט דיר ענטפערן.

האָט דער קייסער אים געפרעגט: „ווי ווייט איז דער הימל פון דער ערד?"

דאָס פּאַסטעכל האָט געענטפערט: „אַזוי ווייט ווי די ערד פונעם הימל."

— „וואָס טראַכט איך?" — האָט דער קייסער געפרעגט די צווייטע פראַגע.

— „דו טראַכסט, אַז איך בין דיין קלוגער עצה-געבער, און איך בין עס ניט," — האָט געענטפערט דאָס פּאַסטעכל.

דער קעניג איז פאַרוואונדערט געוואָרן, און ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און צוקומען נעענטער צום פּאַסטעכל.

— „פרעג דיין דריטע פראַגע, מיין האַר," — האָט דאָס פּאַסטעכל געזאָגט מיט אַ מוטיק קול. און דער קייסער האָט געפרעגט:

— „וואָס האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען?"

און דאָס פּאַסטעכל האָט געזאָגט: „קום מיט מיר, וועסטו זען אַזאַ זאַך, וואָס דו האָסט נאָך קיינמאָל ניט געזען."

איז דער קייסער געגאַנגען מיטן פּאַסטעכל, און געזען ווי זיין עצה-געבער זיצט אָנגעטאָן ווי אַ פּאַסטעכל, און גיט אַכטונג אויף די שאָף.

ווען דער קייסער האָט אויסגעפונען ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, האָט ער געזאָגט: „אויב אַזוי, זיי-זשע דו מיין עצה-געבער, און זאָל ער שוין בלייבן ביי די שאָף." און אַזוי איז געבליבן.

פאַרשטיי די ווערטער:

פּאַסטעכל — shepherd	הויפּטשטאָט — capitol
עצה-געבער — ראַט-געבער	לאָנקע — meadow
באַלוינען — reward	האַר — באַלעבאָס

געדענק:

דער ענטפער	די שטאָט	די צייט	דער גאָרטן

קענסטו לייענען די ווערטער?

כוח	כלה	כעס	לבנה	למשל	לשון

געדענקסטו?

שטעל צו „דער", אָדער „די", און שרייב איבער אין העפט.

ד - פריילעכע שפּיל. ד - שוואַרצער טיש. ד - ערשטע וואָך.

ד - יידישע בריוו. ד - ריכטיקער ענטפער. ד - גרויסע שטאָט.

„איז“ אָדער „זיינען“

זומער -- די שול געווען צוגעמאַכט. עס -- געווען זייער היים, און די קינדער -- געגאַנגען זיך באָדן. דער האַרבסט -- געקומען. די פייגל -- אַוועקגעפלויגן אין די וואַרעמע לענדער. די קינדער -- צו-ריקגעקומען אין שול. דער לערער -- געקומען פריער פון אַלעמען. די קינדער -- געווען צופרידן צו טרעפן זייער לערער. די נייע ביכער -- זייער שיינע. די יידישע שפּראַך -- די שפּראַך פון די יידן אויף דער גאַנצער וועלט.

אַ ר ב ע ט: שרייבט אַריין „איז“ אָדער „זיינען“, און שרייב די לעקציע אין דיין העפט.

אַנטאָנימען		סינאָנימען:	
אָפּט	קורץ	געשמועסט	אפשר
פריילעך	טייער	טייל	כבוד
פריינט	האַרט	שרעק	געלעגער
ליכטיק	שמוציק	טאָמער	קלערן
הויך	זעלטן	בלייך	פּאַוואָליע
ברייט	אומעטיק	טראַכטן	טעות
ווייך	פּיינט	בעט	בלאָס
ריין	פינצטער	פּאַמעלעך	חלק
לאַנג	שמאָל	גרייז	גערעדט
ביליק	נידעריק	רעספּעקט	מורא

אַ ר ב ע ט: פּאָר צונויף די אַנטאָנימען און שרייב איבער אין דיין העפט.

אַ ר ב ע ט: פּאָר צונויף די סינאָנימען, און שרייב איבער אין דיין העפט.

אַ קויל שניי

• ע. ד׳אַמיטשים

היינט אין דער פרי האָט זיך, בשעת דעם אַרויסגיין פון שול, געטראָפן אַ מיאוסער צופאַל.

אַ חברה ייִנגלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו וואַרפן מיט קוילן שניי. דער שניי האָט שוין געהאַלטן אין צעגיין, און די קוילן זיינען געווען שווער און האַרט ווי שטיין.

אויפן טראָטואַר זיינען געווען אַ סך מענטשן. איינער האָט אַ געשריי געטאָן:

— אין דער זייט, קליינוואַרג!

אין דער זעלביקער רגע האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעך געשריי אויף דער צווייטער זייט גאַס, און מיר האָבן דערזען עפּעס אַן אַל־טיטשקען, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו בייגן. דער קאַפּעליוש איז אים פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זיך דאָס פּנים פאַרדעקט מיט די הענט, און עפּעס אַ ייִנגל לעבן אים האָט געשריען:

— הילף! הילף!

זיינען זיך מענטשן צונויפגעלאָפן פון פאַרשיידענע זייטן. זיי האָבן דערזען — דעם אַלטן האָט געטראָפן אַ שניי־קויל גלייך אין אויג אַריין.

די ייִנגלעך זיינען זיך צעפלויגן ווי אַ ווינט. איך בין געשטאַנען פאַר דער טיר פון דער בוכהאַנדלונג, וואוהין מיין טאַטע איז אַריינ־געגאַנגען, און געזען, ווי פון דאָ און דאָרט זיינען זיך צונויפגעלאָפן עטלעכע פון מיינע חברים און אויך שטיין געבליבן, מאַכנדיק זיך, ווי זיי קוקן אויף דער אויסשטעלונג פון די ביכער.

עס איז צווישן זיי געווען גאַראָן, מיט זיין געוויינטלעכן שטיק ברויט אין קעשענע, קאָרעטי, גאַראָפי און אַנדערע.

דערווייל האָט זיך אַרום דעם אַלטן צונויפגעקליבן אַן עולם, און אַ פּאָליציאַנט און נאָך אַנדערע מענטשן זיינען אַרומגעלאָפן אין אַלע זייטן, דראָענדיק און פרעגנדיק:

— ווער האָט דאָס געטאָן? וועלכער פון אייך? דו האָסט גע־וואָרפן? זאָג, ווער האָט דאָס געטאָן? — און זיי האָבן באַקוקט באַ די ייִנגלעך די הענט: ווער האָט נאַסע הענט פון שניי.

גאַראָפי איז געשטאַנען צום נאָענטסטן פון מיר. עס האָט זיך



מיר געדאַכט, אַז ער ציטערט, און אַז דאָס פּנים איז בײַ אים ווײַס ווי קאַלך.

— ווער האָט געוואָרפֿן? וועלכער פֿון אײַך? — שרײַען אַרום אונדז די מענטשן.

און דעמאָלט האָב איך דערהערט, ווי גאַראַן האָט אײַנגערוימט גאַראַפֿין:

— גיי, זײַ זיך מודה! עס וואָלט געווען געמיין פֿון דײַן זײַט, ווען דו וואָלסט דערלאָזט מען זאָל פֿאַרהאַלטן אַן אַנדערן.

— אָבער איך האָב דאָך ניט אומישנע... — האָט גאַראַפֿי געציטערט, ווי אַ בלאַט אויפֿן ווינט.

— דאָס איז גאַרניט, טו, וואָס דײַן חוב איז! — האָט גאַראַן איבערגעחזרט.

— אָבער איך האָב דאָך מורא...

— האָב ניט קיין מורא! איך וועל גיין מיט דיר! איך וועל דיך פֿאַרענטפֿערן! — און אָנכאַפּנדיק זײַן אָרעם, האָט ער אים אַ שטופּ געטאָן פֿאָרויס.

האָבן דאָס דערזען מענטשן, האָבן זיי פֿאַרשטאַנען. און עטלעכע פֿון זיי זײַנען אָנגעלאָפֿן מיט אויפֿגעהויבענע פֿויסטן. גאַראַן אָבער האָט גאַראַפֿין פֿאַרשטעלט און געזאָגט:

— וואָס איז? גאַנצע צען גייט איר אויף איין ייִנגל?

האָבן זיי זיך באַלד אָפּגעהאַלטן און דער פּאָליציאַנט האָט אָנגענומען גאַראַפֿין בײַ דער האַנט און אים געפֿירט.

— איך האָב ניט אומישנע — האָט זיך גאַראַפֿי געבעטן, אַ האַלב־טויטער פֿון שרעק — איך האָב ניט אומישנע...

צוויי צי דרײַ מענטשן האָבן אים אַ שרעקלעכן שטויס געטאָן, שרײַענדיק:

— בעט אַנטשולדיקונג! — און זיי האָבן אים אומגעוואָרפֿן.

אין דער רגע אָבער האָבן אים צוויי שטאַרקע אָרעמס אויפֿגעהויבן, און עס האָט זיך דערהערט אַ מענלעך קול:

— ניין, מײַנע הערן!

דאָס איז געווען אונדזער דירעקטאָר, וואָס האָט אַלץ געזען.

— אַז ער האָט געהאַט מוט זיך מודה צו זיין — האָט ער ווייטער גערעדט — האָט קיינער ניט קיין רעכט אים צו שטויסן!

אַלע זיינען געבליבן שטיל.

— בעט אַנטשולדיקונג! — האָט איצט דער דירעקטאָר געזאָגט צו גאַראַפּין, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, אַרומנעמענדיק דעם אַלטנס קני.

און דער אַלטער האָט אים אַ גלעט געטאָן איבער די האָר.

דעמאָלט האָבן זיך עטלעכע מיט גערירטע שטימען אָנגערופן:

— גיי, יינגל, אַהיים! גיי, גיי אַהיים!

אויפן וועג אַהיים האָט מיר דער טאַטע געזאָגט:

— הענריק! און דו וואָלסט אין אַן ענלעכן פאַל געקאָנט האָבן אַזויפיל מוט צו דערפילן דיין חוב און זיך מודה צו זיין אין דער שולד?

— יאָ — האָב איך געענטפערט.

און דער טאַטע האָט געזאָגט:

— גיב זשע מיר, מיין זון, דאָס וואָרט פון אַן אָרנטלעכן און ערנהאַפטן יינגל, אַז דו וועסט אַזוי טאָן!

— כ'גיב דיר דאָס וואָרט, טאַטע!

פאַרשטיי די ווערטער:

בשעת (בעשאַס) — during
טראָטואַר — sidewalk
רגע (רעגע) — סעקונדע
קאַפּעליוש — hat
בוכהאַנדלונג — book-store

איינגערוימט — whispered
מודה זיין (מוידע) — to confess
אומישנע — purposely
חוב (כויוו) — פליכט — duty
קול (קאָל) — שטימע
שטויסן — שטופּן.

געדענק:

דער שטיין	די שרעק	דאָס פּנים	דאָס וואָרט

געדענקסטו?

שטעל צו "דער", אָדער "די", און שרייב איבער אין העפט.

ד - געשמאַקע ברויט. ד - שיינע בילד. ד - קאַלטערווינטער.

ד - שטאַרקער פראָסט. ד - ריכטיקע וואָרט. ד - האַרטער שטיין.

ד - שיינער גאָרטן. ד - ליבער פרילינג. ד - פאַרלוירענער אוצר.

חנוכה־געלט

• שלום־עליכם

1.

— מאַטל, גיי צו, זאָג אים חנוכה־געלט.

— וואָס עפּעס איך זאָל זאָגן חנוכה־געלט?

— אַזוי, וואָרים דו ביסט קלענער, באַדאַרפסטו בעטן חנוכה־געלט.

— און אפשר, ווייל דו ביסט עלטער, באַדאַרפסטו גאָר בעטן חנוכה־געלט?

דער טאַטע הערט גאַנץ גוט, אַז מיר רעדן פון חנוכה־געלט, נאָר ער מאַכט זיך, ווי ער הערט נישט. שטיל, נישט געכאַפּט, גייט ער צו צום טישקעסטל און ציילט געלט. עס גייט אונדז איבער אַ קליין פרעסטל איבערן לייב, עס ציטערן די הענט, עס קלאַפּט דאָס האַרץ. מיר קוקן אויף דער סטעליע, קראַצן זיך אונטער דער פּאה, מאַכן זיך כלומרשט קאַלטבלוטיק, גלייך ווי ניט אונדז מיינט מען.

דער טאַטע טוט אַ הוסט.

— המ... קינדער, קומט נאָר אַהער.

— האַ? וואָס איז?

— נאַט אייך חנוכה־געלט.

באַקומען אונדזער חנוכה־געלט, לאָזן מיר זיך גיין, איך און מיין ברודער מאַטל. פריער פּאַוואָליע, ווי די סטאַטיקעס, און נאָכדעם גיכער און גיכער מיט אַ שפּרונג אונטער און מיט אַ טענצל, און ביז

מיר קומען אין אונדזער חדרל אריין, קאָנען מיר זיך ניט איינהאַלטן, קוליען זיך איבער דריי מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פּיס אַרויף, שפּרינגען אויף איין פוס און זינגען אונטער:

איינגע-בענגע,
סטופּע-ציינגע,
אַרצע-באַרצע,
גאָלע-שוואַרצע,
איימעלע-ריימעלע,
בייגעלע-פייגעלע,
האָפּ!

און פאַר גרויס שמחה גיבן מיר זיך אַליין צו צוויי פּעטש אין די באַקן.

2.

עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין דער פעטער בעני.

— חברה פּלעצל, אייך קומט חנוכה-געלט!

דער פעטער בעני נעמט אַרויס צוויי זילבערנע גילדן און גיט אונדז חנוכה-געלט.

קיינער אין דער וועלט וועט ניט זאָגן, אַז דער טאַטע און דער פעטער בעני זיינען ברידער. דער טאַטע — אַ הויכער, אַ דאַרער; דער פעטער בעני — אַ קורצער, אַ גראָבער; דער טאַטע — אַ שוואַרצער; דער פעטער בעני — אַ געלער; דער טאַטע — אַן אומעטיקער, אַ שווייגער; דער פעטער בעני — אַ פריילכער, אַ רעדנער; טאָג מיט נאַכט, זומער און ווינטער — און דאָך אייגענע ברידער.

דער טאַטע נעמט אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר, צעווירעט אויף קעס-טעלעך, שוואַרצע און ווייסע, הייסט אַריינטראָגן פון קיך פאַסאָליעס, שוואַרצע און ווייסע — דאָס וועט זיין אַ דאָמינע.

— איין זאַך וועל איך דיך בעטן, בעני, אַ גאַנג זאָל זיין אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער פעטער בעני און גייט אַ גאַנג.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער טאַטע און שלאָגט אָפּ דעם פעטער בענים אַ ציגל.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג — זאָגט דער פעטער בעני און שלאָגט אָפּ דעם טאַטנס צוויי ציגלעך.

וואָס ווייטער - ווייטער לאָזן זיי זיך אַריין אין דער שפּיל אַלץ טיפער, קייען די בערד, טרייסלען מיט די פּיס אונטער טיש און זינגען שטילערהייט ביידע איין לידל.

— אוי, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? — זינגט דער טאַטע און קייט איין עק באָרד — זאָל איך גיין אַהער? וועט ער גיין אַהין. וועל איך גיין אַהין? וועט ער גיין אַהער. באַדאַרף מען בעסער גיין אַזאַ מין גאַנג!

— אַזאַ מין גאַנג, אַזאַ מין גאַנג! — העלפט אים אונטער דער פעטער בעני.

— וואָס זשע באַדאַרף איך מורא האָבן? — זינגט דער טאַטע ווייטער — טאָמער שלאָגט ער מיר אָפּ יענעם ציגל? וועל איך באַ אים צונעמען צוויי ציגלעך. איי, וואָס? טאָמער מיינט ער מיר שלאָגן דריי ציגלעך?

— דריי ציגלעך, דריי ציגלעך, דריי ציגלעך — העלפט אים אונטער דער פעטער בעני.

— אוי, ביסטו אַ טפש, בעני, אַ טפש און אַ גרויסער! — זינגט דער טאַטע און גייט אַ גאַנג.

— ביסט אַליין אַ טפש, מיין ברודער, און נאָך אַ גרעסערער! — זינגט דער פעטער בעני און גייט אַ גאַנג און פאַרכאַפּט זיך באַלד צוריק.

— פּע, בעני, מיר האָבן דאָך גערעדט, אַ גאַנג איז אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע שוין אָן אַ ניגון און כאַפּט דעם פעטער בעני פאַר דער האַנט.

— כל־זמן איך האַלט אין מיטן גאַנג, מעג איך מיר גיין וואוהין איך וויל — זאָגט דער פעטער בעני.

— ניין! — זאָגט דער טאַטע — אַ גאַנג איז פאַרפאַלן! מיר האָבן דאָך עפּעס געשמועסט, בעני, אָן חרטה!

— חרטה? — זאָגט דער פעטער בעני — וויפיל מאָל מאַכט זיך, אַז דו האָסט חרטה?

— איך? — זאָגט דער טאַטע — ע, בעני, דערפאַר האָב איך דאָך פיינט מיט דיר צו שפּילן אין דאַמינע!

— ווער זשע נויט דיך, זאָלסט מיט מיר שפּילן?

— שוין? מע קריגט זיך שוין איבער אַ פאַסאָלקעלע? — רופט זיך אָן די מאַמע און קומט אָן פון קיך מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים, און נאָך איר — בריינע מיט אַ גרויסן פאָלומעסיק מיט הייסע לאַטקעס מיט שמאַלץ. פון די לאַטקעס זעצט אַ פאַרע. אַלע לאָזן זיך צום טיש. איך און מיין ברודער מאָטל, וואָס האָבן זיך פריער אַ ביסל געקריגט, געריסן ווי די קעץ, בעטן זיך גיך איבער, ווערן שלום און זעצן זיך צו די לאַטקעס.

3.

ביינאַכט אויפן געלעגער ליג איך און טראַכט:

וויפיל קאָן זיך, אַ שטייגער, באַ מיר צונויפקלייבן, אַז אַלע פעטערס מיט אַלע מומעס מיט אַלע קרובים וועלן מיר געבן חנוכה־געלט?

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— וויפיל מיינסטו וועט אונדז געבן דער פעטער משה־אהרן חנוכה־געלט?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? איך בין דען אַ נביא?

אין אַ מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— עמעצער האָט אַזויפיל פעטערס מיט אַזויפיל מומעס, ווי מיר?

— אָדער יאָ, אָדער ניין.

אין צוויי מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— ווי באַלד דו שלאָפסט, היינט ווי אַזוי רעדסטו מיט מיר ?
— דו פרעגסט דאָך מיך, מוז איך ענטפערן.
אין דריי מינוט אַרום ?
— מאָטל, דו שלאָפסט ?
— טססססס—טררר—כילכילכיל—טססס...
מאָטל כראָפּעט, כאָרכלט און פייפט מיט דער נאָז.

פאַרשטיי די ווערטער:

לייב — קערפּער	טפּש (טיפּעש) — נאַר
פּאַוואָליע — פּאַמעלעך	ניגון (ניגן) — מעלאָדיע
חדרל (כיידערל) — צימערל	כל־זמן (קאָלזמאַן) — as long as
שמחה (סימכע) — פרייד —	חרטה (כאַראָטע) — regret
בויגן פּאַפּיר — בלאַט פּאַפּיר	פּאַרע — steam
טרייסלען — שאָקלען	נביא (נאָווי) — prophet
	קרובים (קרויווים) — relatives

יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש

איך זוך מיין בוך.	I am looking for my book.
איך גיי אין שול.	I am going to school.
וואַרט אויף מיר.	Wait for me.
איך טרינק אַ גלאָז מילך.	I drink a glass of milk.
איך האָב נישט קיין צייט.	I don't have any time.

קענסטו לייענען די ווערטער?

משה	משפּחה	מסתמא	מלך	מלכה	מלוכה	מורא

גראַמאַטיק

איצטיקע צייט

3טע פּערזאָן איינצאָל	3טע פּערזאָן מערצאָל
ער לערנט אין שול	זיי לערנען אין שול
ער לייענט „יונגוואַרג"	זיי לייענען „יונגוואַרג"
ער זעט דאָס בילד	זיי זעען דאָס בילד
ער זינגט אַ ליד	זיי זינגען דאָס ליד
ער טרינקט מילך	זיי טרינקען מילך

א ר ב ע ט : שרייב די פינף ווערבן 3טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל :
רעדן, שרייבן, טאַנצן, עסן, וואַשן.

מיין משפּחה

איך בין מיין טאַטע - מאַמעס - - -	קוזין
מיין טאַטנס, אָדער מיין מאַמעס פאָטער, איז מיין - - -	אַנקל
מיין טאַטנס, אָדער מיין מאַמעס מוטער, איז מיין - - -	שוועגערין
און איך בין זייער - - - - - -	זיידע
מיין טאַטנס, אָדער מיין מאַמעס ברודער, איז מיין - - -	קוזינע
מיין טאַטנס, אָדער מיין מאַמעס שוועסטער, איז מיין -	שוואָגער
מיין אַנקלס, אָדער מיין טאַנטעס זון, איז מיין - - -	אייניקל
מיין אַנקלס, אָדער מיין טאַנטעס טאָכטער, איז מיין - -	באָבע
איך בין מיין אַנקלס, אָדער טאַנטעס - - - אָדער - - -	מומע
מיין ברודערס פרוי, איז מיין - - - - - - און מיין	זון
שוועסטערס מאַן, איז מיין - - - -	פלימעניק
	פלימעניצע
	טאָכטער

אַרבעט: שרייב איבער די לעקציע אין דיין העפט. געפין אין לינקן קאָלום דאָס ריכטיקע וואָרט, און שרייב אַריין אויפן ריכטיקן אָרט.

„ע" אָדער „ער"?

אַרבעט: שטעל צו וואו עס פעלט, און שרייב אַריין די זאַצן אין דיין העפט.

שאול איז געווען דער ערשט-- מלך ביי יידן. דוד איז געווען דער צווייט--, און שלמה דער דריט--. דבורה איז געווען אַ געטריי-מאַמע צו איר שבט. שלמה המלך איז געווען אַ גרויס-- חכם. אסתר המלכה איז געווען זייער אַ שיינ- . דאָס ניי - ביכל געפעלט מיר זייער. דאָס יונג - פייגעלע זיצט אין נעסט. די פריש - לופט איז גוט צו אָטעמען. שמשון הגבור איז געווען אַ שטאַרק - מאַן.

חנוכה

• י. גויכבערג

מיט הונדערטער, הונדערטער יאָרן צוריק,
ווען דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט נאָך אין גליק
אין זיין אייגענעם לאַנד, און איז פריי נאָך געווען,
איז אַ שרעקלעכע, שרעקלעכע מעשה געשען.
אַ קעניג אַ בייזער מיט שווערד אין דער האַנט
איז אַריין מיט זיין אַרמיי אין יידישן לאַנד,
אַנטיאָכעס דער בייזער — דער גיפטיקער האַר,
וואָס האָט אונדז פאַרשאַפן פיל צרות און צער.
און הילפלאָז געווען איז דאָס פאָלק אין זיין בראָך,
געקרעכצט און געטראָגן דעם ביטערן יאָך.
נאָר ענדלעך ווען יאָך איז געוואָרן צו שווער,
האָט דערהערט זיך אַ שטימע: איך קען שוין ניט מער!
צו גרויס די יסורים, צו שוואַרץ איז די שאַנד,
שטייט אויף אַלע יידן פאַר פאָלק און פאַר לאַנד!
יאָ, ס׳האָט זיך געפונען אַ מוטיקער העלד
מתתיהו דער כהן. ער האָט זיך קעגנגעשטעלט,
ניט געלאָזט צו פאַרשקלאַפן זיין פאָלק און זיין לאַנד,
און געשלאָגן דעם שונא מיט שווערד אין דער האַנט.
עס איז אים דעם שלעכטן ניט אָפּגעגאַנגען גלאַט —
פינף העלדישע זין האָט מתתיהו געהאַט.
נאָר דער העלד צווישן העלדן איז יהודה געווען,
צעקלאַפּט האָט יהודה דעם שרעקלעכן פיינט,
און ס׳איז ליכטיקער יום-טוב פאַרבליבן ביז היינט,
אַ יום-טוב פון פרייהייט פאַר פאָלק און פאַר לאַנד,
אַ חנוכה יום-טוב אַכט טעג נאָכאַנאַנד.

גערענק:

דאָס פאָלק	דאָס לאַנד	דער העלד	דער שונא

אויפן גליטש

• ב. גוטיאַנסקי

אַז דער טאָג איז פריש און ליכטיק,
אַז דער שניי איז קלאָר און ציכטיק,
אַז דאָס אייז איז ווי אַ שפּיגל —
איז אַ גרויסער פאַרגעניגן
אויף די גליטשערס זיך אַ טראָג טאָן,
אויפן גלאַטן אייז אַ יאָג טאָן!
קונצן קונציקער צו ווייזן,
מאַכן „שוועלבעלעך" און קרייזן,
מיט די הענט אַזוי צעפּאָכן,
אַז די בלוטן זאָלן קאָכן,
אַז דאָס האַרץ זאָל גיכער קלאַפּן,
אַז דער אָטעם זאָל פאַרכאַפּן,
אַז די באַקן — זאָלן פלאַמען —
איך האָב ליב אַ גליטש אַזאַ מין!

פאַרשטיי די ווערטער:

ציכטיק — זייער ריין	קונצן — tricks
גליטשערס — ice skates	קרייזן — רינגען — circles
גלאַט — smooth	אָטעם — breath

גראַמאַטיק

פאַרגאַנגענע צייט

1טע פערזאָן איינצאָל	1טע פערזאָן מערצאָל
איך האָב געלערנט	מיר האָבן געלערנט
איך האָב געלייענט „יונגוואַרג"	מיר האָבן געלייענט „יונגוואַרג"
איך האָב געזען	מיר האָבן געזען
איך האָב געזונגען	מיר האָבן געזונגען
איך האָב געטרונקען	מיר האָבן געטרונקען

אַרבעט: שרייב די פינף ווערבן 1טע פערזאָן איינצאָל און מערצאָל:

רעדן, שרייבן, טאַנצן, עסן, וואַשן.

גערענקסטו?

שטעל צו „דער", אָדער „דאָס", און שרייב אַריין אין העפט.

ד - גוטע האַרץ. ד - ביטערער שונא. ד - בראַווער העלד.
ד - יידישע פֿאָלק. ד - קלאָרער שניי. ד - גלאַטע אייז.
ד - קלוגער קאָפּ. ד - גרוים לאַנד. ד - קראַנקער פּוס.

אַנטאָנימען: אַרבעט: פֿאַר צונויף די אַנטאָנימען, און שרייב זיי אַריין אין העפט.		ביישפּילן: אַרבעט: פֿאַר צונויף די ביישפּילן, און שרייב זיי אַריין אין העפט.	
באַפרייען	פֿאַרלירן	בליץ	ווי שטאָל
פֿרייד	שעדלעך	געדיכט	ווי פֿון אַ בוך
מעכטיקע	פֿאַרגאַנגען	האַרט	ווי סאַמעט
פֿרי	טרויער	רעדט	ווי אַ שלאַנג
אויפֿגעגאַנגען	שפּעט	גלייך	ווי אַ חזיר
נוצלעך	פֿלייסיק	גוט	ווי אַ הונט
געפֿינען	שוואַכע	גלאַט	ווי אַ קאַשע
רעכטס	פֿאַלש	בייז	ווי אַ ווירע
פֿויל	פֿאַרשקלאַפֿן	פֿעט	ווי די וועלט
ריכטיק	לינקס	אָנפֿאַלן	ווי אַ רויז

איינצאָל - מערצאָל

מאַמע - מאַמעס	מעשה - מעשיות	עצה - עצות	מאַרקע - מאַרקעס
פֿראַגע -	מלחמה -	פּרנסה -	שאַפֿע -
פּאַנע -	בהמה -	שורה -	קאָמפּאָזיציע -
קוזינע -	צרה -	ירושה -	באָבע -
לעקציע -	שמחה -	תורה -	זיידע -

דאָס שיסעלע מיט בוימל

• באַווער פאַווער

1.

די בערג זיינען שוין מיט שניי פאַרשאָטן. דער טאָג איז אין שניי פאַרזונקען. קומט אין טאָל אַריין אַ ווינט פון די בערג און רייסט די דעכער פון די הייזער אין דערפל, וואָס איז איבערן טאָל צעשפּרייט.

עס איז נאַכט. אַלע הייזער געשלאָסן, פינצטער, פינצטער. עס שלאָפן שוין די דאָרפסלייט. ווייל ס'איז זיי אומעטיק, לייגן זיי זיך שלאָפן, ווי נאָר די נאַכט קומט אָן.

אין הייזל, וואָס שטייט ביים עק, איז אויך שטיל. מ'שלאָפט שוין דאָרט אויך. פינצטער אין אַלע צימערן, בלויז אויף אַ פענצטער, וואָס קוקט אין ברייט פאַרוואָרפענעם וועג, שטייט אַ שיסעלע מיט בוימל, אין בוימל ליגט אַ קנייטל, ברענט זיך אַ גאַנצע נאַכט. ברענט און שיקט אַ שיין אין די ווייטע וועגן, וואָס לויפן אַוועק פון דערפל.

די מענטשן פון דאָרף וואונדערן זיך שטענדיק, וואָס ווי נאָר ס'קומט דער ווינטער מיט זיינע פרעסט און שנייען, שטעלט אַוועק דער באַלעבאָס אַ שיסעלע מיט בוימל. צינדט אָן ס'קנייטל און ס'ברענט אַ גאַנצע נאַכט, ביז דער טאָג קומט אָן. ווי נאָר דער ווינטער גייט אַוועק, די שנייען צעגייען און די בערג ווערן מיט גרינס באַדעקט, שטייט שוין מער ניט דאָס לעמפּל אויפן פענצטער און עס איז פינצטער דאָרטן פונקט ווי אין די איבעריקע הייזער פון דאָרף.

דער באַלעבאָס האָט געהייסן אברהם און געהאַט פיר קינדער, צוויי יינגלעך און צוויי מיידלעך. דער איינציקער ייד אין דאָרף.

האָט דער אברהם ליב געהאַט אַרבעט, האָט ער געאַרבעט פון טאָג ביז נאַכט.

ער האָט טויזנטער הינער געכאָוועט, האָט אַכט קי געהאַט און אַ הונט אַ גרויסן.

אַז די קינדער זיינען נאָך געווען קליין, האָבן זיי זומער איבער די בערג אַרומגעקלעטערט, ווינטער אין שטוב זיך באַהאַלטן און געשפּילט זיך מיטן גרויסן הונט.

אויף דעם וואָס דער טאַטע צינדט אָן אַלע נאַכט פון אַ גאַנצן ווינטער אַ שיסעלע מיט בוימל, האָבן זיי זיך גאָר נישט געוואונדערט, ווייל זיי זיינען נאָך געווען קליין און האָבן גאָר ניט פאַרשטאַנען.

ווען זיי זיינען עלטער געוואָרן, האָט זיי די זאַך שטאַרק געוואונדערט.

איין מאָל, אין דער ערשטער נאַכט פון חנוכה האָט אברהם צונויפגערופן אַלע קינדער, דערציילט זיי די חנוכה-מעשה און אָנגעצונדן דאָס ערשטע חנוכה-ליכטל.

האָבן די קינדער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און געפרעגט דעם טאַטן אַזוי:

— טאַטע, פון דיין חנוכה-מעשה האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אַזוינע ליכטלעך צינדט מען אָן נאָר די אַכט נעכט פון חנוכה, פאַר-וואָס-זשע זעען מיר דאָס חנוכה-לעמפּל ברענען אויפן פענצטער אַלע נעכט פון אַ גאַנצן ווינטער?

האָט זיך אברהם פאַרטראַכט, די אויגן צוגעמאַכט און אַ צייט געשוויגן, דערנאָכדעם האָט ער די אויגן געעפנט, אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פנים און ער האָט דערציילט:

— מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז דאָס געווען. איך בין געווען אַ יונגער בחור, ניינצן יאָר אַלט.

פּלוצלונג אין איין וואָך, זיינען מיינע עלטערן געשטאָרבן און איך בין געבליבן איינער אַליין אָן אַ פריינט, אָן געלט און אָן אַ מלאכה אין דער האַנט.

האָב איך זיך שטאַרק געזאָרגט און געטראַכט, ביז איך האָב באַשלאָסן פאַרלאָזן די שטאָט און אין דער וועלט זיך לאָזן, אפשר וועל איך ערגעץ מיין גליק געפינען.

ווינטער איז דאָס געווען. אַ שניי איז אויף די פעלדער געלעגן, אַ פראָסט האָט מיר נאָז און אויערן געפרוירן, אָבער איך בין געווען פריילעך, האָב איך זיך אויפגעהערט צו זאָרגן און פון גאָרניט געטראַכט, ווייל ס׳איז געווען אַזוי ווײם אַרום און אַרום.

אַ גאַנצן טאָג בין איך אַזוי געגאַנגען, ביז ס׳איז נאַכט געוואָרן.

אַ שניי־שטורעם האָט זיך צעשפּילט און איך בין נאָך אַלץ אין פעלד געגאַנגען. איך בין שוין אָבער מיד געוואָרן און מיין האַרץ האָט געשראָקן, איך זאָל אין פעלד ניט בלייבן, מיט שניי פאַרשאָטן ווערן.

האָב איך צונויפגענומען אַלע מיינע כוחות און זיך געלאָזט לויפן, טאָמער וועל איך גיכער אויף אַ מענטשלעכן ישוב אָנטרעפן.

איך בין לאַנג אַזוי געלאָפן. פון די כוחות זיך אַרויסגעשלאָגן און בין געפאַלן אין שניי, און אַ מענטשלעכן ישוב — ניט מע זעט, ניט מע הערט. ווייסע פעלדער אַרום און אַרום, אַ פינצטערע נאַכט און אַ בייזער שניי־שטורעם.

איך בין געוועזן אַזוי מיד און דערהיצט פון לויפן, אַז ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער שניי איז וואַרעם און ווייך, און ס׳איז געווען אַ מחיה צו ליגן.

פּלוצלונג דערזע איך, ווי אין חלום, אַ פּייערל פון ערגעץ ווייט, ווייט שיינען. האָב איך קוים מיינע אויגן געעפנט, זיך איינגעקוקט, ניטאָ קיין שום פייערל. ס׳האָט זיך מיר, ווייזט אויס, נאָר אויסגעדאַכט, האָב איך געטראַכט.

האָב איך ווייטער מיינע אויגן צוגעמאַכט, האָב איך ווידער אַמאָל דערזען ס׳פייערל, האָב איך צום צווייטן מאָל מיינע אויגן געעפנט, זיך גוט אין דער ווייטקייט איינגעקוקט און טאַקע דערזען אַ שיין פון אַ פייערל, וואָס איז פון ערגעץ אַרויסגעוואַקסן.

האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי דאָס פייערל איז אַרוים פון אַ שטוב און מיר אַנטקעגן געלאָפן, מיך איינגעלאַדן אין אַ וואַרעם הויז, אַ היימלעכס.

האָב איך אַלע מיינע כוחות צונויפגענומען און זיך צום פייערל פאַרשלעפּט.

2.

ווען דער באַלעבאָס האָט מיר אויפגעעפנט די טיר, בין איך פאַרחלשט געוואָרן.

צוויי וואָכן בין איך אין בעט געלעגן אין אַ גרויסער היץ און פון גאָרניט געוואוסט. ווען איך בין צו מיין געזונט געקומען און האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס ס׳טוט זיך אַרום מיר, האָב איך דערזען: אַן אַלטן יידן, אַן אַלטע יידענע און אַ יונג מיידל, זאָרגן זיך שטאַרק וועגן מיין געזונט.

איך בין מיט דער צייט אינגאַנצן געזונט געוואָרן. דער אַלטער ייד האָט מיר דערציילט, אַז יענע נאַכט איז די ערשטע חנוכה־נאַכט

געווען און אויפֿן פֿענצטער האָט געברענט ס׳ערשטע חנוכּה־ליכטל.

דאָס איז געווען דאָס ליכטל, וואָס האָט געשיקט אַ שײַן צו מיר, אַ פֿאַרוואָרפֿענעם אין די ווײַסע פֿעלדער, און וואָס האָט מיך געבראַכט צו דעם הײַזל, וואו איר, קינדער, געפֿינט זיך איצט.

דערנאָכדעם האָב איך מײַן מעשׂה דערציילט דעם אַלטן.

האָט דער אַלטער אויסגעהערט, אויסגעהערט און זיך אָנגערופֿן:

— אויב דו, בחור, האָסט ליב אַרבעט, קאָנסטו בײַ מיר דאָ פֿאַרבלײַבן און מיר העלפֿן אַרבעטן.

איך בין אין דאָרף פֿאַרבליבן.

פֿון דעמאָלט אָן זײַנען שוין צוואַנציק יאָר פֿאַרבײַ. דער אַלטער מיט דער אַלטער זײַנען שוין לאַנג געשטאָרבן, מיט זייער טאָכטער האָב איך חתונה געהאַט און זי איז אײַער מוטער, וואָס האָט אײַך, קינדער, געבוירן.

איז פֿון דעמאָלט אָן, ווי נאָר ס׳קומט דער ווינטער מיט זײַנע קעלטן און שנײען, צינד איך יעדן אויפֿדערנאַכט אַ שיסעלע בוימל אָן, מעג דאָס זײַן חנוכּה אָדער ניט, איך צינד דאָס אָן, שטעל דאָס אויפֿן פֿענצטער, ס׳זאָל ברענען, לײַכטן און שיקן אַ שײַן ווײַט, ווײַט. ס׳זאָל דערמונטערן די פֿאַרשפּעטיקטע אויף די וועגן, זיי זאָלן אין שנײען ניט אומקומען.

דער טאַטע האָט געענדיקט די מעשׂה. די נאַכט איז שוין געווען שפּעט.

די קינדער האָבן זיך אין די בעטן געלייגט, נאָר זיי האָבן לאַנג ניט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן. און אַז זיי האָבן שוין אײַנגעדרעמלט, האָבן זיי אין זייער חלום געזען: פֿאַרשנייטע פֿעלדער ווײַט, ווײַט. נאַכט, פֿינצטער, אַ שניי־שטורעם וואָיעט אַזוי בייז און עפּעס אַ ווײַסער מענטש בלאָנדזשעט אין די פֿעלדער און ווײנט, ביז אַ שײַן פֿון אַ שיסל בוימל באַווײַזט זיך, ווערט דער ווײַסער מענטש פֿריילעך און לויפֿט מיט אַלע כּוחות אַנטקעגן דער שײַן.

פֿאַרשטײט די ווערטער:

אומעטיק — טרויעריק — sad

צינדט אָן — lights

געכאַוועט — raised

אַרומגעקלעטערט — climbed

מלאכה (מעלאָכע) — אַרבעט —

ישוב (יישעוו) — settlement

אַ מחיה (מעכײַע) — אַ פֿאַרגעניגן pleasure

חלום (כאָלעם) — dream

היימלעכם — פֿריילעכס

היץ — fever

דערמונטערן — to encourage

אומקומען—שטאַרבן

וואָיעט — roars

גערענק:

דער באַרג	דער טאָל	דאָס האַרץ	די קו

קענסטו לייענען די ווערטער?

סוד	סוחר	סוף	סחורה	סימן	סך

גראַמאַטיק

פּ אַ ר ג אַ נ ג ע נ ע צ י י ט

2טע פּערזאָן איינצאָל	2טע פּערזאָן מערצאָל
דו האָסט געלערנט	איר האָט געלערנט
דו האָסט געלייענט	איר האָט געלייענט
דו האָסט געזען	איר האָט געזען
דו האָסט געזונגען	איר האָט געזונגען
דו האָסט געטרונקען	איר האָט געטרונקען

אַ ר ב ע ט: שרייב די פֿינף ווערבן 2טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל:
רעדן, שרייבן, טאַנצן, עסן, וואַשן.

יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש

מיין מאַמע האָט מיר געהייסן קויפֿן, פֿינף פֿונט צוקער	My mother told me to buy five pounds of sugar.
איך בין געפֿאָרן אין קעמפּ מיט אַ שיף.	I went to camp by boat.
דו ביסט גערעכט, אסתּר.	You are right, Esther.
דו האָסט עס געטאָן ריכטיק.	You did it right.

אַ ר ב ע ט: לערן אויס די זאַצן, און שרייב זיי אַריין אין העפֿט.

איינצאָל — מערצאָל

וואַלד - וועלדער	דאַך - דעכער	בויך - בייכער	האָן - הענער
פֿעלד -	לאַנד -	מויל -	שלאָס -
פֿלאַן -	פּאַס	הויז -	גאָרטן -
מאַן -	וואָרט -		גלאָק -
שאָף -	האַרץ -	בוים -	גלאָז -

אַ ר ב ע ט: גיב צו די מערצאָל, און שרייב איבער אין דיין העפֿט.

שפּילן מיר אין קוילן שניי

• י. ב. ביילין

שפּילן מיר אין קוילן שניי,
אין קוילן שניי, אין קוילן שניי;
אַ געליאַרעם, אַ געשריי,
אַ געשריי — געוואַלד!...

היובט אָן פרירן אין די פיס,
אין די פיס, אין די פיס;
ס׳גיט דער פראָסט אַ ריס, אַ ביס,
אַ ריס, אַ ביס! ס׳איז קאַלט.

וואַרפן מיר די קוילן שניי,
די קוילן שניי, די קוילן שניי.
ווי די פייגל פליען זיי,
פליען זיי — סע פליט!

ווערט אונדז קאַלט אויך אין די הענט,
אין די הענט, אין די הענט.
אוי ס׳איז קאַלט, געוואַלד עס ברענט,
עס ברענט, עס ברענט — עס בריט...

און צום שפּיל נעמט שוין אַן עק,
שוין אַן עק, שוין אַן עק,
וואַרפן מיר דעם שניי אַוועק,
דעם שניי אַוועק, דעם שניי אַוועק.

גערענק :

דער שניי	דער פוס	דער פראָסט	דער פויגל

קענסטו לייענען די ווערטער ?

עולם	עצה	עצות	פּנים	פּסח	פּרנסה

גערענקסטו ?

שטעל צו „דער", אָדער „די", און שרייב איבער אין העפט.

ד - הויכער באַרג. ד - טיפער טאָל. ד - שיינע קו.

ד - שטאַרקע היץ. ד - אומזיסטע שרעק ד - קילער ווינט.

דער צויבערמאַן

• יהואש

קומט דער גוטער צויבערמאַן
אויף אַ גילדענעם געשפּאַן:
האָט ער אויגן מילד און שוואַרץ
און אַ דימענטן האַרץ...
שטעלט ער זיך אין מיטן מאַרק,
הייבט ער אָן צו רופן שטאַרק:
„כ'האָב מתנות אַלערליי,
קומט און קלייבט זיך אויס פון זיי..."

ווערט אַ טומל און געלאַף,
זעלטן מאַכט זיך אַזאַ טראַף.
איילט זיך יעדער צו דעם גליק,
בלייבט אַ קינד ניט אין דער וויג.
זאָגט דער צויבערמאַן און לאַכט:
„כ'האָב פון אַלצדינג מיטגעבראַכט.
זאָגט מיר יעדער זיין באַגער,
איין באַגער נאָר און ניט מער.
האָט איר צייט אַ פערטל שעה,
און דערנאָך בין איך ניטאָ."

איין באַגער נאָר און ניט מער —
אויסצוקלייבן זייער שווער.
קלער אַהער און קלער אַהין,
פאָלג אַ גאַנג מיך און געפין





וואָס איז בעסער, דאָס צי יענעם,
שרייען אַלע ווי די גענדז.
פון די אַלע מענטשן פיל
ווייס ניט איינער, וואָס ער וויל.
זיינען אַלע אין אַ קלעם.
פרעגט מען יענעם, פרעגט מען דעם:
וואָס נעמט ער? און וואָס נעמסטו?

און אין מיטן — טרו-טרו-טרו!
בלאָזט אַ זילבערנער טראָמפּייט,
און פאַרשוואונדן שטילערהייט
איז דער גוטער צויבערמאַן
מיט דעם גילדענעם געשפּאַן...



פאַרשטיי די ווערטער:

צויבערמאַן — man of magic	טראַף — שאַנס — chance
געשפּאַן — team	באַגער — trade
אַ דימענטן האַרץ — אַ גוט האַרץ	קלעם — pinch
מתנות (מאַטאָנעס) — gifts	שעה (שאָ) — שטונדע



ניין כעלעמער האָבן זיך געבאָדן

• ש. באסטאמסקי

ניין כעלעמער זיינען זיך געגאַנגען באָדן אין כעלעמער טייך. אַז זיי האָבן זיך גוט אויסגעבאָדן און אַרויס פון טייך, האָבן זיי מורא געהאַט, טאָמער האָט זיך חלילה איינער דערטרונקען — האָט איינער גענומען איבערציילן, צי אַלע זיינען דאָ. געציילט: ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי און אַזוי ווייטער. זיך האָט ער ניט געציילט. שלעכט. ס'פעלט איינער. ס'איז דאָ אַכט.

אַלע קוקן זיך איבער. יעדער דערקענט זיך, אַז ער איז דאָ. געווען זיינען זיי ניין און איבערגעציילט האָט מען אַכט.

האָט אַ צווייטער גענומען ציילן, האָט ער אויך יעדן געציילט, נאָר זיך אַליין ניט, איז ווידער אויסגעקומען אַכט...

זיצן זיי, די כעלעמער, אויפן זאַמד פונעם ברעג טייך און וויינען. איז דורכגעגאַנגען אַ פרעמדער. פרעגט ער זיי, וואָס זיי וויינען. דערציילן זיי אים די גאַנצע מעשה.

האָט דער פרעמדער איבערגעציילט און זיך צעלאַכט:

— נאַראָנים, עס פעלט פן אייך קיינער ניט! איר זייט דאָך דאָ אַלע ניין...

— זיי ניט קיין קלוגער! מיר האָבן אַלע געציילט, איז אויסגעקומען אַכט, און ער איינער האָט איבערגעציילט, איז שוין גאָר ניין...

— ווייסט איר וואָס? — האָט דער פרעמדער זיך אָנגערופן — זאָל יעדער איינער פון אייך אַריינשטעקן זיין נאָז אין זאַמד אַריין, דערנאָך וועט איר איבערציילן די לעכער, וועט איר וויסן אויף זיכער וויפיל איר זייט דאָ...

— גוט! — האָבן אַלע כעלעמער אויסגעשריען און אַזוי געטאָן. זיי האָבן אַריינגעשטעקט די נעז אין זאַמד אַריין, דערנאָך איבערגעציילט די לעכער, איז געווען ניין...

ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז זיי זיינען טאָקע דאָ אַלע ניין.

ווי מען מאַכט אַ בייגל

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ כעלעמער:

— ווי אַזוי מאַכט מען אַ בייגל?

האָט דער כעלעמער געענטפערט:

— מע נעמט אַ לאָך און מען לייגט אַרום מיט טייג.

גערענק:

די שטאָט	די גאַס	די נאַכט	די טיר	דאָס אָרט

קענסטו לייענען די ווערטער?

צרה	קול	קרוב	רחמנות	שבת	שונא	שכל

געדענקסטו?

שטעל צו „דער", אָדער „די", שרייב אַריין אין העפט.

ד - נייע צייט. ד - שטאַרקע האַנט. ד - גליקלעכער טאָג.

ד - בלאַסע לבנה. ד - זילבערנער טראָמפּייט. ד - ליבער גאַסט.

גראַמאַטיק

פאַרגאַנגענע צייט

3טע פּערזאָן איינצאָל	3טע פּערזאָן מערצאָל
ער האָט געלערנט	זיי האָבן געלערנט
ער האָט געלייענט	זיי האָבן געלייענט
ער האָט געזען	זיי האָבן געזען
ער האָט געזונגען	זיי האָבן געזונגען
ער האָט געטרונקען	זיי האָבן געטרונקען

אַרבעט: שרייב די פינף ווערבן 3טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל:
רעדן, שרייבן, טאַנצן, עסן, וואַשן.

איינצאָל — מערצאָל

פּום - פּים	טיש - טישן	יינגל - יינגלעך	קינד - קינדער
קו -	טיר -	מיידל -	בילד -
הונט -	דיל -	ביכל -	ליד -
שוך -	שטול -	שערל -	בוך -
נוס -	בעט -	טישל -	הון -

אַרבעט: שרייב איבער אין העפט, און גיב צו די מערצאָל.

שלמהס משפט

ווען שלמה איז געווען קעניג ביי יידן, האָט זיך געטראָפן אַזאַ מעשה:

איין מאָל זיינען צוויי פרויען צו אים געקומען זיך משפטן, האָט איינע דערציילט:

— „איך און די דאָזיקע פרוי וואוינען אין איין הויז. האָב איך געבאָרן אַ קינד. דריי טעג שפּעטער, האָט זי אויך געבאָרן אַ קינד. אין שטוב זיינען מיר ביידע נאָר געווען. קיין פרעמדע איז צו אונדז ניט אַריינגעקומען. ביינאַכט איז געשטאָרבן דאָס קינד פון דער דאָזיקער פרוי. האָט זי צוגענומען מיין קינד, וואָס איז געלעגן לעבן מיר, און איר טויט קינד האָט זי אַוועקגעלייגט לעבן מיר. איך בין געשלאָפן, און האָב גאָר ניט געהערט. אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי אָנצוזייגן מיין קינד, ערשט עס איז טויט. אָבער אַז איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אינעם טויטן קינד, האָב איך דערזען, אַז דאָס איז גאָר ניט מיין קינד."

און די אַנדערע פרוי האָט געזאָגט:

— ניין, מיין קינד איז גאָר דאָס לעבעדיקע, און אירס איז דאָס טויטע.

אַט אַזוי האָבן ביידע געטענהט פאַרן קעניג שלמה.

האָט שלמה המלך באַפוילן מען זאָל אים ברענגען אַ שווערד. אַז מען האָט געבראַכט די שווערד, האָט שלמה געזאָגט:

— ביידע זאָגט איר, אַז דאָס לעבעדיקע קינד איז אייערס, איז מיין עצה, אַז מען זאָל צעשניידן דאָס קינד אין צווייען. איין העלפט פונעם קינד זאָל געהערן צו דיר, און די צווייטע העלפט — איר.

ווען שלמהס דינער איז צו צום קינד און אויפגעהויבן די שווערד, האָט די פרוי, וואָס איר קינד איז געווען דאָס לעבעדיקע, אויסגעשריען:

— ניין, מיין האַר, צעשניידט עס ניט. גיט איר דאָס קינד, נאָר טויט עס ניט.

די צווייטע פרוי האָט געזאָגט:

— „צעשניידט עס! ניט מיר און ניט איר."

האָט שלמה המלך געזאָגט:

— „טויט ניט דאָס קינד, גיט עס צו דער מוטער, וואָס האָט עס ניט געלאָזט צעשניידן.

גערענק:

די מעשה	דאָס קינד	דער טאָג	די שטוב	די נאַכט

גראַמאַטיק

קומענדיקע צייט

1טע פּערזאָן איינצאָל	1טע פּערזאָן מערצאָל
איך וועל לערנען	מיר וועלן לערנען
איך וועל לייענען	מיר וועלן לייענען
איך וועל זען	מיר וועלן זען
איך וועל זינגען	מיר וועלן זינגען
איך וועל טרינקען	מיר וועלן טרינקען.

אַרבעט: שרייב די פינף ווערבן 1טע פּערזאָן איינצאָל און מערצאָל:
רעדן, שרייבן, טאַנצן, עסן, וואַשן.

קענסטו לייענען די ווערטער?

שכן	שכנים	שמחה	שמחות	תלמיד	תלמידים

ווערטלעך

אַרבעט: אין יעדן ווערטל פעלט אַ וואָרט, געפין עס, און שרייב איבער אין העפט.

דאָס - - - פאַלט ניט ווייט פונעם ביימעלע.	אויג
געבראָטענע - - - - פליען ניט אין מויל אַריין.	לעפל
דאָס - - - דערציילט, וואָס דאָס האַרץ מיינט.	זון
די - - - שיינט גלייך אויף אָרעם און רייך.	טייבעלעך
מיט אַ - - - קען מען דעם ים ניט אויסשעפן.	עפּעלע



די לוויה פון זשום־פייגעלע

• אייזיק פלאַטנער

.1

אויף טשערי־סטריט האָט פאַרבלאָנדזשעט אַ פייגעלע. וואָס קאָן טאָן אַ קליין פייגעלע, וואָס שלאָגט זיך אַראָפּ פון וועג, אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק, צווישן די הונדערט־שטאָקיקע הייזער? איז עס געפלויגן, געפלויגן, ביז ס׳איז פאַרפלויגן אויף טשערי־סטריט און זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פענצטער פון אַ הויז.

ס׳איז געווען זומער, דאָס פענצטער איז געווען אָפן, אויפן פענצטער איז געשטאַנען אַ בלומען־טאָפּ — דאָס איינציקע שטיקל גרינס, וואָס דאָס פייגעלע האָט געפונען צווישן די גרויע, שטיינערנע מויערן פון דער אָרעמער געגענט.

דער ערשטער האָט דערזען דאָס פייגעלע מילטאָן, אַ ייִנגל אַ קאַליקע, מיט קרומע פיסלעך.

מילטאָן גייט ווי אַ קאַטשקעלע — איין פיסל, נאָך אַ פיסל און דאָס קערפּערל קאַטשעט זיך צו.

מילטאָן, ווען ער האָט דערזען דאָס פייגעלע, האָט שיִער ניט אַ געשריי געטאָן פון איבערראַשונג, ער האָט זיך אָבער געכאַפּט, אַז דאָס פייגעלע קאָן זיך דערשרעקן און אַוועקפליִען, האָט ער דעריבער איינגעהאַלטן דעם אָטעם, צוגעקאַטשעט זיך צום פענצטער, און פּאַמעלעך, פּאַמעלעך גענומען עס פאַרמאַכן.

דאָס פייגעלע האָט אָבער גאָרניט געטראַכט צו אַנטלויפן, עס האָט זיך בעסער אַוועקגעזעצט, און איינגעקאָרטשעט דאָס קעפּל. מילטאָן האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און עס אַ כאַפּ געטאָן. דאָס פייגעלע האָט אַרויסגעלאָזט אַ פאַרצווייפלטן קוויטש, און גלייך נאָכדעם האָט מילטאָן גענומען שרייען פון פרייד:

— זעט נאָר, אַ פייגעלע, אַזאַ טייערס, אַזאַ פּיצינקעס.

.2

עס זיינען זיך גלייך צונויפגעלאָפן די איבעריקע קינדער פון שטוב: דזשאַנעט, אַ מיידעלע מיט אָפּגעבליאַקעוועטע קרויזן אייפן

קעפל; דיק, אַ ייִנגל מיט אַן אַנגעפּוישטן בייכל, און דאָס פּיצעלע ייִנגעלע, דאַדל, מיט צוויי שפּיציקע אויערלעך, ווי ביי אַ קעצל.

יעדער איינער האָט עס געוואָלט אָנרירן, כאָטש צולייגן אַ פינגער, נאָר מילטאָן האָט ניט צוגעלאָזט — „פון ווייטן, פון ווייטן — האָט ער געשריען — קוקט וויפיל איר ווילט." ער האָט זיך שנעל געקאָטשעט אויף די קרומע פיסלעך און די קינדער נאָך אים. צוזאַמען זיינען זיי אַרונטערגעפלויגן די טרעפ און אַרויף אויפן קליינעם הויפל.

עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן אַלע קינדער פונעם גרויסן הויז, פון די פענצטער האָבן זיך באַוויזן קעפ מיט פאַרוואונדערטע פנימער.

— וואָס האָט פּאַסירט?

— מילטאָן האָט געכאַפּט אַ פייגעלע!

ס'איז געווען אַ לעבעדיקער טאָג, אַ פריילעכער. אַזאַ טאָג טרעפט איינמאָל אין יאָרן אויף טשערי־סטריט.

מילטאָן איז געשטאַנען צווישן די קינדער, דאָס פייגעלע האָט ער געהאַלטן צוגעדריקט צו דער ברוסט; זאָל זיך נאָר עמעצער דערוועגן ביי אים עס צונעמען, וועט ער יענעם די אויגן אויסרייסן. די קינדער האָבן געקוקט מיט זשעדנע אויגן אויף דעם קליינעם באַשעפעניש. אַזאַ פייגעלע האָבן זיי נאָך קיינמאָל ניט געזען. אין דער אמתן איז עס געווען אַ פשוט פייגעלע, טאַקע פון דעם מין, וואָס מע רופט זשום־פייגעלעך, ווייל זיי פאָכן אַזוי שנעל מיט די פליגעלעך, אַז עס ווערט אַ געזשום ווי פון אַ פליג. דאָס פייגעלע האָט געהאַט שמאָלע פליגל, אַ שמאָל עקל, און אַ לאַנג, דין שנעבעלע.

מילטאָן האָט געזען ווי די קינדערשע אויגן ברענען. עס וועט זיך אַוודאי געפינען איינער, אַ שטאַרקערער פון אים, וואָס וועט עס אַ כאַפּ טאָן פון זיינע הענט און אַנטלויפן. ער וועט זיך ניט קאָנען נאָכיאָגן, אַ קאַליקע. מילטאָן האָט זיך דעריבער שנעל אויסגעדרייט און איז אַנטלאָפן צוריק אין שטוב אַריין. די קינדער זיינען נאָכגעלאָפן. אָבער ניט אַלעמען האָט ער אַריינגעלאָזט.

— לאָמיר עס אַריינזעצן אין אַ שטייגל און האָדעווען — האָט געזאָגט דיק מיט זיין באַסאָווער שטימע.

— גראָבער פעמפּיק — האָט געזאָגט דזשאַנעט, און אַ וויש געטאָן דאָס נעזל — וואו האָסטו אַ שטייגל?

3.

מילטאָן האָט קיינעם ניט געהערט. ער האָט געטראַכט וועגן אַ פּלאַן, ווי צו האַלטן דאָס פייגעלע. ער האָט אויסגעזוכט אַ לאַנג

שטריקל, צוגעבונדן איין ברעג צו אַ טשוועקל, נאָענט צום פענצטער, דעם צווייטן ברעג האָט ער צוגעבונדן דעם פייגעלע צו אַ פיסל און אַ לאָז געטאָן עס פליען.

דאָס פייגעלע האָט אַ זשום געטאָן מיט די קורצע פליגעלעך און זיך אָפּגעשטעלט אויפן פענצטער לעבן בלומען־טאָפּ. מער האָט עס גאָרניט געטאָן. ס'איז געבליבן זיצן פאַרמאַטערטהייט.

און אַ וואונדער, ס'האָט זיך פאַר קיינעם ניט געשראָקן. די קינדער זיינען פאַמעלעך צוגעגאַנגען נאָענט צום פענצטער, גענומען באַטראַכטן דאָס פייגעלע פון אַלע זייטן. דאָס פייגעלע האָט זיך אַפילו ניט גערירט פון אָרט.

— לאָמיר דעם געבן עסן — האָט געזאָגט דיק.

— ברויט — האָט געשריען דזשאַנעט.

— קערנער דאַרף מען האָבן — האָט געזאָגט מילטאָן באַזאָרגט.

— אויב ס'איז הונגעריק, וועט עס עסן ברויט אויך — האָט דיק געענטפערט.

מילטאָן האָט קיינעם ניט געהערט. ער איז אַוועק און געבראַכט אין אַ קליין טעפּעלע אַ ביסל וואַסער. — פריער פון אַלץ דאַרף מען עס געבן צו טרינקען, ס'איז פאַרמאַטערט — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ קול פון אַ געטרייער מוטער. דזשאַנעט האָט פון דעסטוועגן געבראַכט אַ פּאָר ברעקלעך ברויט. מ'האָט אַוועקגעשטעלט דאָס וואַסער פאַרן פייגעלע, מ'האָט אָנגעשאָטן ברעקלעך ברויט, דאָס פייגעלע האָט זיך ניט צוגערירט. דאַן האָט מילטאָן גענומען עס אין האַנט אַריין, צוגעלייגט צום מויל, און גענומען הויכן אויף דעם, עס זאָל זיך דערוואַרעמען. און דאָ האָט ער דערזען אַזוינס, וואָס האָט אים געמאַכט אויפציטערן — ביים פייגעלע איז געווען נאָר איין העלפט שנאָבל — די אונטערשטע. די אויבערשטע העלפט איז געווען אָפּגעבראָכן. ס'האָט זיך נאָך אַפילו געזען אַ סימן פון פאַר־טריקנט בלוט.

— אוי, דאָס פייגעלע וועט ניט לעבן — האָט מילטאָן אויסגע־שריען — ס'האָט ניט מיט וואָס צו עסן, דער שנאָבל איז אָפּגעבראָכן — און ער האָט עס אַוועקגעשטעלט צוריק אויפן פענצטער.

4.

איבערן גאַנצן גרויסן הויז האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן די נייס, אַז ביים פייגעלע איז אָפּגעבראָכן אַ האַלבער שנאָבל. עס וועט ניט לעבן, עס קאָן ניט עסן.

ווער נאָך ווייסט אַזוי גוט דעם טעם פון ניט עסן, ווי די קינדער פון טשערי־סטריט? עס איז דערפאַר ניט קיין וואונדער, וואָס די קינדער האָבן אַזוי באַדויערט דאָס פייגעלע, וועמען ס׳האָט געטראָפן אַזאַ אומגליק.

מילטאָן האָט זיך אַוועקגעקאַטשעט אויף גרענד־סטריט. דאָרטן, ווייסט ער, איז פאַראַן אַ קראָם וואו מען פאַרקויפט פייגל. ער איז אַהין אַריין און געזאָגט:

— צו אונדז איז פאַרפלויגן אַ קליין פייגעלע, ס׳מוז זיין אייערס.

— האַלט עס דיר — האָט מען אים געענטפערט.

אָבער ווער האָט עס אָפּגעבראָכן אַ האַלב שנעבעלע? זאָגט!?

— האָט ער כמעט אויסגעשריען.

— אַליין — האָט מען אים ווידער געענטפערט.

— וואָס הייסט אַליין? אַ פייגעלע קאָן ניט טאָן אַזאַ זאַך — איז מילטאָן צוגעשטאַנען.

— אַליין, זאָגט מען דיר. ס׳האָט געוואָלט אַרויספליען פון שטייגל. דאָס שטייגל איז מיט אַ קלאַפּ־טירל, האָט עס אַזוי לאַנג געדלאָבעט מיטן שנעבעלע ביז דאָס טירל האָט זיך געעפנט און גלייך צוריק פאַרקלאַפּט. אַ האַלב שנעבעלע איז געבליבן שטעקן אין טירל אָפּ־געבראָכענערהייט.

— און דערנאָכדעם? — האָט מילטאָן ניט אויפגעהערט פרעגן.

— און נאָכדעם האָט מען עס אַרויסגעוואָרפן. גיי, דריי ניט דעם קאָפּ.

5.

מילטאָן איז אַוועק אַהיים. גייענדיק האָט ער געטראַכט, וואָס מ׳קאָן פאָרט טאָן מיט אַ פייגעלע, וואָס האָט נאָר איין האַלבן שנאָבל.

ס'מוז דאָך אויסגיין פון הונגער. ווען ער איז אָנגעקומען אויפן הויפל האָט מילטאָן מיט קיינעם ניט געוואָלט רעדן. ער איז פריער פון אַלץ אַרויף אין שטוב, אַ קוק טאָן צום פייגעלע.

ער האָט עס שוין אָבער געפונען טויט.

מילטאָן האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער.

— אוי, דאָס פייגעלע איז שוין טויט — האָט ער געלאָזט וויסן.

— מע דאַרף עס באַגראָבן!

באַגראָבן אַ פייגעלע איז אויך אַ זאַך פאַר די קינדער אויף טשערי־סטריט.

אינעם שטיינערנעם הויפל פון גרויסן הויז האָבן די קינדער געפונען אַ שטיקעלע פּלאַץ אין אַ ווינקל. זיי האָבן אויסגעגראָבן אַ גריבל און באַגראָבן דאָס פייגעלע מיט פּאַראַד. טייל קינדער האָבן עס נאָך אַלץ באַטראַכט פאַר אַ שפּיל: זיי האָבן אויפגעזוכט אַלטע שטיקער בלעך, קענדלעך, און געקלאַפּט אין דעם ווי אין פּויקן, כדי צו מאַכן די לוויה שענער. איין מילטאָן איז געווען ערנסט. ס'קאָן זיין דערפאַר, וואָס ער איז אַליין געווען אַ קאַליקע. נאָר גיכער איז עס מסתמא דערפאַר, וואָס אַ קינד פון טשערי־סטריט איז פייאיק צו ווערן גערירט פונעם גורל פון אַ קליין פייגעלע, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די הונדערט־שטאָקיקע מויערן פון ניו־יאָרק.

פאַרשטיי די ווערטער:

לוויה (לעווייע) — funeral	זשעדנע — eager
אַ קאַליקע — אַ קריפּל	באַשעפעניש — creature
אָטעם — breath	קערנער — kernels
אויסגעשטרעקט — stretched out	שנאָבל — beak
קווייטש — scream	ברעקלעך — crumbs
קרויזן — curls	

געדענק:

די שטאָט	דאָס הויז	דאָס פענצטער	דער געגנט

אַ ניו־יאָרקער בילד

• אברהם רייזען

געביידעס אומגעהייער —
די גרעסטע אין דער וועלט,
דאָך וואוינונגען די קלענסטע
און לופט פאַר קינדער פעלט.

נו, פירט בייטאָג די מוטער
אַרויס אין גאַס איר קינד;
עס איז אַ טאָג אַ קאַלטער,
אַנטקעגן יאָגט אַ ווינט.

זי קערעוועט דאָס וועגל
און זוכט אַ וואַרעמע זייט;
זי האָט פון ווינט דעם קאַלטן
דאָס ליבע קינד באַפרייט.

דאָך הויך זיינען די הייזער,
אין שאָטן ליגט די גאַס;
זי זוכט און האָט געפונען
אַ שמאָלן זונען-פּאַס...

דאָס קינד אין וויגל שמייכלט,
ווי ס'וואָלט געוואוסט דערפון:
די מאַמע האָט געפונען
פאַר אים אַ ביסל זון...

גערענק:

דער טאָג	די גאַס	די זון	דער ווינט

ווערטלעך

אַ - - - - פאַרלירט זיינע האָר, אָבער ניט זיין נאַטור.	פויגל
מען דערקענט דעם - - - נאָך די פעדערן.	קאַץ
קיינער ווייסט ניט וועמען דער - - - - קוועטשט.	ברויט
אַ - - - - קאָן אויך קאַליע מאַכן.	שוך
דאָס - - - פאַלט שטענדיק מיט דער פּוטער אַראָפּ.	וואָלף

אַן אומזיסטער חשד

• לעאָן קאָברין

1.

ביידע זיינען נאָך געווען קינדער. זי, ראָזעלע, צען יאָר, און ער, מאָרים, צוועלף יאָר אַלט. ביידע האָבן געוואוינט אויף איסט בראָדוויי, אַ הויז לעבן אַ הויז. זי מיט אירע עלטערן האָבן פאַרנומען צוויי שטאָק מיט אַ סך פענצטער, ליכט און לופט; ער מיט זיינע עלטערן האָבן פאַרנומען אַ פינצטערן פייכטן קעלער מיט אַ סך רויך. איר פאָטער איז געווען אַ רייכער אַרויפגעאַרבעטער „ריל עסטייטניק"; זיין פאָטער — אַ שוסטער, אַ לאַטוטניק.

זי האָט אויסגעזען ווי אַ פרישע בלום, געווען פול, רונד און ווייס, מיט אַ פריילעך פנימל; ער איז געווען דאַר, מיט אַ שפּיציקן גוף און מיט אַ פנימל בלייך, לאַנג און אויסגעצויגן.

זיי האָבן ביידע ליב געהאַט מוזיק. זי האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנע און ער האָט געזונגען. האָט זי געשפּילט, איז ער געשטאַנען אונטער די פענצטער פון איר הויז און זיך צוגעהערט מיט אַ קלאַפּנדיק הערצל. האָט ער געזונגען, איז זי געשטאַנען לעבן קעלער, האָט זיך צוגעהערט צו זיין האַרציק קול, און איר פריילעך פנימל האָט נאָך פריילעכער געשמייכלט.

און איין מאָל, אַז זיין זיס קול האָט זיך געגאָסן פון דעם טונקעלן שוואַרצן קעלער, איז זי געשטאַנען אין דרויסן מיט אַן אָרענדזש אין האַנט און זיך צוגעהערט. מיט איין מאָל האָט זיך דאָס זינגען איבערגעריסן און פון קעלער איז אַרויס דאָס קליינע זינגערל. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים און אים אַריינגעשפּאַרט דעם אָרענדזש אין די הענט.

מאָרים איז צעטומלט געוואָרן.

— פאַרוואָס גיסטו דאָס מיר? — האָט ער געפרעגט.

— ווייל דו זינגסט אַזוי שיין.

— און דו שפּילסט אויך שיין אויף דער פּיאַנע.

יענעם אָוונט האָט מאָרים געזונגען אַזוי שיין, ווי נאָך קיינמאָל ניט פריער, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ראָזעלע שטייט דאָרטן לעבן קעלער און הערט.

און פון דער צייט אָן זיינען די קינדער געוואָרן גרויסע פריינט.

2.

איינמאָל האָט ראָזעלע גערופן מאָריסן צו זיך אין שטוב. זי וועט

שפּילן, האָט זי געזאָגט, אויף דער פּיאַנע און ער וועט זינגען.

— איך האָב מורא, מען וועט מיך פון דיין שטוב אַרויסטרייבן — זאָגט מאָרים.

— ניט אמת — מאַכט זי מיט זיכערקייט — זיי וועלן דיך ניט אַרויסטרייבן! און אין שטוב איז איצט אויך קיינער ניטאָ.

איז ער אַוועק מיט איר.

זי האָט אים געוויזן אַלע אירע פּרעזענטן, וואָס מ׳האָט איר געגעבן דאָס פאַריקע יאָר צו איר געבורטסטאָג. און בלומען האָט זי יענעם טאָג אויך געהאַט פיל, זייער פיל פון אירע חברטעס — האָט זי אים דערציילט — און דעם קומענדיקן פינפטן יאַנואַר איז ווידער איר געבורטסטאָג, וועט זי קריגן נייע פּרעזענטן...

נאָכדעם האָט זי זיך געזעצט צו דער פּיאַנע און אָנגעהויבן שפּילן און ער האָט געזונגען.

אַרויס פון דאָרטן איז מאָרים מיט אַ נייעם געדאַנק. צו איר געבורטסטאָג וועט ער איר שענקען בלומען. ביז דעמאָלט איז מער פון אַ מאָנאַט. ער קריגט פון זיין טאַטן יעדן טאָג אַ פּעני, וועט ער קלייבן.

3.

ווען עס איז געקומען דער פינפטער יאַנואַר, האָט מאָרים געהאַט אָנגעקליבן גאַנצע פינף און דרייסיק סענט. פאַרנאַכט, ווען ער איז

געקומען פון שול, איז ער אַוועקגעלאָפן אויף גרענד סטריט און האָט דאָרט פאַר דעם גאַנצן געלט געקויפט אַ בוקעט רויטע בלומען, האָט זיי פאַרזיכטיק באַהאַלטן אונטער דעם פאַרקנעפּלטן רעקל און איז אַוועק אַהיים.

באַלד איז אַריינגעקומען ראָזעלע און האָט אים אַ רוף געטאָן:

— קום, וועסטו עפּעס זען.

— וואָס ?

— ווער איז דאָרטן אין דער היים ?

— קיינער ניט... פּאַפּאַ און מאַמע זיינען אַוועק איינקויפן פאַר די געסט. קום, וואָס האָסטו מרא ?

ער איז אַוועק מיט איר.

.4

פירט ראָזעלע אים אַריין אין צימער און ווייזט אים אַלע פּרעזענטן און בלומען, וואָס זי האָט געקראָגן.

אויפן בעטל און אויף אַ שטול ליגן קעסטעלעך און קאַסטנס מיט פאַרשיידענע שפּילצייג, מיט היטעלעך, מיט מאַנטעלעך, מיט קליידעלעך, און בלומען אַ סך, זייער אַ סך שענערע פון זיינע, רויטע און ווייסע.

שטייט ער מיט אויפגעריסענע אייגעלעך און מיט אַן אָפן מויל.

— וואַרט — מאַכט זי — איך האָב דיר נאָך אַלץ ניט געוויזן ! אין זאַל זיינען דאָ נאָך פּרעזענטן, וואַרט דאָ, איך וועל זיי אַהער ברענגען.

און זי איז אַרויסגעלאָפן.

מאָרים האָט אַ טאַפּ געטאָן די בלומען ביי אים אונטערן רעקל און אַ טראַכט געטאָן, אַז זיי וועלן איר אוודאי ניט געפעלן ווערן, ווען זי האָט אַזויפיל שענערע. דאָ איז ביי אים געבליבן, אַז ווען זי וועט אַריינקומען, זאָל ער איר זיינע בלומען געבן . . . .

פון קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט שטימען. מאָרים האָט זיך אומגעקוקט צעשראָקן.

אין צימער, וואו ער איז געשטאַנען, זיינען פּלוצלונג אַריינגעקומען ראָזעלעס טאַטע און מאַמע. זיי זיינען געבליבן שטיין פאַרוואונדערט און האָבן אָנגעקוקט מאָרישן.

— זע נאָר, וואָס טוט דאָ עפּעס דעם שוסטערס יינגל אַליין אין צימער ? צי האָט ער עפּעס ניט צוגעלאַטכנט ? — האָט אויסגעשריען ראָזעלעס פאָטער.

— וואָס טוסטו דאָ, ייִנגעלע? — האָט ראָזעלעס מאַמע איך געפֿרעגט.

— גאָרנישט — האָט מאָרים אַרויסגעמורמלט, אַ צעשראָקענער, ניט וויסנדיק וואָס צו ענטפֿערן.

— זע נאָר, חנה, וואָס האַלט ער עפּעס דאָרט אונטערן רעקל? — האָט זיך ראָזעלעס טאַטע צו אים אַ וואָרף געטאָן.

מאָרים האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די בלומען אונטערן רעקל און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אָבער יענער האָט אים אָנגעכאַפּט, אַ שלעפּ געטאָן צו זיך און אַ ריס געטאָן מיט אַזאַ רציחה, אַז די קנעפּלעך זיינען אויף אַלע זייטן אַרונטערגעפֿאַלן אויפֿן דיל.

— ווי איז מיר! אַזאַ קליינער ייִנגל און איז שוין אַ גנבֿ! — האָט ראָזעלעס מאַמע געבראָכן מיט די הענט.

— איך האָב עס געקויפֿט — האָט מאָרים געכליפּעט — איך האָב עס געקויפֿט.

— וואָס נאָך האָסטו געגנבֿעט, ייִנגעלע? — איז צו אים ראָזעלעס מאַמע מיט אַ ווייך קול צוגעגאַנגען — גיב בעסער אַליין אַוועק!

— גאָרנישט, גאָרנישט. איך בין ניט קיין גנבֿ — האָט ער געכליפּעט.

— וויז אָקאָרשט דיינע קעשענעס, חברהמאַן! — האָט ראָזעלעס טאַטע גענומען אים אַרומזוכן.



דאָ איז אַריינגעקומען ראָזעלע. זי איז געבליבן שטיין מיט צעשראָקענע אויגן.

— איך בין ניט קיין גנב! — האָט זיך אַ פֿאַרשטיקט געוויין ביי מאָריסן אַרויסגעריסן — פֿרעגט אפילו ראָזעלען.

— ראָזעלע, ווער האָט אים אַריינגעלאָזט צו דיר אין צימער? — האָט זיך אַ קער געטאָן צו איר דער פֿאָטער — ער האָט דיך באַגנבעט. פֿון אונטערן רעקל האָב איך ביי אים אַ גאַנצן פּאַק בלומען אַרויסגעשלעפּט.

— ער האָט געגנבעט? — האָט ראָזעלע אַרויסגעשעפּטשעט מיט שרעק — ער?

און זי האָט מאָריסן אַזוי אומעטיק אָנגעקוקט, און אין אירע אויגן האָבן טרערן געבלישטשעט.

— ניט אמת! — האָט מאָריס מיט געוויין זיך אַ כאַפּ געטאָן — איך האָב עס געקויפֿט, איך בין ניט קיין גנב.

— בלומען האָסטו געקויפֿט? וואָס זאָגסטו אויף דעם קאַפּיטאַליסט? — האָט ראָזעס טאַטע בייז געלאַכט. ער האָט אויסגעפּאַטשט מאָריסן און אים אַרויסגעטריבן פֿון שטוב.

מאָריס איז מיט אַ פֿאַרשטיקט געוויין אַרויס פֿון ראָזעלעס הויז, איז אַריין אין פֿאַרוויכערטן קעלער און איז פֿאַרשוואונדן הינטער דער שוואַרצער טיר.

פֿאַרשטיי די ווערטער:

חשד (כשאַד) — suspicion
שטאָק — floor
גוף — קערפּער
אַריינגעשפּאַרט — אַריינגעשטופּט
פֿאָרזיכטיק — careful

שאַכטעלעך — boxes
צוגעלאַטכנט — צוגעגנבעט
רציחה (רעציכע) — כעס (קאַס)
געכליפּעט — געוויינט
געבלישטשעט — געשיינט

איינצאָל - מערצאָל

וואַנט - ווענט	קאַץ - קעץ	טאָג - טעג
האַנט -	פּאַטש -	נאָז -
גאַסט -	באַנק -	שטאָט -
באַרג -	קלאַפּ -	פֿראָסט -
נאַכט -	זאַק -	קאָפּ -

אַרבעט: שרייב איבער אין דיין העפֿט, און גיב צו וואו עס פֿעלט.



אַמעריקע, אונדזער היים!

• נחום ווייסמאַן

פון מזרח און מערב און צפון און דרום —
זיינען מיר, יידן, אַהער דאָ געקומען,
מיט אָרעמס צעפּראַלטע און אָפענע טירן
האָסטו אונדז, אַמעריקע, דאָ אויפגענומען...

מיט ליד אויף די ליפּן און טרוים אין די אויגן
און בענקשאַפט נאָך פרייהייט פון וואָרט און פון טאַט —
האָסטו די פרייהייט מיט ליבשאַפט געגעבן
און בירגער געמאַכט אונדז פון לאַנד און פון שטאַט...

איז ווער האָט געוואַגט אונדזער לאַנד צו באַפאַלן,
און ווער האָט מיט בלוט דאָ מיין היים שוין באַשפּריצט?
מיר וועלן דעם טאָג פון דעצעמבער געדענקען
אויף קומענדע דורות אין האַרצן פאַרקריצט!

איז ברידער און שוועסטער, דערוואַכט און געגאַנגען
פאַרטיידיקן לאָמיר די היים און דאָס לאַנד: —
אַקס צו אַקסל און פּלייצע צו פּלייצע —
אַנטקעגן דעם שונא — אַ מעכטיקע וואַנט!...

ווערטלעך

וואו מען דאַרף האָבן מוח,	האָט מען ניט אין מויל.
אַז מען איז פויל,	אַ וואָרט באַשטייט.
אַליין קען מען עסן,	אַלץ גרעסער די שמחה.
אַ פּאַטש פאַרגייט.	העלפט ניט קיין כוח.
וואָס קלענער דער עולם,	אָבער ניט אַרבעטן.

אַ ר ב ע ט: פּאָר צונויף די ווערטלעך, און שרייב אַריין אין דיין העפט.

חיים סאַלאָמאָן און וואַלי פאָרדזש

• לויט עריק לוקאַס

ווינטער, אין דרויסן בלאָזט אַ שרעקלעכער שניי־שטורעם. אַלע וועגן און שטעגן צו וואַלי פאָרדזש זיינען פאַרשאָטן מיט בערג שניי, פונקט ווי זיי וואָלטן וועלן זיין אַ באַשיצונג קעגן אַ שונא.

אין הייזל אינעווייניק איז שטיל, שטיל און האַלב טונקל. בלויז אַ גראָב וואַקסן ליכט ברענט. און מיט יעדן שטאַרקן בלאָז פון דרויסנדיקן שניישטורעם, גיט זיך דאָס ליכט־פלעמל אַ נויג, דאַ אַהער, דאַ אַהין, און טריפט פון זיך עטלעכע וויינענדיקע וואַקס־טראָפּנס.

אָנגעטאָן אין אַ פּאַלערינע, שטיוול און אַ דריי־עקיקן הוט, זיצט אַ פאַרזאָרגטער מאַן. זיינע פיס האַלט ער אויסגעצויגן צו אַ קליין שוואַרץ אייוועלע, וואָס שטייט אַ ברענענדיקס אין מיטן הייזל, מיט אַ קיילעכדיק רויט גליענדיק בייכעלע.

דער מאַן, דאָס איז גענעראַל דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

לעבן אים שטייט אַן אָפּגעריסענער סאָלדאַט און האַלט אַ גרויסע ביקס. אַנטקעגן גענעראַל דזשאָרדזש וואַשינגטאָן זיצט אַ יונגערמאַן. דאָס איז זיין געהילף און דער נאָענטסטער מיליטערישער אַרויסהעלפער, קאָלאָנעל אייזאַק פרענקס.

— דאָס איז דער ביטערסטער טאָג — זאָגט פרענקס.

יאָ, דאָס איז אויך אַ ביטערער טאָג אין דער געשיכטע פון אונדזער לאַנד — ענטפערט אים וואַשינגטאָן. ער שטעלט זיך אויף און שפּאַנט אַרום אומרואיק. — ס'פעלט שפּייז, די סאָלדאַטן האָבן ניט קיין ווינטער־קליידער. אַמוניציע גייט אויס, די קאַנאָנען צעפאַלן זיך, און קיין געלט איז ניטאָ. איך דערוואַרט איצט דאָס ערגסטע.

אַ קלאַפּ אין טיר, און דער גענעראַל מיט זיין געהילף האָבן איבער־געריסן זייער שמועס. פון דרויסן האָט זיך דערהערט אַ מעלדונג:

— אַ דזשענטלמאַן וויל זען דעם גענעראַל וואַשינגטאָן.

קאָלאָנעל פרענקס איז צו צו דער טיר און געפרעגט:

— וואָס איז זיין נאָמען, און פון וואַנען קומט ער?

די שטימע האָט געענטפערט:

— ער קומט פון פילאַדעלפיע. זיין נאָמען איז חיים סאַלאָמאָן.

— שיקט אים אַריין — האָט פרענקס באַפוילן.

עס איז אַריינגעקומען אַ קליינער, טונקעלער מאַן אין אַ פּאַלע־רינע און אין אַ דריי־עקיקן הוט. ער האָט אָפּגעשאָקלט פון זיך דעם

שניי, אַ קוק געטאָן אויף ביידע מענער, און זיך געווענדט צו וואַ־שינגטאָנען:

— גענעראַל וואַשינגטאָן?

וואַשינגטאָן האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

סאַלאָמאָן האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט און געזאָגט:

— ס'איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד!

— זעצט זיך אַוועק און וואַרעמט זיך אָן — האָט וואַשינגטאָן אים אָנגעוויזן אויף אַ בענקל ביים אויוון. סאַלאָמאָן האָט באַדאַנקט און זיך אַוועקגעזעצט, אויסגעצויגן זיינע פאַרפרוירענע הענט צום אויוון.

וואַשינגטאָן האָט אַ פאַרוואונדערטער געקוקט דאָ אויף זיין גע־הילף און דאָ אויף סאַלאָמאָנען, וואָס רעדט, נישט קוקנדיק אויף קיינעם.

— גענעראַל, — האָט סאַלאָמאָן געזאָגט — איר קענט מיך אוודאי ניט, אָבער מיר זיינען דאָך אַלטע גוטע פריינט. איך האָב קיין מאָל ניט געטראַכט, אַז איך וועל זיך ווען עס איז דאַרפן אַרויסגעבן. מיר לעבן אָבער איצט איבער שווערע צייטן. איצט איז ניטאָ קיין פלאַץ פאַר באַשיידנקייט. איר האָט דערהאַלטן גרויסע סומעס געלט צו העלפן אונדזער קאַמף?

— יאָ, פון אַן אומבאַקאַנטן פריינט, פון איינעם, וואָס פלעגט אַלע מאָל צולייגן אַ צעטעלע צו זיין מתנה, און דאָס צעטעלע האָט זיך געלייענט: „אַ קליינע ביישטייערונג פאַר אַ גרויסן צוועק פון אַן אומבאַקאַנטן פאַטריאָט צו...“

— צו אַ זייער געהויבענעם פאַטריאָט — האָט סאַלאָמאָן צוגע־געבן.

— ווי אַזוי ווייסט איר דעם אינהאַלט פון דעם צעטעלע?
— איך האָב דאָס צעטעלע געשריבן — האָט געענטפערט סאַלאָמאָן.
וואַשינגטאָן האָט אַ באַגייסטערטער אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט.
— אָ, גוטער מענטש! גאָט האָט אייך איצט צוגעשיקט.
— ניט איך אַליין האָב דאָס געטאָן — האָט געזאָגט סאַלאָמאָן. — מיינע פריינט פון דער סינאַגאָגע האָבן געגעבן דעם גרעסטן חלק. גענעראַל וואַשינגטאָן, איך ווייס וועגן דעם שרעקלעכן צושטאַנד פון אונדזער אַרמיי. זאָגט מיר, וויפיל הילף דאַרפט איר האָבן צו פאַרזיכערן דעם דערפאָלג פון דער אַרמיי, צו דערגרייכן אונדזער ציל?
וואַשינגטאָן האָט אַ קוק געגעבן אויף זיין געהילף, און פרענקס האָט זיך אָנגערופן:
— מיר דאַרפן באַלד האָבן פיר הונדערט טויזנט דאָלער.
ווען חיים סאַלאָמאָן האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן זיין הוט, און געזאָגט געלאַסן:
— גענעראַל וואַשינגטאָן! איך גיב אייך מיין וואָרט, ווי אַן אַמעריקאַנער, אַז איר וועט דאָס געלט האָבן. און זייער גיך! אַ גוטע נאַכט.
וואַשינגטאָן מיט זיין געהילף האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פריידיקע בליקן.
— מיר וועלן נאָך דערגרייכן אונדזער ציל! מיר זיינען נאָך ניט פאַרלוירן! — האָט וואַשינגטאָן געמוטיקט זיין געהילף.
דרויסן האָט דער שניי־שטורעם נאָך אַלץ שרעקלעך געבלאָזן, אָבער פונעם נאָענטסטן סאָלדאַטן־לאַגער האָבן זיך דערטראָגן פריילעכע טענער פון אַ האַרמאָשקע־שפּילער, טענער פונעם ליד פון יאָר 1776.

פאַרשטייט די ווערטער:

שטעג — path
באַשיצונג — defense
אַ בויג — bow
טריפט — drips
טראָפּנס — drops
פעלערינע — cape
באַשיידנקייט — modesty

צוועק — ציל — goal
באַגייסטערונג — ענטוזיאַזם — enthusiasm
חלק (כיילעק) — טייל
געמוטיקט — געגעבן מוט
לאַגער — קעמפּ



אייבּרעהעם לינקאָלן

• מאָריס ראָזענפעלד

דער נעגער האָט דעם יאָך געטראָגן,
שטיל און רואיק, ווי אַ לאַם.
פלעגט קיין הויך וואָרט נישט זאָגן,
שטיל געשטיקט אין זיך דעם פלאַם.

אויף קענטאָקיס גרינע וויזן,
אין אַ שטיבל אויפן פעלד,
איז דער ריז פון פרייהייט-ריזן
אָנגעקומען אויף דער וועלט.

„לאָזט אים פריי!" האָט ער געשטורעמט.
„פון זיין אומגליק ווערט ניט רייך!
מענטשן זיינען גלייך געפורעמט,
שוואַרץ צי ווייס, מיר זיינען גלייך!"

און ער האָט די קייט צעריסן,
און געלאָזן גיין דעם קנעכט,
און באַפרייט אַ פאָלקס געוויסן,
און געקרוינט דאָס מענטשן-רעכט!

• י. ל. פּרץ

ווייסע, ברוינע, שוואַרצע, געלע,
מישט די פֿאַרבן אויס צוזאַמען.
אַלע מענטשן זיינען ברידער,
פֿון איין טאַטן, פֿון איין מאַמען.

אַלע מענטשן זיינען ברידער,
ווייסע, ברוינע, שוואַרצע, געלע.
אַנדערש זיינען נאָר די פֿאַרבן,
די נאַטור איז דאָך די זעלבע.

אַלע מענטשן זיינען ברידער,
געלע, ברוינע, שוואַרצע, ווייסע.
פֿעלקער, ראַסן און קלימאַטן —
ס׳איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה.

איינצאָל - מערצאָל

לאַנד - לענדער	האָן - הענער	בוך - ביכער	מאַנטל - מאַנטלען
וואַלד -	שלאָס -	שטוב -	נאָדל -
שאָף -	גאָרטן -	גרוב -	שפּיגל -
מאַן -	וואָרט -	הון -	אָקסל -
פּלאַן -	אָרט -		שליסל -

ווען דער פּאַפּאַ סטרייקט

• ז. ליבין

עס איז ווינטער-נאַכט.

דרויסן איז אַ ברענענדיקער פראָסט און אַ שניידנדיקער קאַלטער ווינט. דרויסן איז סיביר. און אין צימער? אין צימער איז ניו-יאָרק. עס איז קאַלט ווי אין דרויסן. דאָ אין צימער וואוינט אַן אַרבעטער, אַ יידישער הויזן-מאַכער. און פון יעדן ווינקעלע קוקט אַרויס די ביטערע שטיקנדיקע נויט, ווייל דער הויזן-מאַכער איז אין סטרייק.

דער סטרייקער איז ניטאָ אין דער היים. ער איז אויף אַ מיטינג. די פרוי זיינע זיצט ביים אויוון און נייט עפּעס מיט דער נאָדל — דאָס פאַרריכט זי אויס וועש פאַר די שכנים, העלפנדיק דערמיט דעם מאַן אין זיין סטרייק.

עס איז שטיל אין צימער. בלויז דער ווינט קלאַפּט אין די פאַר-פרוירענע שויבן. און טייל מאָל רייסט ער זיך גאָר אַריין אין קוימען און וויינט אַזוי האַרצרייסנדיק, אַזוי טרויעריק, עפּעס ווי ער וואָלט אויך געהאַט אַ ביטער האַרץ פון אַ הויזן-מאַכער אַ סטרייקער...

— מאַמע! — האָט זיך דערהערט אַ קינדיש שטימעלע פון שלאָפצימער. און די מאַמע וואַרפט די אַרבעט און לויפט אַהין. דאָרט שלאָפט איר צירעלע, איר איינציק דריי-יאָריק קינד.

צירעלע איז געוועזן באַהאַלטן אין אַ ים מיט שמאַטעס, האָט זי דאָס אַלץ אַראָפּגעוואָרפן און וויל אַרויסגיין פון בעט.

— וואוהין, מיין קינד? — פרעגט די מוטער און פּרוּווט צוריק איינדעקן דאָס מיידעלע.

— מאַמע, נעם מיך צום אויוון, מיר איז קאַלט — בעט זיך צירעלע.

— עס איז דאָרטן אויך קאַלט, צירעלע!

— וואַרף אַריין קוילן — גיט דאָס קינד אַן עצה.

— ניטאָ, מיין נחת, קיין קוילן — זיפצט דעם סטרייקערס פרוי.

— פאַראַן.

— ניטאָ, מיין לעבן.

און די מוטער גייט אין קיך, נעמט דאָס לערע קוילן-שעפל און ווייזט עס צירעלען.

צירעלע קוקט אַריין אין שעפל און גיט דערביי אַ טיפן, קינדישן זיפץ.

— ניטאָ מער קיין קוילן — זאָגט צירעלע און איר קינדיש פּנימל ווערט אַזוי ערנסט טרויעריק.

— ניטאָ מער — זאָגט די מוטער.
— גיי, ברענג — ראָט דאָס קינד.
— ניטאָ קיין געלט, מיין הארץ.
— ניטאָ קיין פענים? — פרעגט דאָס קינד איבער.
— יאָ, מיין נשמה, ניטאָ קיין פענים.
— דער טאַטע ברענגט ניט?
— יאָ, צירעניו, דער טאַטע ברענגט ניט.
— פאַרוואָס?
— ווייל ער איז אין סטרייק, מיין טאָכטער.

צירעלע קוקט אויף דער מוטער אַזוי טרויעריק, כאַטש דאָס לעצטע וואָרט, וואָס די מוטער האָט איר געזאָגט, פאַרשטייט זי ניט.

— שלאָף, צירעניו.
— איך וויל עסן, מאַמע!
— גלייך, מיין קינד.

און די מאַמע גייט אין קיך, שניידט אָפּ אַ ברעקל ברויט, זוכט עפּעס אין אַלמער, געפינט גאָרניט און, געבנדיק אַ שטילן, טיפן זיפץ, קערט זי זיך אום צוריק אין שלאָפצימער צו איר הונגעריק קינד.

— נאַ, מיין קינד.
— וואָס איז דאָס?
— ברייטעלע.
— איך וויל ניט, מאַמע!
— פאַרוואָס, צירעניו?
— באַשמיר מיט פוטער.
— ניטאָ, מיין נחת. מאָרגן וועל איך באַשמירן. דערווייל עס אַזוי.
— איך וויל ניט. גיב פוטער!
— קינד מיינס, נו, וואָס וואָלט איך דיר ניט וועלן געבן, אַז עס וואָלט געווען, נאַרעלע מיינס? — רעדט די מוטער איין איר קינד.

צירעלע וויל אָבער ניט גלויבן און ווייזט אויפן אַלמער.

די מוטער ברענגט די ליידיקע פוטער-כלי צום בעט. צירעלע קוקט אויף איר און לאָזט ווידער אַרויס אַ שטילן, האַרצרייסנדיקן זיפץ.

— ניטאָ מער קיין פוטער, מאַמע! — זאָגט דאָס קינד טרויעריק און פירט פונאַנדער די הענטלעך.

— ניטאָ מער, מיין לעבן — ענטפערט די מאַמע מיט אַ קול פון טרערן.

— ניטאָ קיין פּענים? — פרעגט צירעלע.
— יאָ, מיין טאָכטער, ניטאָ קיין פּענים.
— דער פּאָפּאָ ברענגט ניט?
— ניין, מיין נשמה, ער ברענגט ניט.
— פאַרוואָס, מאַמע?
— איך זאָג דאָך דיר, מיין אויג אין קאָפּ, ער סטרייקט.
אַ ווײַלע שווייגט דאָס קינד, דערנאָך גיט עס פּלוצלונג אַ פרעג:
— וואָס איז דאָס, מאַמע?
— וואָס, מיין קינד?
— פאַרוואָס דער פּאָפּאָ ברענגט ניט קיין פּענים?
— ער סטרייקט, מיין קינד.
— ווער איז דאָס? — פרעגט צירעלע ווייטער.
— קיינער ניט, מיין קינד, דאָס איז אַ סטרייק.
— וואָס איז דאָס, מאַמע?
— אַ סטרייק, מיין נשמה.
— אַ בוגימען?
— ניין, מיין קינד, קאָנסט עס ניט פאַרשטיין... וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין.
דער ווינט שטאַרקט זיך, און הייבט אָן אַזוי ווילד צו קלאַפּן אין די שויבן. עס ציטערט דאָס גאַנצע הויז. צירעלע דריקט זיך צו דער מאַמען און ציטערט פאַר שרעק.
— איז דאָס דער סטרייק, מאַמע?
— נאַריש קינד, דאָס איז דאָך דער ווינט.
צירעלע הערט זיך איין, טוליעט זיך צו דער מאַמען און נעמט אָן חשק עסן דאָס שטיקל ברויט...

פון דער מאַמעס אויגן קאַפּען אַרונטער טרערן אויפן קינדס קעפּעלע. און פון קינדס אויגן קאַפּען אַרונטער טרערן און באַנעצן דאָס טרוקענע שטיקל ברויט.

פאַרשטיי די ווערטער:

הויזן־מאַכער — pants maker
נויט — need
שויבן — window panes
עצה (אייצע) — advice
נחת (נאַכעס) — pleasure

אַלמער — שאַפע — closet
האַרצרייסנדיק — heart breaking
חשק (כיישעק) — desire
קאַפּען — drip

דאָס אויג	דאָס ברויט	דאָס בעט	דאָס הויז

געדענקסטו?

שטעל צו „דער", אָדער „דאָס".

ד - באַפרייטער קנעכט. ד - פאַרזייטע פעלד. ד - פאַרשקלאַפטע פאָלק. ד - גלייכער וועג. ד - ליבע פנים.

דער זעצער האָט צעמישט די ווערטער, שטעל זיי צונויף אין אָרדענונג.

●

געדענקסטו דאָס ווערטל?

אַ האָר זיין ניט וואָלף זיינע פאַרלירט אָבער נאַטור.

וואָס זיי טוען?

1. די שויב איז צעבראָכן, איך וועל רופן דעם - - - - וועט ער אַריינשטעלן אַ נייע. 2. אויב די טיר פאַרמאַכט זיך ניט, איז דער שלאָס אוודאי צעבראָכן. ווייסטו ווער עס קאָן אים פאַרריכטן? דער - - - . 3. אין ניו־בעדפאָרד, מאַסאַטשוסעטס, וואוינען זייער אַ סך - - -. זיי אַרבעטן דאָרט אין די טעקסטיל פאַבריקן. 4. מיין טאַטע איז אַ - - - , ער בויט הייזער. 5. הערסטו דאָס קלאַפּן פון האַמער? דאָס אַרבעט דער - - - אין דער שמידעריי. 6. דער וואָס מאַכט היטלען, רופט מען אַ - - - . 7. אַ - - - אַרבעט אויס זאַכן פון בלעך.	שמיד מויערער היטלמאַכער בלעכער גלעזער וועבער שלאָסער

אַרבעט: שטעל אַוועק דאָס ריכטיקע וואָרט אויפן ריכטיקן אָרט.

מיין ייִנגעלע

• מאָרים ראָזענפעלד

איך האָב אַ קליין ייִנגעלע,
אַ זונעלע גאָר פיין!
ווען איך דערזע אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מיין.

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מיין שיינעם, ווען ער וואַכט:
איך טרעף אים תמיד שלאָפנדיק,
איך זע אים נאָר ביינאַכט.

די אַרבעט טרייבט מיך פרי אַרויס
און לאָזט מיך שפּעט צוריק.
אַ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב,
אַ, פרעמד מיין קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים,
אין פינצטערניש געהילט;
מיין בלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט.

ווי זים עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
„אָ, מאַמע, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פעני מיר
מיין גוטער, גוטער פּאַ?"

איך קוש די בלויע אייגעלעך.
זיי עפענען זיך: „אָ, קינד!"
זיי זעען מיך, זיי זעען מיך
און שליסן זיך געשווינד.

פאַרשטיי די ווערטער:

זעלטן — seldom
ווען ער וואַכט —
ווען ער שלאָפט ניט
תמיד (טאָמיד) — שטענדיק
צעקלעמטערהייט — פול מיט ווייטיקן
געהילט — איינגעוויקלט

געדענק :

דאָס יינגעלע	די וועלט	די נאַכט	די היים

ק ו מ ע נ ד י ק ע צ י י ט

2טע פּערזאָן איינצאָל :	2טע פּערזאָן מערצאָל :
דו וועסט לערנען	איר וועט לערנען
דו וועסט לייענען	איר וועט לייענען
דו וועסט זען	איר וועט זען
דו וועסט זינגען	איר וועט זינגען
דו וועסט טרינקען	איר וועט טרינקען

אַ ר ב ע ט : שרייב די פינף ווערבן איינצאָל און מערצאָל 2טע פּערזאָן.
רעדן, שרייבן, טאַנצן, עסן, וואַשן.

צווילינג-ווערטלעך :

1 ער איז געקומען צו לויפן	הענדום	- און פּאַס 4
2 עס האָבן מאַרשירט אַלע,	קינד	- און אַרום 3
3 ער גייט אַלע מאָל	אַרום	- און אויף בענק 5
4 זי גייט אַרום	פּוסט	- פּענדום 1
5 ס'איז דאָרט אויף	טיש	- און קייט 2

אַ ר ב ע ט : געפֿין אויס די צווילינג-ווערטלעך. פּאָר זיי צונויף, און שרייב איבער אין דיין העפט.

געדענקסטו דאָס ווערטל ?

„מאַכן אַ קאַץ אויף קאַליע קאָן"

דער זעצער האָט צעמישט די ווערטער, דאַרפסטו עס פאַרריכטן.

די קאַץ איז אַליין שולדיק

אַ יינגעלע האָט אָנגעכאַפּט אַ קאַץ פאַרן עק.

— וואָס טוסטו ? — האָט די מאַמע גענומען שרייען אויף איר יינגעלע — מע טאָר אַ קאַץ פאַרן עק ניט ציען, עס טוט דאָך איר וויי !

— איך צי ניט די קאַץ — האָט זיך דאָס יינגעלע פאַרענטפערט

— איך האַלט זי נאָר ביים עק ! די קאַץ ציט דעם עק אַליין !

מיטצי פליט אַהיים

• י. א. ראָנטש

1.

ווען יודזשין איז אַלט געווען אַכט יאָר, האָט ער מער ווי אַלץ אין דער וועלט געוואָלט האָבן אַ הינטל. נאָר אין הויז זיינען געווען נאָך צוויי שוועסטער און זיי האָבן געזאָגט: „ניין.״ און טאַטע־מאַמע האָבן געזאָגט — „ניין.״ און דער זיידע האָט געזאָגט — „ניין.״. האָט דאָס יודזשין ניט געקאָנט פאַרשטיין. וואָס קאָן זיין שענער פון אַ שוואַרץ קליין הינטל מיט האָר ווי זייד, מיט לאַנגע אויערן און בורשטינענע אויגן, וואָס קוקן דיר געטריי אין פּנים אַריין? נאָר אַז אַלע מענטשן אין הויז זאָגן „ניין״, מסתמא ווייסן זיי בעסער.

ייען יודזשין איז שוין געווען אַ גרויסער, ווען ער איז צוועלף יאָר אַלט געווען, האָט ער נאָך אַלץ געוואָלט האָבן אַ הינטל, און דאָס מאָל האָט זיך עס אים כמעט איינגעגעבן. ער האָט יענעם זומער פאַרבראַכט אין אַ קעמפּ. איין מאָל איז מען אַוועק אויף אַ לאַנגן שפּאַציר. ער און זיין חבר מויש זיינען געגאַנגען די לעצטע. גייען זיי אַזוי און רעדן וועגן זייער קאָנסעלאָר.

מיטאַמאָל דוכט זיך יודזשינען אויס, אַז עמעצער גייט הינטער זיי. ער גיט זיך אַ קוק אום און ער דערזעט: יאָ, עמעצער גייט זיי נאָך, מיט שטילע, שטילע טריט. זיי האָבן זיך זייערע אויגן ניט גע־גלויבט. זיי זיינען געבליבן שטיין. דער עמעצער איז צוגעקומען נאָענט צו זיי. אַזוי נאָענט, אַז ער האָט זייערע נאַקעטע פיס אָנגערירט.

דאָס איז געווען אַ ברוינער עירדעיל הונט, פון מיטעלן וואוקס, אַ ביסל אַ פאַרשטויבטער, נאָר אַזוי איז ער געווען אינגאַנצן ריין. מויש האָט זיך דערשראָקן פאַרן הונט און ער האָט געוואָלט אָנהייבן גיין שנעלער, נאָר יודזשין האָט זיך איינגעבויגן איבער דער שטומער באַשעפעניש און אים אָנגעהויבן גלעטן. דער הונט האָט אויסגע־שטרעקט זיין ווייכע גרויסע צונג און געלעקט יודזשינס האַנט און זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס און מיט די פאָדערשטע ווי געוואָלט אַרומנעמען יודזשינען.

יודזשין האָט זיך געפרייט. דער הונט איז אים נאָכגעגאַנגען, ווי אַ גוטער הייקער. ער איז צוגעקומען צום טויער פון קעמפּ און דאָרט געבליבן שטיין. יודזשין האָט אים גערופן, נאָר אַריינגיין האָט דער הונט ניט געוואָלט. ער איז געשטאַנען אַ פאַרבענקטער און געקוקט ווי יודזשין גייט אַריין. דאַן האָט ער מיט גיכע טריט אָנגעהויבן שטעלן פיס, צוריק אַהיים צו זיין באַלעבאָס.

2.

יודזשין איז געוואָרן גאָר גאָר אַ גרויסער. ער איז אַריין אין קאָלעדזש און ער האָט שוין מער וועגן קיין הינטל ניט געטראַכט. דאָ ברעכט אויס די מלחמה. יודזשין וויל פליען צו די פיינט פון אַמעריקע און זיך מיט זיי אָפּרעכענען. ער לערנט זיך גוט אין דער אַוויאַציע־שול און ער ווערט אַ פּילאָט פון אַ פליענדיקער פעסטונג. ער איז שטאָלץ מיט זיין בי־17.

אָט געפינט זיך יודזשין שוין אין צפון־אַפריקע. ער איז געפלויגן איבער דעם פיינטס טעריטאָריע. ער בענקט אַהיים צו זיינע טאַטע־מאַמע, צו זיינע שוועסטער, צו זיין זיידן.

דרייט זיך אַמאָל ידזשין אַרום איבער די גאַסן פון קאַסאַבלאַנקאַ. די מענטשן אַרום אים רעדן פראַנצויזיש און אַראַביש און נאָך שפּראַכן, וועלכע ער פאַרשטייט ניט. יודזשין איז געווען אויף אַן אורלויב און ער האָט געוואָלט פאַרברענגען מיט פריינט, נאָר ער האָט דאָ קיינעם ניט געקענט. מיטאַמאָל דערזעט ער ווי אַן אַראַבער שטייט אין מיטן גאַס אַרומגערינגלט פון דריי הינטלעך. יודזשין שטעלט זיך אָפּ און ער באַטראַכט זיי. דער אַראַבער הייבט אויף איין הינטל, אַ שוואַרצן שפּאַניעל, און ער טראָגט אים צו צו ידזשינען. דאָס הינטל לאָזט זיך גלעטן און עס וויל ניט אַרוים פון יודזשינס אָרעמס.

עפּעס האָט יודזשין דערפילט, ווי דאָס הינטל וויל זיך באַפריינדן מיט אים. און יודזשין האָט זיך געגוטיטיקט אין אַ פריינט. דער אַראַ־בער גיט יודזשינען צו פאַרשטיין, אַז ער וויל דאָס הינטל פאַרקויפן. ער וויל פינף דאָלער דערפאַר. יודזשין טראַכט שנעל. די חברים־פליער פון זיין בי־17 האָבן ניט איינמאָל געזאָגט, אַז די שיף דאַרף האָבן אַ „מעסקאָט". יודזשין גיט אַ טראַכט ווי גוט ס'וועט זיין, ווען ער וועט צוריקקומען מיט אַ סורפּריז, מיט אַ „מעסקאָט". יודזשין האָט דאָס הינטל אָפּגעקויפט ביים אַראַבער און ס'איז אים איינגעפאַלן אים אַ נאָמען צו געבן מיטצי.

קיין בעסערע מתנה האָט יודזשין זיינע חברים ניט געקאָנט ברענגען. מיטצי איז געווען אַ יאָר אַלט און ער איז געוואָרן דער ליבלינג פון אַלע פליער. צוויי מאָל האָט יודזשין מיטצין אַריינגענומען אין זיין פליענדיקער פעסטונג און דאָס הינטל איז געפלויגן. מיטצי האָט זיך ניט געשראָקן, נאָר צו הויך האָט ער ניט געקאָנט פליען.

יעדעס מאָל ווען יודזשינס שיף האָט זיך געדאַרפט אויפהייבן צום קאַמף, האָבן זיך אַלע פליער געזעגנט מיט מיטצין. דאָס הינטל האָט



ווי פֿאַרשטאַנען, אַז זיינע פֿריינט פֿליען אַוועק אויף אַ געפֿערלעכער מיסיע, אַז זיי וועלן שוין מעגלעך מער ניט צוריקקומען; נאָר ווען יודזשין האָט זיין ריזיקע שיף צוריקגעבראַכט בשלום, האָט מיטצי זיך געפֿרייט מער ווי אַלע.

ווען יודזשין איז מיט זיין שיף געפֿלויגן פֿון צפֿון־אַפֿריקע קיין סיצילע איז מיטצי אויך מיטגעפֿלויגן מיט זיי. ווען די שיף איז אַראָפּ אין איטאַליע איז מיטצי אויך געווען צווישן די, וואָס האָבן געהאָלפֿן איטאַליע זיך באַפֿרייען פֿון די פֿאַשיסטן.

3.

יודזשין האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס אַ פּילאָט. ער האָט באַקומען אַ מעדאַל, און ווען ער האָט געענדיקט זיינע פֿופֿציק באָמבע־מיסיעס איבער דעם פֿיינטס טעריטאָריע, האָט ער געקראָגן דעם „דיסטינגווישד פֿלייאינג קראָס". ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט באַלד אַהיים־געשיקט ווערן אין די שטאַטן און ווערן אַן אינסטרוקטאָר, צו לערנען נייע פֿליער. זיינע עלטערן האָבן זיך געפֿרייט, וואָס יודזשין וועט באַלד אַהיימקומען אַ גאַנצער און אַ געזונטער און אַ העלד דערצו.

יודזשין האָט באַשלאָסן מיטצונעמען מיטצין מיט זיך אַהיים אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. מיטצי איז זיין בעסטער פֿריינט, האָט ער געזאָגט. מיטצי האָט שטענדיק געוואַרט אויף אים, ווען ער איז געפֿלויגן אין די הימלען און געקעמפֿט מיט אונדזערע פֿיינט. ער קאָן מיטצין אַצינד ניט איבערלאָזן.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג ווען יודזשין האָט זיך געדאַרפֿט אַריינזעצן אין אַ טראַנספּאָרט־שיף און לאַנגזאַם, דורך געפֿערלעכע וואַסערן, אָנקומען אין די שטאַטן. מען האָט אים געזאָגט, אַז ער קאָן זיין הינטל ניט מיטנעמען אויף דער שיף, אַז ער וועט עס מוזן לאָזן אין האַפֿן. געזעגן איז געזעגן. מיט טרערן אין די אויגן האָט זיך יודזשין געזעגנט מיט זיין באַליבטן מיטצין.

דער נאַוויגאַטאָר פֿון יודזשינס לופֿט־שיף, לייטענאַנט פּעטריק אָ'גרעידי, האָט געדאַרפֿט אַהיימפֿאָרן מיט אַן אַנדער שיף אין אַ פּאָר

טעג אַרום. יודזשין האָט אים איבערגעלאָזט מיטצין. ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים איבערגעבן אין גוטע הענט.

פּאַסירט האָט אָבער אַנדערש. לייטענאַנט אַ׳גרעידי איז ניט אַהיימגעפאָרן, ווי לייטענאַנט יודזשין, אויף אַ וואַסער־שיף, נאָר אין אַ לופט־שיף. לייטענאַנט אַ׳גרעידי האָט דערציילט דעם פּילאָט וועגן מיטצין און דער פּילאָט האָט דערלויבט מיטצין צו פליען אַהיים, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. לייטענאַנט אַ׳גרעידי האָט געוואוסט, אַז יודזשין וועט האָבן דעם גרעסטן סורפּריז אין זיין לעבן.

ווען לייטענאַנט אַ׳גרעידי איז אָנגעקומען אין ניו־יאָרק מיט מיטצין, האָט ער די ערשטע זאַך טעלעפאָנירט צו יודזשינס עלטערן. זיי האָבן אים געבעטן גלייך אַריבערקומען. ער איז אָבער ניט געקומען אַליין. ער האָט מיטגעבראַכט מיטצין.

יודזשינס טאַטע־מאַמע און זיינע שוועסטער און אויך דער זיידע האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּפרייען מיט מיטצין. זיי האָבן אים אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. זיי האָבן געוואוסט ווי שטאַרק יודזשין וועט זיך דערפרייען, ווען ער וועט אַריינקומען אין הויז און דערזען אַן אומגעריכטן גאַסט — מיטצין.

צען טעג האָט מיטצי פאַרבראַכט אין יודזשינס הויז. אויפן עלפטן טאָג האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. דאָס האָט גערעדט יודזשין. די פרייד איז געווען גרויס. מיטצין האָט מען פריש אויסגעבאָדן און אויסגעקאָמט.

ווען יודזשין האָט געעפנט די טיר און די מאַמע האָט אים אַרומגעכאַפּט קושן און האַלדזן, האָט יודזשין ניט געוואוסט, אַז אויף אים וואַרט זיין געטרייער פריינט אין זעלבן הויז. מיטצי איז געלעגן און געדרימלט אין וואַש־צימער. ס׳איז געווען שפּעט ביינאַכט. נאָר ווען יודזשין איז אַריין אין שלאָף־צימער, וואָס האָט זיך געפונען לעבן וואַש־צימער, האָט מיטצי דערהערט זיין קול און זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן בילן און סקאַוואַטשען. יודזשין האָט זיך זיינע אויערן ניט געגלויבט. ער איז אַריינגעלאָפן אין וואַש־צימער און דאָרט איז אים אַנטקעגנגעשפּרונגען מיטצי, זיין מיטצי.

גדענקסטו?

שטעלט צו „דער", אָדער „דאָס".

ד - נייער געגנט. ד - יונגע פייגעלע. ד - רויטע קעפּעלע.

ד - פּייכטער קעלער. ד - גוטער געטראַנק. ד - לופטיקע צימער.

ד - ליבער גאַסט. ד- זיסע קול. ד - גליקלעכער טאָג.

אַ ר ב ע ט: שרייב איבער אין דיין העפט.

צווילינג ווערטלעך

דזשייק איז שטענדיק	לוסטיק	און שאַרף
זעלדע זעט אויס	געזונט	און ניט געפּלויגן
ער איז איבערגעגעבן מיט	לייב	און פריילעך
דער ענטפער איז געווען	קורץ	און לעבן
די גאַנצע מעשה איז	ניט געשטויגן	און שטאַרק

אַ ר ב ע ט: געפין אויס די צווילינג ווערטלעך. פאַר זיי צונויף, און שרייב איבער אין העפט.

●

גדענקסטו דאָס ווערטל?

דאָס פאַלט ווייט ביימעלע פונעם ניט עפּעלע

דער זעצער האָט צעמישט די ווערטער, שטעל זיי אויס אין אָרדענונג.

●

סינאָנימען:		אַנטאָנימען:	
הויז	פּיצלעך	אינעווייניק	פּייער
מיד	זאַמלען	אַ ביסל	שקלאַפעריי
ברעקלעך	שטוב	פרייהייט	אויסנווייניק
קלייבן	פאַרמאַטערט	וואַסער	אַ סך
אַ ר ב ע ט: פאַר צונויף די אַנטאָנימען, און שרייב אַריין אין העפט.		אַ ר ב ע ט: פאַר צונויף די סינאָנימען, און שרייב אַריין אין העפט.	

מלחמה

• אברהם רייזען

אַ, מאַמע, כ׳וויל אַ ביסל מילך,
ס׳איז טרוקן מיר מיין גומען.
— מיין קינד, אַ בייזער פאַסטעך האָט
די אַלע קי פאַרנומען.

טאָ גיב מיר מאַמע ברויט אַ ביס,
דעם הונגער מיר צו שטילן.
— נישטאָ, מיין קינד, אַ וואַסער האָט
פאַרטרונקען אַלע מילן.

אַ וואַסער ווילד, אַ וואַסער רויט,
האָט זיי אַראָפּגעטראָגן,
און אַלע מילנער זיינען איצט
אַוועק אין פעלד זיך שלאָגן.

— טאָ וואו זשע איז דער טאַטע איצט?
ער זאָל אונדז עסן קריגן?
— דער טאַטע איז אַוועק מיט זיי
אַ שונא צו באַזיגן.

פאַרשטיי די ווערטער:

פאַסטעך — shepherd
פאַרטרונקען — flooded
אַ שונא — אַ פיינט
צו באַזיגן — to conquer

ק ו מ ע נ ד י ק ע   צ י י ט

3טע פערזאָן איינצאָל:	3טע פערזאָן מערצאָל:
ער וועט לערנען	זיי וועלן לערנען
ער וועט לייענען	זיי וועלן לייענען
ער וועט זען	זיי וועלן זען
ער וועט זינגען	זיי וועלן זינגען
ער וועט טרינקען	זיי וועלן טרינקען

אַ ר ב ע ט: שרייב די ווערבן 3טע פערזאָן, איינצאָל און מערצאָל.
רעדן, שרייבן, טאַנצן, עסן, וואַשן.

דאָס ייִנגעלע, וואָס האָט געראַטעוועט שלום־עליכמען

• א. גאָלדבערג

פון אַ קליין שטעטל אין אוקראַינע האָט די רויטע אַרמיי געמוזט שנעל אָפּטרעטן. מערסטע יידן פון שטעטל זיינען אַוועק צוזאַמען מיט דער אַרמיי, ווייל זיי האָבן געוואוסט, וואָס עס דערוואַרט זיי אונטער די נאַציס. אָבער ניט אַלע האָבן באַוויזן זיך אַרויסצוראַטעווען. די נאַצישע מערדער זיינען אַזוי שנעל אַריין, אַז אַ צאָל יידן זיינען געבליבן און געכאַפּט געוואָרן אין דער שרעקלעכער פּאַסטקע. די יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און געהאָפט, אַז אפשר וועט זיי ביינאַכט דאָך געלינגען זיך אַרויסצוכאַפּן פון שטעטל און זיך ראַטעווען.

צווישן די איבערגעבליבענע האָט זיך געפונען חיים גרינבלאַט, זיין ווייב אסתר, און זיין 13־יאָריקער זון, דוד. חיים איז געווען דער אויפפּאַסער איבער דער שטעטלשער יידישער קינדער־שול, און ער און זיין משפחה האָבן טאַקע געוואוינט אין דער שול. ווען די נאַציס זיינען אַריין, האָבן זיך חיים, אסתר און דוד באַהאַלטן אין ערשטן פּלאַץ וואָס איז זיי געקומען אויפן געדאַנק — אויפן בוידעם פון דער שול. זיי האָבן פון דאָרט געטראַכט זיך אַראָפּגנבענען ביינאַכט. פון בוידעם האָט מען דורך עטלעכע שפּאַרונעס געקאָנט אַריינקוקן אין זאַל פון שול און קלאָר זען וואָס דאָרט טוט זיך.

ווייל די קינדער־שול איז געווען דאָס שענסטע הויז אין שטעטל, האָבן זיך די נאַצישע אָפיצערן דאָרט גלייך באַזעצט.

דוד איז געלעגן אַ גאַנצן טאָג ביי איינער פון די שפּאַרונעס, און מיט אַ פייער אין די אויגן זיך צוגעקוקט צו די נאַצישע אָפיצערן.

פּלוצים האָט דוד אויפגעציטערט און איז אין גאַנצן שטייף געוואָרן. ס'איז אים געוואָרן ענג. אין מיטן האַלדז האָט זיך אים אַ טרער אַוועקגעשטעלט, געוואַקסן, גרעסער געוואָרן. זי וועט אים דערוואַרגן, אָט די טרער, אָבער איר אויף צו להכעיס וועט ער, דוד, ווייטער קוקן און ניט צונעמען און ניט פאַרמאַכן די אויגן, אַפילו ער זאָל פּלאַצן.

אונטן אין זאַל האָט אַ נאַצישער סאָלדאַט אַ זעץ געטאָן מיט זיין ביקס אין דעם שלום־עליכם בילד, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. דאָס גלאָז האָט זיך דערשראָקן און איז צעשפּרונגען געוואָרן אויף

טויזנט ברעקלעך. די ראַם האָט זיך אונטערגעגעבן און זיך צעקראַכן אין אַלע זייטן, און דאָס בילד איז געבליבן ווי פון זיך אַליין הענגען אויף דער וואַנט און געלאַכט פון דעם ווילדן נאַצי.

דער נאַצי איז נאָך רויטער געוואָרן. ער האָט אויפגעהויבן זיין ביקס מיט דער באַיאָנעט-זייט און מיט כעס געריסן, געשלעפּט, און אַרונטערגעקלאַפּט דאָס בילד. אַ ווייל האָט עס זיך געוויגט אין דער לופטן און נאָכדעם אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל.

און דאָס בילד? דאָס בילד איז געפאַלן מיטן פּנים אַרויף און אַ פּאָר פריילעכע אויגן און אַ פּאָר קלוגע וואָנצעס מיט אַ בערדל האָבן ווייטער געלאַכט דעם נאַצי אין פּנים אַריין. אַ ווילדער האָט דער נאַצע געטראָטן דאָס בילד מיט זיינע שטיוול און עס אָוועקגעקאָפּעט אין אַ ווינקל. (איבער דודס באַקן זיינען די טרערן געפאַלן וואַרעמע און שנעלע און ביטערע. דאָס פּנים האָט ער באַשיצט מיט די הענט, ווי די נאַצישע שטיוול זאָלן אים טרעטן.)

אויפן אָרט, וואו עס איז פריער געהאַנגען דאָס שמייכלדיקע שלום-עליכם בילד מיט די קלוגע אויגן און די תמיד לאַכנדיקע ליפּן, האָט דער נאַצי אויפגעהאַנגען אַ פאָן מיט אַ סוואַסטיקע.

ווען ס׳איז געוואָרן שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיך טאַטע און מאַמע און דוד אָנגעהויבן גרייטן אַראָפּצוגנבענען פון בוידעם. זיי האָבן געקענט אַלע הייזער אַרום און געוואוסט, אַז זיי קאָנען זיך פון בוידעם אַריבערכאַפּן אויף אַ דאַך פון אַ צווייטן הויז, פון דאָרט אויף אַ דריט הויז און פון דאָרט — אַרוים צו אַ הינטער-געסל, וואָס פירט צום וואַלד.

אונטן אין זאַל איז שטיל געוואָרן. אין אַ ווינקל האָט געברענט אַ לעמפּל. איבערן זאַל זיינען געלעגן אַ צאָל נאַצישע אָפיצערן און געכראָפּעט. ווי וועלף האָבן זיי אוים-געזען אין האַלב-פינצטער פון זאַל.

ווען טאַטע-מאַמע זיינען שוין אין גאַנצן גרייט געווען זיך צו לאָזן אין גע-פערלעכן וועג אַריין, איז זיי פּלוצים קאַלט געוואָרן פון שרעק:

דוד איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון בוידעם. דער טאַטע האָט מיט די הענט

אויסגעזוכט וואו א ווינקעלע פון קליינעם בוידעם-שטיבל, און — ניטאָ דוד. פאַרציטערטע האָבן טאַטע-מאַמע זיך א וואָרף געטאָן צום איינציקן פיצל ליכט אויפן בוידעם — צו דער שפּאַרונע, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט צום שול-זאַל. זיי האָבן געזען:

איינגעבויגן, שטיל, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, האָט דוד זיך געדרייט צווישן די נאַצים און די פּעק זייערע. אָט האָט ער זיך צוגע-טוליעט צו א וואַנט און געוואָרן א שטיק שאָטן. געשטאַנען, געוואַרט, ניט געאָטעמט. אָט איז ער געקראָכן אויף אַלע פיר, געדרייט זיך ווי א שלענגל, אונטער טישן, בענק, לעבן פּעק. אָט האָט ער פאַרטשעפּעט און שיר ניט אומגעוואָרפן א קופּע ביקסן. א שפּאַן, א טראָט, א קריך, א גליטש, א שאַר. און — נאָך א שפּאַן, א טראָט, א קריך, א גליטש, א שאַר. שאַ... שטיל... פּאַמעלעך... אָטעם נישט. שאַ... שטיל...

דערקראָכן! דערקראָכן צום ווינקל, וואו עס איז א צעקנייטשטס און א פאַרשעמטס געלעגן דאָס שמייכלדיקע בילד פון שלום-עליכמען. (טאַטע-מאַמע האָבן שטום זיך געהאַלטן ביי די הענט. געשוויגן. גע-ציטערט. געאָטעמט מיטן אָטעם פון יינגל.)

*
**

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיך אין וואַלד געגליטשט דריי שאָטנס. דאָס יינגל האָט זיך נאָך אַלץ געצאַפּלט. מיט פרייד האָט ער געדריקט צו זיך דאָס צעקנייטשטע שלום-עליכם בילד, וואָס ער האָט געטראָגן אונטערן העמד. און דאָס בילד האָט אים געוואַרעמט, האָט אים געטרייסט, און דאָס בילד האָט צו אים געשעפּטשעט:

— מיין מאַטל, מיין מאַטל, וואָלט מסתמא אויך אַזוי געטאָן, מיין מאַטל.

זיי האָבן געקענט יעדעס שטעגל אין וואַלד, און אַלע דריי — ניין, אַלע פיר — האָבן זיך געגנבעט פון בוים צו בוים אַלץ ווייטער און ווייטער פון שטעטל.

פאַרשטיי די ווערטער:

אָפּטרעטן — **retreat**   ראַם — **frame**

פּאַסטקע — trap
בוידעם — attic
שפּאַרונעס — cracks
באַזעצט — occupied

געפערלעכן — dangerous
שאָטנס — shadows
געשעפּטשעט — געמורמלט
שטעגל — path

„מיין מאַטל” — דאָ מיינט עס: שלום-עליכמס העלד „מאָטל פּייסי דעם חזנס”.

אײנצאָל - מערצאָל

אײנצאָל:	מערצאָל:	אײנצאָל:	מערצאָל:	אײנצאָל:	מערצאָל:
פייגעלע	....	....	הייזער	שטוב	....
וועג	....	....	קעפּ	נעזל	....
שטאָט	....	....	אויגן	טירל	....
פּיסל	....	....	קעסטעלעך	ווינט	....
קעפּל	....	....	געסט	בלום	....

אַרבעט: שטעל צו די מערצאָל און אײנצאָל וואו מען דאַרף, און שרייב איבער אין העפט.

צווילינג-ווערטלעך:

דאָס ציגעלע וועט האַנדלען	ראָזשינקעס	און געשווינד
עס פעלט אים ניט קיין	עסן	און ביין
ער טראַכט פון דעם	טאָג	און נאַכט
ער מאַכט עס	גיך	מיט מאַנדלען
ער זעט אוים	הויט	און טרינקען

אַרבעט: געפּין אוים די צווילינג-ווערטלעך. פּאָר זיי צונויף, און שרייב איבער אין דיין העפט.

געדענקסטו דאָס ווערטל?

נאָך פּעדערן פויגל די דעם מען דערקענט

דער זעצער האָט צעמישט די ווערטער, שטעל זיי אין אָרדענונג.

האָב איך מיר אַ מאַנטל

אַ פֿאָלקסליד

האָב איך מיר אַ מאַנטל, פֿון פֿאַרצייטיקן שטאָף,
האָט עס ניט אין זיך קיין גאַנצענעם שטאָך.
דאַרום, האָב איך זיך באַטראַכט,
און פֿון מאַנטל אַ רעקל געמאַכט.

האָב איך מיר אַ רעקל, פֿון פֿאַרצייטיקן שטאָף,
האָט עס ניט אין זיך קיין גאַנצענעם שטאָך.
דאַרום האָב איך זיך באַטראַכט,
און פֿון רעקל אַ וועסטל געמאַכט.

האָב איך מיר אַ וועסטל, פֿון פֿאַרצייטיקן שטאָף,
האָט עס ניט אין זיך קיין גאַנצענעם שטאָך.
דאַרום, האָב איך זיך באַטראַכט,
און פֿון וועסטל אַ היטל געמאַכט.

האָב איך מיר אַ היטל, פֿון פֿאַרצייטיקן שטאָף,
האָט עס ניט אין זיך קיין גאַנצענעם שטאָך.
דאַרום האָב איך זיך באַטראַכט,
און פֿון היטל אַ קעשענע געמאַכט.

האָב איך מיר אַ קעשענע, פֿון פֿאַרצייטיקן שטאָף,
האָט זי ניט אין זיך קיין גאַנצענעם שטאָך.
דאַרום, האָב איך זיך באַטראַכט,
און פֿון דער קעשענע אַ קנעפּל געמאַכט.

פֿאַרשטיי די ווערטער:

פֿאַרצייטיק — old-fashioned
שטאָף — material
שטאָך — seam
דאַרום — דערפֿאַר

איצטיקע צייט	קומענדיקע צייט
איך שרייב איבער דאָס ליד.	איך וועל איבערשרייבן...
איך קום באַלד אַריין אין קלאַס.	איך וועל באַלד אַריינקומען...
איך גיי אַוועק אויף צען מינוט.	איך וועל אַוועקגיין...
איך זעץ זיך אַוועק לעבן טיש.	איך וועל זיך אַוועקזעצן...
איך עס אָפּ מיין וועטשערע.	איך וועל אָפּעסן...

אַרבעט: שרייב איבער די זאַצן אין דיין העפֿט, און לערן זיי אויס.

ווען איך וועל גרויס ווערן

• משה שיפרים

ס'איז אָנפאַנג פרילינג אין ווין. די זון, אַן אויסגעצוואָגענע, אַן אויסגעקעמטע, אַ גאָלדענע האָט זיך אַ פריילעכע אַרויסגעלאָזט איבער די ווינער גאַסן און אָנגעזאָגט מיט פרייד:

— דער בייזער ווינטער איז אַוועק — עס קומט דער גאָלדענער פרילינג אין לאַנד.

הערשל זיצט אין אַ ווינקל פון שטוב אַזאַ אומעטיקער, ווי אַן אַלטער טאַטע מיט אַ סך זאָרגן. אויפן דיל ליגט אַ פענצטער: פיר גאָלדענע, ליכטיקע שויבן אין שוואַרצע רעמלעך. דאָס האָט די זון, די שטיפערקע, אָפגעטאָן אַזאַ שפיצל, זיך אַריינגעריסן דורכן פענצטער און עס אַוועקגעלייגט אויפן דיל.

אין שטוב איז אומעטיק און טרויעריק. אין יעדן ווינקל איז טרויעריק. שוין טעג, אַז מען הערט ניט קיין געלעכטער אין הויז. מען רעדט שטיל, ווי מען וואָלט געשטאַנען לעבן בעט פון אַ געפערלעכן קראַנקען. ביי דער מאַמען זיינען אויפגעלאָפן קישעלעך אונטער די אויגן און דער טאַטע איז גרוי געוואָרן און איינגעבויגן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אין יענעם טאָג, ווען היטלערס נאַציס האָבן אַריינגעמאַרשירט קיין ווין.

שוין טעג אַזוי.

ווי אַ וויסטע בשורה האָט זיך דאָס צעטראָגן איבער דער שטאָט. יידן זיינען זיך צעלאָפן פון די גאַסן און אַוועק אין זייערע היימען. מען האָט פאַרשלאָסן די טירן, פאַרריגלט די טויערן, פאַרהאַנגען די פענצטער און מיט שרעק זיך צוגעהערט צו דער גאַס.

עס האָבן אָפגעהילכט די טראָציקע טריט פון די פאַשיסטן. אַרקעסטערס האָבן צעהילכט חוצפהדיקע טענער און אויף די פאַרהאַנגענע פענצטער האָבן געקלאַפט זידל-ווערטער ווי אַ שווערער האָגל.

— הייל היטלער!

— שמוציקע יידן, טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען!

— מיר וועלן טאָן מיט אייך, וואָס מיר האָבן געטאָן מיט די דייטשישע יידן.

די מאַמע האָט צוגעטוליעט הערשלען צו זיך, שטיל געוויינט, און דער טאַטע איז געשטאַנעןביים פענצטער מיט געבײַלטע פויסטן און אַ קללה אויף די ליפּן.

אַ בריאַזג פון גלאָז האָט זיך דורכגעריסן דורך די געשרייען פון גאַס.

דער טאַטע איז אָפּגעשפּרונגען פון פענצטער. אַ שרעק האָט ווי אַ בייזע חיה זיך אַריינגעריסן אין שטוב אַריין.

— טאַטע, פאַרוואָס? — האָט הערשל געפרעגט.

— ווייל מיר זיינען יידן.

— טאָר מען ניט זיין קיין ייד?

— היטלער וויל ניט. די פאַשיסטן ווילן ניט.

— טאָ לאָמיר אַוועק פון דאַנען. אַז מען וויל אונדז ניט, דאַרפן מיר דאָ ניט זיין. לאָמיר אַוועק פון דאַנען.

דער טאַטע האָט לאַנג געטראַכט. די מאַמע האָט געזאָגט:

— אפשר איז דאָס קינד גערעכט. עסטרייך איז ניט דאָס איינציקע לאַנד אויף דער וועלט.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן טאַטע-מאַמע שטיל גערעדט צווישן זיך. גערעדט עפּעס וועגן אַ ווייט לאַנד. אין דער פרי האָט זיך דער טאַטע אָנגעטאָן און איז אַוועק. די מאַמע האָט הערשלען געגלעט און דערציילט, אַז דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען ערגעץ נאָך אַ פּאַספּאָרט,



אַז ער האָט צונויפגענומען געלט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון יאָרן שווערער אַרבעט און אַז זיי וועלן פאָרן אין אַ ווייט לאַנד, וואו מען זידלט ניט און מען טרייבט ניט קיין יידן, קיין אַמעריקע, אָדער קיין ארץ־ישראל, אָדער אין בּיראָ־בידזשאַן.

אַ שעה איז אַוועק, און צוויי, און דריי.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ טומל פון גאַס. נאַצים, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס, מיט ביקסן און שווערדן און קורצע בייטשן מיט קניפּלעך אויף די עקן, האָבן געטריבן יידן פון הייזער. הערשל האָט דערקענט אייניקע פון זיי: אָט גייט דער דאָקטער גאָלדין, אָט איז דער אויגן־דאָקטער, אָט גייט הער ניידים פון שפּייז־קראָם און אָט איז דער סטאָליער אידקים. צווישן זיי שטייט דער אַלטער פּראָפעסאָר, וואָס וואוינט דאָס צווייטע הויז פון הערשלען. ער האָט אַזעלכע לאַנגע, ווייכע האָר. דאָס פּנים זיינס איז מילד און שמייכלדיק. די קינדער פון גאָס האָבן אים ליב. ער איז אַזאַ גוטער.

די נאַצים טיילן אוים בעזעמער און שמאַטעס און עמערס.

די יידן ווערן געשטויסן פון די נאַצים. זיי פאַלן אויף די קני און רייבן דעם טראָטואַר, די גאַס.

אָט גייט צו אַ חוצפּהדיקער נאַצי צום אַלטן פּראָפעסאָר. עפּעס שרייט ער אויף אים. ער גיט אים אַ שטויס. דער אַלטער פאַלט. עס ווערט אַ טומל. אָבער די דייטשן שטילן איין דעם טומל.

די מאַמע האָט אומרואיק גענומען אַרומגיין איבער דער שטוב. אַלע ווײַלע צוגעגאַנגען צום פענצטער און מיט די אויגן געזוכט אין אַלע ווינקעלעך פון דער גאַס.

דער טאָג האָט זיך געצויגן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן.

די זון האָט שוין אָנגעהויבן פאַרגיין. שאָטנס אומעטיקע, שרעקנ־דיקע האָבן זיך געלייגט אויף די ווענט.

און דער טאַטע איז נאָך אַלץ ניט געקומען.

אַ טומל ביי דער טיר האָט הערשלען אויפגעוועקט פון זיין טראַכטן.

די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט. צוויי באַוואָפנטע, הויכע, גע־זונטע נאַצים האָבן אַריינגעוואָרפן דעם טאַטן. ער איז צוגעפאַלן צו דער וואַנט.

— נו, וואָס שטייסטו, חזירשער ייד? גיב דיין געלט, מיר האָבן ניט קיין צייט, עס וואַרטן נאָך יידישע חזירים אויף אונדז.

— שנעלער! — האָט דער צווייטער אַ הויב געטאָן אַן אייזערנע פויסט.

די מאַמע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פלאַץ:

— לאָז אים אָפּ.

— אַוועק, שמוציקע יידישקע! — האָט זי דער נאַצי אַ שטויס געטאָן פון זיך.

הערשל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פלאַץ, איז צוגעלאָפן צום נאַצי און מיט זיינע פויסטלעך געגומען קלאַפּן אין יענעמס בויך.

דער נאַצי האָט אים אַ שליידער געטאָן פון זיך און הערשל איז צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צום טיש און זיך איבערגעקערט.

הערשלס טאַטע האָט אַרויסגענומען דאָס לעצטע ביסל געלט, וואָס ער האָט יאָרנלאַנג געשפאָרט, און עס איבערגעגעבן די נאַצים.

— איצט, נעם דאָס בערשטל און שרייב אַן אויפן פענצטער, וואָס איך וועל דיר זאָגן. שרייב: „דאָ וואוינט אַ חזירשער ייד.״

אַלע זיינען ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

— וואָס שטייסטו? — האָט אַ בייזע שטים געדונערט.

דער טאַטע איז געוועזן צעטומלט. דער נאַצי האָט געפירט דעם טאַטנס האַנט מיטן בערשטל.

די נאַצים זיינען אַוועק און איבערגעלאָזן אַ ווילד געלעכטער.

קיינער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. מיט געבויגענע קעפּ איז מען געזעסן שטיל. די אויגן זיינען געווען פאַרמאַכט. נאָר פאַר די אויגן האָבן געטאַנצט ווערטער: „דאָ וואוינט אַ חזירשער ייד.״

הערשל איז געזעסן אַ פאַרקלעמטער, נאָר די פויסטן האָבן זיך געביילט:

— וואַרט, ווען איך וועל גרויס ווערן — — —

פאַרטייטש די ווערטער:

אָנפאַנג — אָנהויב
אויסגעצוואָגענע — אויסגעוואַשענע
שפיצל — trick
סנאָפּ — bunch
דורכזיכטיק — transparent
חולה (כוילע) — sick person
בשורה (בסורע) — נייעס
פאַרריגלט — פאַרמאַכט
אָפּגעהילכט — אָפּגעקלונגען — echoed

האָגל — hail
קללה (קלאָלע) — curse
אַ בריאַזג — smash
מאָרדעטשקע — chin
עמערס — pails
געשטויסן — געשטופּט
טראָטואַר — sidewalk
אַ שליידער — אַ וואָרף
חוזק (כויזעק) — שפּאַס — fun

וואָס יעדער טוט

1. אויב דיין זייגערל האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז עס מסתמא קאַליע געוואָרן. טראָג עס אַוועק צום - - - וועט ער עס דיר פאַרריכטן. 2. זעסטו דיין בוך: ---- האָבן עס געשריבן. דער - - - האָט עס געזעצט, דער - - - האָט עס געדרוקט, און דער - - - האָט עס איינ־געבונדן. און איצט וועט דער - - דיך לערנען פון דעם. 3. אויף אונדזער גאַס איז דאָ אַ - - - ער קען מאַכן זייער שיינע פינגערלעך און אוירינגלעך.	איינבינדער לערער דרוקער גאָלדשמיד זייגערמאַכער שרייבער זעצער

געדענקסטו?

שטעל צו „דער״, אָדער „די״.

ד - פרייע פּאָן. ד - געדיכטער וואַלד. ד - פינצטערע נאַכט.

ד - לאַנגער וועג. ד - צעשטערטע שול.

יידיש איז אַנדערש ווי ענגליש

פרעג דעם לערער: וויפיל איז דער זייגער?	Ask the teacher: what time is it?
האָסטו ניט קיין בלייער?	Don't you have a pencil?
בעט ביים לערער אַ בלייער.	Ask the teacher for a pencil.
איך האָב געוואַרט אַ האַלבע שעה.	I waited for half an hour.
איך האָב געזוכט מיין בוך.	I was looking for my book.

אַ ר ב ע ט: לערן אויס די זאַצן, און שרייב איבער אין העפט.

פרילינג

• פרץ מאַרקיש

עפנט טירן, קומט אין דרויסן,
רייסט די פענצטער, ברעכט זיי אויס!
נעמט אַריין דעם גאַסט דעם גרויסן,
קומט אַנטקעגן אים אַרויס!

ס'איז היינט יום-טוב אין די גערטנער,
אויף די גאַסן אומעטום;
ס'איז היינט ליכטיק, זעט נאָר, הערט נאָר —
ווי עס טאַנצן ווינטן אום!

הערט נאָר, ווי די צווייגן טרעשטשען,
און דער טייך — ווי שרייט און ברומט,
הערט נאָר פייפן, הערט נאָר סווישטשען —
קומט אין דרויסן, גיכער קומט!

פאַרשטיי די ווערטער:

צווייגן — branches
ברומט — roars
טרעשטשען — קנאַקן
סווישטשען — פייפן

געדענקסטו דאָס ווערטל?

ניט וואו מען כוח האָבן מוח העלפּט דאַרף קיין.

דער זעצער האָט צעמישט די ווערטער, שטעל זיי אויס אין אָרדענונג.

געדענקסטו?

שטעל צו „דער“, אָדער „דאָס“.

ד - שטילער ים. ד - יידישע וואָרט. ד - גרויער קאָפּ.

ד - יידישע ביכל. ד - פאַרמאַכטע פענצטער. ד - יידישער לערער.

אַ קריגעלע וואַסער

• לויט טאָלסטאָי

איינמאָל איז געווען אַ גרויסע טריקעניש אין לאַנד. דעם גאַנצן זומער זיינען קיין רעגנס ניט געגאַנגען. אַלע טייכן, אַלע ברונעמער זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן. אַלע ביימער—פאַרדאַרט, און מענטשן און חיות און פייגל זיינען אויסגעגאַנגען פון דאָרשט.

איז איינע אַ מיידעלע אַוועק מיט אַ קריגעלע אויפזוכן אַ ביסעלע וואַסער פאַר איר קראַנקער מוטער. אַ לאַנגע צייט האָט זי אַרומגע־וואַנדערט, געזוכט און געזוכט און קיין טראָפּן וואַסער ניט געפונען. פון פיל אַרומגיין איז זי שטאַרק מיד געוואָרן, און איז אומגעפאַלן און אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי דערזען, אַז איר קריגעלע איז פול מיט פריש קוואַל-וואַסער. זי האָט זיך זייער דערפרייט און צוגעטראָגן דאָס קריגעלע צום מויל אַנצוטרינקען זיך, ווייל זי איז געווען זייער דאָרשטיק. אָבער זי האָט באַלד חרטה געהאַט, ווייל זי האָט געזען, אַז דאָס וואַסער אין קריגעלע וועט ניט זיין גענוג אי פאַר זיך, אי פאַר איר קראַנקער מאַמען. און זי האָט דאָס וואַסער ניט געטרונקען.

זי האָט גענומען שנעל גיין אַהיים צו איר מאַמען. אין איילעניש האָט זי ניט באַמערקט, אַז אַ פאַרחלשטער הונט ליגט אויפן וועג, און זי איז איבער אים געפאַלן, און דאָס קריגעלע האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אירע הענט. זי האָט שוין געמיינט, אַז דאָס וואַסער האָט זיך אויסגעגאָסן, אָבער ניין, דאָס קריגעלע איז געשטאַנען, פול ווי אַן אויג.

זי האָט אַריינגעגאָסן עטלעכע טראָפּנס וואַסער אין מויל פונעם פאַרחלשטן הונט. דער הונט האָט זיך מחיה געווען, און איז לעבע־דיקער געוואָרן. אין דער זעלבער מינוט איז דאָס קריגעלע ביי דעם מיידעלע אין האַנט פון אַ ליימענעם געוואָרן אַ זילבערנס.

דאָס מיידעלע איז אַוועק אַהיים, און האָט דאָס וואַסער דערלאַנגט דער קראַנקען מאַמען. האָט די מאַמע געזאָגט:

— סיי ווי וועל איך באַלד שטאַרבן, מיט דעם טרונק וואַסער, צי אָן דעם טרונק וואַסער. טרינק זשע בעסער דו, מיין טעכטערל, וועסטו זיך דערפרישן. און זי האָט צוריק אָפּגעגעבן דאָס קריגעלע דער טאָכטער. אין דער זעלבער מינוט איז דאָס קריגעלע געוואָרן אַ גאָלדנס.

דאָס מיידעלע האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט איינהאַלטן, ווייל זי איז שוין געווען זייער דאָרשטיק. האָט זי אויפגעהויבן דאָס קריגעלע

צום מויל צו טרינקען. מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר און אַ מענטש איז אַריין, און מיט פאַרטריקנטע ליפּן געגומען בעטן:

— גיט מיר אַ טרונק וואַסער, ווייל די כוחות גייען מיר אויס.

האָט דאָס מיידעלע צוגענומען דאָס קריגעלע פון איר מויל און אָפּגעגעבן דעם פרעמדן.

אין דער זעלבער מינוט זיינען פון קריגעלע אַרויסגעפלויגן זיבן בריליאַנטן, און אַ גרויסער שטראָם ריין פריש וואַסער האָט אַ גאָס געטאָן.

און די זיבן בריליאַנטן האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער צום הימל און פון זיי איז געוואָרן דער גרויסער בער, וואָס שיינט נאָך ביז היינט אין הימל.

פאַרשטייט די ווערטער:

טריקעניש — drought

ברונעמער — wells

אויסגעגאַנגען — died

באַמערקט — דערזען

דער גרויסער בער — The Big Dipper

געדענקסטו דאָס ווערטל?

אויף ווייל אויף זעט אַ פּאָר אַ גאַסט מייל.

דער זעצער האָט צעמישט די ווערטער, שטעל זיי אויס אין אָרדענונג.

ווערטלעך

וואָס מיינט עס:	עס מיינט:
1. לויפן הענדום-פענדום	זייער פריילעך _5_
2. עס מאַרשירן קינד און קייט.	ניט גלייך _4_
3. אַרומגיין פוסט און פּאַס	זייער אַ סך מענטשן _2_
4. גיין אַרום און אַרום.	לויפן זייער גיך _1_
5. ס'איז אויף טיש און אויף בענק.	אַרומגיין ליידיק _3_

אַ ר ב ע ט: געפין אין קאָלום לינקס, וואָס די ווערטלעך מיינען און שרייב איבער אין העפט.

ביישפּילן:

רויט	ווי אַ מויער	שטיין	ווי ביין
שוואַרץ	ווי אַ קעצעלע	זיס	ווי מיט ליכט
שטאַרק	ווי די ערד	טרוקן	ווי אַ גולם
שטיל	ווי אַ שטיין	זוכן	ווי אַ וואַסער
עלנט	ווי פייער	לייענען	ווי צוקער

אַרבעט: פּאַר צונויף די ביישפּילן, און שרייב אַריין אין דיין העפט.

צוויי ליגנער

צוויי ליגנער זיינען אין אַ פינצטערער נאַכט געגאַנגען אויף דער גאַס. רופט זיך אָן איינער:

— איך זע אויפן שפּיץ טורעם זיצט אַ פליג און גענעצט.

— אמת — זאָגט דער צווייטער, — איך זע ביי איר מויל אַ פּאַרפּוילטן צאָן.

„בין" אָדער „האָב"

היינט -- איך אויפגעשטאַנען זיבן אַזייגער. איך פאַרבעט מיין בעט. איך זיך ארומגעוואַשן, אָנגעטאָן, און געגעסן אָנבייסן. אַכט אַזייגער איך געגאַנגען שפּאַצירן. ווען איך מיד געוואָרן, איך זיך אוועקגעזעצט אָפּרוען. עלף אַזייגער איך צוריקגעקומען אין קעמפּ. איך זיך אָפּגעבאָדן, און אַ ביסל געלייענט. צוועלף אַזייגער איך געגעסן מיטאָג. נאָך מיטאָג, -- איך געשריבן בריוו. דריי אַזייגער, -- איך געגאַנגען שפּילן באָל. איך -- געשפּילט אפשר אַ שטונדע צייט. פיר אַזייגער איז געוואָרן זייער הייס, -- איך זיך געגאַנגען באָדן. דאָס וואַסער איז געווען אַ מחיה, און איך -- געשוואומען אין דער לענג און אין דער ברייט פון טייך.

אַרבעט: שטעל צו וואו מ'דאַרף „בין" אָדער „האָב", און שרייב איבער די לעקציע אין דיין העפט.

געדענקסטו דאָס ווערטל?

מען אַ גיט קראַנקן אַ מען געזונטן פרעגט

דער זעצער האָט צעמישט די ווערטער, ברענג זיי אין אָרדענונג.

פורים

• משה שיפרים

הײַנט איז פּורים, קינדער,
ס'איז דער יום-טוב גרויס —
לאָמיר פֿרייען זיך, קינדער,
מאָרגן איז דאָך אויס.

ס'איז געווען אַ המן, אַ שלעכטער,
האָט ער געוואָלט די ייִדן אומברענגען —
איז געקומען די קעניגין אסתּר
און געהייסן המנען הענגען.

איז געוואָרן אַ פֿרייד אויף אַלע ייִדן,
מ'האָט אַ יום-טוב פּורים געמאַכט —
נעכטן האָט ער זיך אָנגעהויבן
און ענדיקט זיך הײַנט פֿאַרנאַכט.

צווילינג-ווערטלעך

ער דרייט זיך	אַהער	און אַהין
עס איז אים	וואויל	און לאַפּעטעס
ער שטעלט אָן	מויל	און טאָל
זײַן שרײַבן איז	קאַטשערעס	און אויערן
ער פֿליט איבער	באַרג	און גוט

אַרבעט: געפֿינט אויס די צווילינג-ווערטלעך. פּאָר זיי צונויף און שרײַבט איבער אין דײַן העפֿט. לערנט זיי אויס.

געדענקסטו ?

שטעל צו „דער" אָדער „דאָס".

ד - פֿרייע לאַנד. ד - קילער האַרבסט. ד - הייסער זומער.
ד - ייִדישע בוך. ד - גרינע פֿעלד. ד - קאַלטער ווינט.
ד - שיינע פּנים. ד - פֿריילעכע ליד. ד - טיפֿער טײַך.

די מעשה פון פורים

• לעאָן עלבע

א.

אַמאָל איז געווען אַ מעשה. די מעשה הייבט זיך אָן מיט אַ נאַרישן מלך און עס לאָזט זיך אויס זייער פריילעך.

דער מלך האָט געהאַט אַ מלכה. איז ער איין מאָל אויף איר אין כּעס געוואָרן, האָט ער געהייסן זי דערהרגענען. און אַז מען האָט זי דערהרגעט, האָט ער חרטה געקראָגן, וואָס ער האָט זי דערהרגעט.

— „גרויסער נאַר!" — האָט דער מלך אויף זיך אַליין געזאָגט — „וואָס האָב איך דאָס געטאָן? און ווי אַזוי קען דאָס זיין אַ מלך אָן אַ מלכה?"

האָבן זיינע דינערס פאַר אים אויסגעזוכט אַן אַנדער מלכה, און איר נאָמען איז געווען אסתר, און זי איז געווען נאָך שענער פאַר דער ערשטער מלכה, וועלכע דער מלך האָט אין זיין נאַרישן צאָרן געהייסן דערהרגענען. און דער מלך האָט זייער ליב געקראָגן די נייע מלכה, און וואָס זי האָט געבעטן, האָט ער איר געגעבן, און דער מלך האָט ניט געוואוסט, אַז אסתר איז אַ יידישע מיידל.

און אין דעם קיניגס הויף איז געווען אסתרס אַ פעטער, האָט מען אים גערופן מרדכי הצדיק, ווייל ער איז געווען אַ גוטער מענטש. הערט איין מאָל מרדכי הצדיק, ווי צוויי דינערס רעדן אָפּ צווישן זיך צו פאַרסמען דעם מלך. איז מרדכי אַוועק און האָט דאָס דערציילט דעם מלך, און מען האָט די צוויי דינערס אויפגעהאַנגען. די גאַנצע געשיכטע איז פאַרשריבן געוואָרן אין דעם קיניגס בוך.

ב.

אין דעם קיניגס הויף איז אָנגעקומען אַ שלעכטער מענטש, און זיין נאָמען איז געווען המן. און ווייל ער איז געווען שלעכט, האָבן אים אַלע גערופן המן הרשע. האָט דער נאַרישער קיניג ליב געקראָגן המן הרשע און ער האָט געהייסן אַלע זאָלן זיך בוקן פאַר המן הרשע. האָבן זיך אַלע געבוקט פאַר אים, נאָר איין מרדכי הצדיק האָט זיך פאַר אים ניט געוואָלט בוקן. איז המן דער רשע אין כּעס געוואָרן אויף מרדכי דעם צדיק, און ווען ער האָט דערהערט, אַז מרדכי איז אַ ייד, האָט ער געוואָלט דערהרגענען מרדכין מיט אַלע יידן אין איינעם.

איז המן אַוועק צום נאַרישן מלך און זאָגט צו אים:

— ליבער מלך, זאָלסטו לעבן און זיין פריילעך! פאַרקויף מיר אַלע יידן פון דיין לאַנד און איך וועל זיי אַלעמען אויסהרגענען.

זאָגט צו אים דער נאַרישער מלך:

— וואָס דאַרפסטו זיי קויפן ביי מיר? נעם זיי אַלעמען צו אומזיסט און טו מיט זיי וואָס דו ווילסט.

איז המן אַוועק פריילעך פון דעם מלך און ער האָט די ערשטע זאַך גענומען און געמאַכט אַ תליה אויפצוהענגען מרדכין.

אַז מרדכי הצדיק און אַלע יידן האָבן דערהערט פון דער מעשה, האָבן זיי זיך אַלע ביטער צעוויינט און צעשריען, און מרדכי איז אַוועק צו אסתר המלכה, זאָגן איר, אַזוי ווי זי איז אַליין אַ יידיש קינד, זאָל זי זען בעטן דעם נאַרישן מלך, ער זאָל ניט לאָזן המנען אויסהרגענען אַלע יידן.

ג.

און דער נאַרישער מלך האָט זיך געלייגט שלאָפן יענע נאַכט. אָבער ער האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן.

שטייט אויף דער מלך אין מיטן דער נאַכט און שיקט נאָך זיין שרייבער, ער זאָל אים איבערלייענען דאָס בוך, וואו אַלצדינג איז פאַרשריבן. נעמט דער שרייבער לייענען דאָס בוך. קומט ער צו אַ מעשה, ווי מרדכי הצדיק האָט געראַטעוועט דעם קיניגס לעבן, ווען צוויי דינערס זיינע האָבן אים געוואָלט פאַרסמען. פרעגט דער מלךביים שרייבער:

— האָט מען מרדכין עפּעס געטאָן דערפאַר, וואָס ער האָט מיין לעבן געראַטעוועט? איז אין בוך פאַרשריבן?

ענטפערט דער שרייבער:

— ניין, מען האָט אים גאָרנישט געטאָן.

רופט אויס דער קיניג:

— ווער איז איצט אין הויף? שיקט מיר אים אַרויף!

ענטפערט מען דעם מלך:

— המן איז דאָ!

זאָגט דער מלך:

— זאָל ער אַריין.

קומט אַריין המן הרשע, פרעגט ביי אים דער מלך:

— זאָג מיר, וואָס זאָל מען טאָן דעם מענטשן, וואָס דער מלך האָט ליב?

טראַכט המן ביי זיך אין האַרצן: „וועמען האָט דער מלך ליב, אויב ניט מיך?" רופט ער זיך אָן צום מלך:

— ליבער מלך! — אָט דאָס דאַרף מען טאָן צום מענטשן, וואָס דער מלך האָט אים ליב: זאָל מען יענעם מענטשן אָנטאָן אין קיניגלעכע קליידער, אַרויפזעצן אויפן קיניגס פערד און אָנטאָן אים אויפן קאָפּ דעם קיניגס קרוין און דער גרעסטער מיניסטער זאָל אים פירן איבער אַלע גאַסן און שרייען: „אַזוי ווערט געטאָן צום מענטשן, וואָס דער קיניג האָט אים ליב!"

— דו האָסט גוט געזאָגט, המן. טאָ נעם טאַקע און טו דאָס אַלץ צו מרדכין.

אַז המן האָט דאָס דערהערט, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אָבער אַז דער מלך הייסט, מוז מען פאָלגן. איז המן אַוועק און האָט אָנגעטאָן מרדכין אין די קיניגלעכע קליידער און אַרויפגעזעצט אים אויפן קיניגלעכן פערד און אָנגעטאָן אים די קיניגלעכע קרוין אויפן קאָפּ, און המן האָט אַזוי אַרומגעפירט מרדכין איבער אַלע גאַסן און געשריען אויפן קול: „אַזוי ווערט געטאָן צום מענטשן, וואָס דער קיניג האָט אים ליב!"

און קליינע קינדער האָבן דאָס געזען, האָבן זיי זיך געפרייט און געטאַנצט און געשפרונגען און געזונגען:

מרדכי הצדיק פאָרט אויפן פערד,
המן הרשע גייט אום אויף דער ערד.

ד.

און אסתר המלכה איז דערווייל געקומען צום מלך און האָט אים געבעטן, ער זאָל ניט לאָזן המן דעם רשע אויסהרגענען אַלע יידן, ווייל זי אַליין איז אויך אַ יידישע, און אויב מע וועט אויסהרגענען אַלע יידן וועט מען זי אויך דאַרפן הרגענען.

האָט דער מלך דערזען, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט ער האָט געטאָן, איז ער איז כעס געוואָרן אויף המנען און ער האָט געהייסן אויפהענגען המנען אויף דער זעלבער תליה, וואָס המן האָט געמאַכט פאַר מרדכין, און מרדכי און אַלע יידן זיינען געבליבן לעבן, און עס איז געווען פריילעך, לעבעדיק. מען האָט געמאַכט אַ יום־טוב פורים, וואָס מען איז פטור געוואָרן פון אַזאַ שלעכטן מענטשן ווי המן הרשע, און מען איז אַרוים אין די גאַסן מיט טענץ און מיט געזאַנג.

פאַרשאָלטן זאָל ווערן המן,
וואָס איז געווען דער ערגסטער!
געבענטשט זאָל ווערן מרדכי,
וואָס איז געווען דער בעסטער!
געבענטשט זאָל זיין די מלכה,
וואָס האָט געהייסן אסתר!

און קינדער האָבן אויך געטאַנצט און געזונגען:

המן הרשע ליגט אין דער ערד,
מרדכי הצדיק פאָרט אויפן פערד!
היינט איז פורים, מאָרגן איז אוים!
גיט מיר אַ פעני און טרייבט מיך אַרוים!

און די קינדער האָבן געשלאָגן המנען מיט המן-קלאַפּערס און מיט גראַגערס. און אַזוי איז אַלע יאָר, ווען עס קומט פורים, דערמאָנט מען זיך אָן דער מעשה מיטן נאַרישן מלך, און עס ווערט אַזוי פריילעך, און מען עסט המן-טאַשן, ווייל פורים איז גוט צו נאַשן. פורים דאַרף מען אַליין טרינקען און עסן אויך גוטע פריינט ניט פאַרגעסן.

הלל

איז געקומען אַ ייד קיין ירושלים זיך לערנען. געקומען איז ער אַזש פון בבל, און געהייסן האָט דער ייד הלל.

דערציילט מען פון אים אַזוי:

אין ירושלים האָט הלל געמוזט שווער אַרבעטן צו פאַרדינען זיין שטיקל ברויט, און צו באַצאָלן שכר-לימוד.

האָט איינמאָל געטראָפן, אַז הלל האָט קיין אַרבעט ניט געפונען, און דער היטער פון דער ישיבה האָט אים אָן געלט ניט געוואָלט אַריינלאָזן.

וואָס זשע טוט הלל? קריכט ער אַרויף אויפן דאַך פון דער ישיבה, ציט זיך דאָרט אויס ווי גרויס ער איז, און הערט זיך איין דורכן דאַך-פענצטערל, וואָס מען לערנט אינעווייניק.

נו, איז דאָך שוין, דאַכט זיך, גוט! האַ? איז עס אָבער פונקט געווען ווינטער-צייט אין אַ פרייטיק.

אין דרויסן איז קאַלט, אַ שניי פאַלט, און באַדעקט נעבעך דעם אָרעמען הללן פון קאָפּ ביז די פיס. און הלל ליגט און פילט ניט די קעלט, פילט ניט דעם שניי, ווייל הלל הערט זיך צו צו די רייד פון זיינע לערער.

די לערער האָבן זיך געוואונדערט: וואָס איז דאָ? דאַכט זיך, ס'איז נאָך גרויסער טאָג, און אין ישיבה איז פלוצים געוואָרן פינצטערלעך!

האָט מען געזוכט און אויסגעפונען, אַז אַ מענטש פאַרשטעלט די שיין פון טאָג, וואָס קומט אַריין דורכן דאַך-פענצטערל.

איז מען, פאַרשטייט זיך, אַרויפגעגאַנגען אויפן דאַך, אַראָפּגעשאַרט דעם שניי און אַרונטערגענומען הללן כמעט אַ פאַרפרוירענעם, אַ פאַרחלשטן. מ'האָט אים איבערגעטאָן אין טרוקענע קליידער און דערוואַרעמט. און זיינע לערער האָבן אָנגעזאָגט דעם היטער פון דער טיר, אַז פון היינט אָן זאָל ער אַריינלאָזן הללן אָן געלט.

יאָרן זיינען פאַרביי. הלל איז געוואָרן דער גרעסטער געלערנטער פון זיין צייט. ער האָט אַפילו פאַרנומען דאָס פלאַץ פון זיינע גרויסע לערער. יידן אין ארץ-ישראל האָבן אים אויסגעקליבן פאַר זייער עלטסטן און אים גערופן הלל הנשיא.

לאַנגע יאָרן איז הלל געווען אַ לערער, און כאָטש ער האָט געלעבט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, לערנען מיר נאָך אַפילו היינט פון זיינע קלוגע משלים און שיינע ווערטלעך, ווייל ער לערנט אונדז, ווי מענטשן דאַרפן זיין גוט איינער צום צווייטן. (אגדה)

איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען?..

• א. ווערגעלים

איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען דעם בירע-טייך?
אין שיינקייט איז ער מיטן האַדסאָן גלייך.
און פליסן פליסט ער פון אַלע טייכן שנעלער.

מאַכט זיך אַמאָל אָן אויפדערנאַכט אַ שטילער,
איז ווייסט איר, ווי די בירע זעט דאַן אויס? —
אַי, איז זי גרויס!
אַי, איז זי ברייט!
זי יאָגט אַזוי פאַרטראַכטערהייט,
און אַלע ביימער קוקן פון איר נאַסע,
אַליין דער הימל טוקט זיך אין איר וואַסער.

איר האָט נאָך, קינדער, ניט געזען דעם טייגע-וואַלד?
געדיכט איז ער!
אַ בוים אַ שווערער פאַלט,
און ווילדע הירשן יאָגן צו אַ קוואַל.
פאַרנאַכט צינדט אָן אין טייגע זיך אַ שטראַל,
איז ווייסט איר, ווי עס זעט דאַן אויס דאָס גראָז?
ס'איז ראָז.
ס'איז דין.
און געלע בלעטער ווערן ווידער גרין.

אַי, איז דאָרט הויך דער הימל, קינדער!
און ווייסט איר וויפיל רייכקייט ס'האָט דאָס לאַנד? —
— ניט מעסטן מיט דער האַנט.
— ניט ציילן מיט די פינגער.
— ניט אַלץ אַריינשטעלן אין אָט דעם-אָ ליד.
ס'איז קוילן,

ס'איז גראַניט,
ס'איז מאַרמאָר, תבואות, רויזן, —
דער וואַלד, די טייכן, וועלכע ברויזן,
ס'איז פּיכטע און ס'איז לינדנבוים, וואָס וואַקסט
— אויף יעדן שפּאַן
אַזוי איז, קינדער, רייך דאָס לאַנד ביראָ-בידזשאַן.
און ווייסט איר, וואָס מיר בויען דאָרט, כּדי האָבן גליק, —
אַ פרייע יידישע רעפּובליק.

פאַרשטייט די ווערטער:

בירע — נאָמען פון אַ טייך אין ביראָ-בידזשאַן

טוקט — לאָזט זיך אַרונטער

טייגע-וואַלד — זייער געדיכטער וואַלד

קוואַל — spring

כינגאַן — בערג אין ביראָ-בידזשאַן

מאַרמאָר — marble

תבואה (טוואוע) — grains

פּיכטע — fir-tree

לינדנבוים — linden

איינצאָל: — איצטיקע צייט — מערצאָל:

איך גיי אין שול	מיר גייען אין שול
דו גייסט אין שול	איר גייט אין שול
ער גייט אין שול	זיי גייען אין שול

אַרבעט: שרייב איבער די פינף ווערבן אין אַלע פּערזאָנען, איינצאָל און מערצאָל, אין דער איצטיקער צייט, אַזוי ווי אויבן. שלאָפן, לויפן, פאַלן, פאָרן, קומען.

געדענקסטו דאָס ווערטל?

פויל ניט אַז אין מען מויל האָט איז מען

דער זעצער האָט צעמישט די ווערטער, שטעל אויס אין אָרדענונג.

דער בוים — דער בוים

דער בוים	אויף דעם בוים וואַקסן זיסע קאַרשן.
דער טייך	אויף דעם טייך איז גוט צו שיפלען זיך.
דאָס פענצטער	איך קוק אַרויס דורך דעם פענצטער.
די שול	איך לערן אין דער אָרדן שול.
די באַבע	איך וואַרט אויף דער באַבען.

אַרבעט: שרייב איבער די זאַצן אין דיין העפט. לערן זיי אויס.



בעניס סדר

דבורה פּעסין •

יידיש: ה. ראָלד

א.

ס'איז געווען דריי טעג פאַר פּסח. בעני האָט זיך געוואָלט דורכ־רעדן מיט זיין טאַטן וועגן זייער אַ וויכטיקער זאַך.

— פּאַפּאַ, — האָט ער אָנגעהויבן.

— יאָ, בעני? — האָט דער טאַטע אַוועקגעלייגט זיין צייטונג.

— ס'איז וועגן סדר, פּאַפּאַ. איך ווער אַלעמאָל אַנטשלאָפן, ווען ס'קומט צום בעסטן טייל.

— וועלכער טייל?

— וועל, איך גיי דורך די פיר קשיות, איך גיי אַריבער דעם רויטן ים, נאָר ווען ס'קומט צום סוף — ווער איך אַנטשלאָפן.

— דו גייסט אויך דורך דאָס עסן, — האָט אים דער טאַטע דערמאָנט. — דאָס איז אויך אַ גאַנץ גוטער טייל פון סדר.

— אָבער איך וויל זינגען חד־גדיא, — האָט בעני געזאָגט. — איך קען דעם גאַנצן חד־גדיא אויסנווייניק.

— וועל, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — איך ווייס ניט, ווי אַזוי איך קאָן דיר העלפן.

— ווייסט וואָס? — האָט בעני געזאָגט. — לאָמיר אָ נ ה י י ב ן דעם סדר מיט חד־גדיא.

— דאָס הייסט אָנהייבן דעם סדר פֿון סוף, — האָט דער טאַטע געשמייכלט, — דעמאָלט וואָלסטו וואָלסטו שוין זיכער געשלאָפֿן, ווען מען קומט צו די פֿיר קשיות.

— ניין, איך וואָלט ניט געשלאָפֿן, אויב איך וואָלט געפֿרעגט די פֿיר קשיות גלייך נאָך חד־גדיא.

בענים טאַטע האָט זיך פֿאַרטראַכט.

— ניין, בעני, מען קאָן עס ניט טאָן. מען דאַרף אָנהייבן זאַכן פֿון אָנהייב און ניט פֿון סוף. אָבער אפֿשר וועסטו הײַאָר ניט אַנטשלאָפֿן ווערן, ביסט דאָך שוין אַ יאָר עלטער.

בעני האָט געוואוסט, אַז ס׳איז ניט גוט, ווײַל בײַנאַכט הייבט אים אָן שלעפֿערן. ער איז אַוועק צו זיך אין צימער און גענומען טראַכטן, שטאַרק טראַכטן. ער האָט געטראַכט און געטראַכט צוויי טעג כּסדר, ביז ס׳איז געקומען דער טאָג פֿון סדר.

ב.

פֿאַרנאַכט, פֿאַרן סדר, האָט בעני זיך שנעל אָנגעטאָן, זיך אָרומגעוואַשן, פֿאַרקעמט די האָר, גענומען די הגדה אונטערן אָרעם און איז אַרײַן אין עס־צימער.

דאָס עס־צימער איז געווען ליידיק, אָבער אַלץ איז שוין געווען גרייט. דער טיש איז געווען צוגעגרייט צום סדר מיט אַלע גוטע זאַכן, מיט די מצות, מיטן ווײַן און מיט די נײַע טעלער. בעני איז צוגעגאַנגען צו זײַן פּלאַץ, האָט זיך אַוועקגעזעצט און געעפֿנט די הגדה בײַ חד־גדיא. ער האָט זיך אײַנגעבויגן ביז זײַן נאָז האָט אָנגערירט די הגדה. ער האָט אַ ביסל אַוועקגערוקט די הגדה און זיך נאָכאַמאָל אײַנגעבויגן. איצט האָט זײַן נאָז אָנגערירט דאָס בילד פֿון דעם שוואַרצן ציגעלע. זעקס מאָל האָט זיך בעני אײַנגעבויגן און פּראַקטיצירט, כּדי צו טרעפֿן מיט דער נאָז גלייך אויפֿן ציגעלע. נאָכדעם האָט ער צוריקגעמישט איין בלעטל און געטאָן דאָס זעלבע, נאָכדעם נאָך איין בלעטל און נאָך איין בלעטל.

— בעני, וואָס טוסטו דאָרטן?

בעני איז אויפֿגעשפּרונגען און געקוקט אויף דער מאַמען, וואָס איז נאָר וואָס אַרײַנגעקומען פֿון קיך.

— גאָרניט, מאַמע.

— איך האָב אָבער געזען, ווי דו האָסט געשמעקט די הגדה.

— איך האָב זי בלויז אָנגערירט מיט דער נאָז.

— פאַרוואָס?

— איך בין הונגעריק, — האָט זיך בעני אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער.

די מאַמע האָט זיך צעשמייכלט און איז צוריק אַוועק אין קיך. אין עטלעכע מינוט אַרום איז בעני אַריינגעקומען אין קיך אַריין, האָט עפּעס אַריינגעשטופּט צו זיך אין קעשענע און איז צוריק אַוועק צו זיין הגדה. ווען די מאַמע איז אַרויס פון קיך, איז בעני ווידער אַריין אין קיך און צוריק אַוועקגעשטעלט דאָס וואָס ער האָט געהאַט גע־האַלטן אין קעשענע.

ג.

צום סדר זיינען געקומען צו גאַסט בענים קוזינע אסתר מיט איר טאַטע־מאַמע. ס'איז געווען פריילעך.

בעני האָט געפרעגט די פיר קשיות, און גלייך זיי אַליין געוואָלט ענטפערן.

— איך ווייס פאַרוואָס די נאַכט איז אַנדערש, ווייל ס'איז פּסח, און מען עסט מצות, ווייל ווען די יידן זיינען אַרויס פון מצרים...

— כאַפּ ניט, בעני! — האָט די מאַמע זיך צעלאַכט. — וואָס יאָגסטו זיך אַזוי?

— בעני וויל שנעל צוקומען צום חד־גדיא, — האָט דער פאָטער געשמייכלט און אָנגעהויבן זאָגן פּאַמעלעך: „קנעכט זיינען מיר געווען אין לאַנד מצרים...“

דער סדר איז געגאַנגען זייער גוט, בעני איז געווען פריילעך. נאָכן עסן איז די קליינע אסתר איינגעשלאָפן, און איר פאָטער האָט זי אַוועקגעטראָגן אין שלאָפצימער.

— נו, בעני, איצט וועסטו איינשלאָפן — האָט זיך זיין עלטערער ברודער דזשעק געריצט מיט אים.

— מיר וועלן זען, — האָט בעני געענטפערט.

מען האָט געזאָגט די הגדה און דזשעק האָט כסדר געהאַלטן אַן אויג אויף בענין. אָבער בעני האָט געזאָגט גלייך מיט אַלעמען. נאָך זעקס זייטן ביז חד־גדיא. בענים קול איז געוואָרן ווייכער און ווייכער, ווי ס'וואָלט געקומען פון ערגעץ ווייט. ווען מ'האָט געהאַלטן בלויז פיר זייטן פון חד־גדיא האָט בענים קאָפּ זיך אָנגעהויבן שאָקלען רעכטס־און־לינקס, לינקס־און־רעכטס, און זיך גענומען אַראָפּלאָזן אַלץ נידעריקער און נידעריקער.

ער האָט זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט, ברייט צעעפענט די אויגן און איבערגעמישט דאָס בלעטל ביז „אדיר-הוא". אַלע האָבן זיך איבער־געקוקט.

— „אַדיר הוא" — האָבן זיי גענומען זינגען.

בענים אויגן האָבן זיך נאָך אַמאָל פאַרמאַכט. זיין קאָפּ איז אַראָפּ נידעריקער און נידעריקער, געפאַלן אויף דער הגדה און זיין נאָז איז אַריין אין סאַמע „אדיר-הוא".

— אָרעם יינגל! — האָט דער טאַטע געזאָגט. — ער האָט אַזוי שטאַרק ניט געוואָלט איינשלאָפן.

— אַפּ-טשיק! קע-טשו! אַפּ-טשיק! — האָט בעני דריי מאָל אַ נאָס געטאָן, געעפנט ברייט די אויגן.

— בעני, — האָט די מאַמע אָנגעהויבן, — ווי אַזוי...

— „אַדיר הוא" — האָט זיך בעני צעזונגען גלייך מיט אַלעמען און זיינע אויגן האָבן געלאַכט.

נאָך דעם האָבן זיי געזונגען: „ווער ווייס איינס", „ווער ווייס צוויי", „ווער ווייס דריי", און בענים קאָפּ איז נאָך אַמאָל אַראָפּ אויף דער הגדה, זיין נאָז ערגעץ אין מיטן ליד.

— איצט שלאָפט ער שוין אויף אַן אמת, — האָט זיין אָנקל מעם געזאָגט.

אָבער דאָס מאָל האָט בעני פיר מאָל געגאָסן און ברייט צעעפנט די אויגן.

— ער איז שוין ווידער דאָ! — האָט זיך דזשעק געוואונדערט.

— „איך ווייס דריי", — האָט בעני געזונגען, — „דריי זיינען די פּאַטערס. איך ווייס..."

— איך וויל וויסן, — האָט זיין טאַטע געזאָגט, — ווי אַזוי ווערסטו ניט אַנטשלאָפן?

— „איך ווייס פיר", — האָט בעני געזונגען, — „פיר זיינען די מוטערס."

נאָר ווען עס איז געקומען צו ניין, איז בענים קול ווייטער אַוועק־געשוואומען, זיינע אויגן האָבן זיך גענומען פאַמעלעך - פאַמעלעך פאַרמאַכן, דער קאָפּ שאָקלען. בעני איז שוין ווידער געשלאָפן.

— „ווער ווייס צען", — האָבן זיי שטיל געזונגען, אים ניט אויפצוּוועקן.

בענים גאָמבע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין ברוסט.

— ווער ווייס עלף..."

בענים קאַפּ האָט זיך געשאָקלט אַרויף און אַראָפּ.

— ווער וויים צוועלף...״

בענים קאַפּ האָט זיך געבויגן צום טיש.

— „ווער וויים דרייצן...״

בענים קאָפּ איז געפאַלן אויף דער הגדה, זיין נאָז — אויפן שוואַרצן ציגעלע.

— חד־גדיא! — האָט דער טאַטע געזונגען און אומעטיק גע־שמייכלט, קוקנדיק אויפן שלאָפנדיקן בעני.

— אַפּ־טשיק! קער־טשו! — האָט בעני זיך צענאָסן פינף מאָל.

זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט אָפענע מיילער.

— חד־גדיא! — האָט בעני זיך צעזונגען מיט אַ קוויטש. — „איין ציגעלע, איין ציגעלע, וואָס דער טאַטע האָט געקויפט פאַר צוויי גילדן. איין ציגעלע, איין ציגעלע.״

און ער האָט געזונגען ווייטער און ווייטער. אַלע אַרום טיש האָבן אויף אים געקוקט און פאַרגעסן מיטזינגען אַפילו.

— „איז געקומען אַ קאַץ...״ — האָט בענים קול געטענצלט. — „איז געקומען אַ הונט...״

נאָכן חד־גדיא האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צו בענין.

— ווי אַזוי? — האָט דזשעק געפרעגט.

— ווי אַזוי האָסטו זיך יעדעם מאָל אויפגעכאַפּט?

— פאַרוואָס האָסטו גענאָסן?

בעני האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך צעגענעצט: „איך בין שלעפעריק.״ ער האָט געוואָלט נעמען זיין הגדה, נאָר דזשעק איז געווען פלינקער און האָט זי פריער צוגעכאַפּט. ער האָט געמישט די לעצטע זייטלעך פון דער הגדה און זיי געשמעקט.

— אַפּ־טשיק! — האָט ער זיך צענאָסן און זיך צעלאַכט.

— וואָס האָסטו געטאָן אין קיך? — האָט די מאַמע פלוצים אַ פרעג געטאָן. — וואָס האָסטו באַהאַלטן אין קעשענע?

בעני האָט צוגענומען זיין הגדה פון דזשעקן און זי געגלעט.

— אַ ביסל פעפער. — האָט ער געזאָגט, בלויז אַ ביסל פעפער, וואָס זאָל מיך ניט לאָזן איינשלאָפן.

פאַרשטייט די ווערטער:

ציימונג — newspaper

חד־גדיא (כאַד־גאַדיאַ) — איין ציגעלע. אַ זייער אַלט יידיש פאָלקסליד.

פאַרטראַכט — פאַרקלערט

כסדר (קעסיידער) — נאָכאַנאַנד — continuously

וויכטיק — important

משה

• משה שיפּרים

1.

יאָרן לאַנג האָבן די יידן געלעבט אין מצרים און זיי זיינען געווען פרייע מענטשן, ווי די מצרים, ביז ס'איז געקומען דער נייער קעניג פּרעה און גענומען הערשן איבערן לאַנד מיט אַ שטאַרקער האַנט. ער האָט אַלע יידן געמאַכט פאַר שקלאַפן. זיי האָבן געבויט פאַר אים פּאַלאַצן, פעסטונגען און שטעט.

די יידן האָבן געאַרבעט זייער שווער טאָג און נאַכט און פאַר דער אַרבעט האָט ער זיי גאָר ניט געצאָלט. זיי האָבן געשלעפּט שטיינער, געקנאָטן ליים מיט באָרוועסע פיס, געקליבן שטרוי און געמאַכט ציגל. דער קעניג האָט אָנגעשטעלט שלעכטע אויפזעער מיט בייטשן אין די הענט. אַז אַ ייד האָט זיך אויף אַ מינוט אָפּגערוט, האָט מען אים געשלאָגן מיט דער בייטש איבערן רוקן.

פּרעה האָט געוואָלט אויסמאַטערן די יידן צום טויט, כדי זיי זאָלן ווערן ווייניקער, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב זיי וועלן זיך פאַרמערן, וועלן זיי זיך ניט לאָזן מער פאַרשקלאַפן און ווערן פרייע מענטשן.

איינמאָל זיינען געקומען די שטערן־זעער צום קעניג פּרעה און אים געזאָגט, אַז זיי האָבן געזען פון די שטערן אין הימל, אַז ביי די יידן וועט געבוירן ווערן אַ יינגל, וואָס וועט אויסוואַקסן צו זיין אַ גרויסער פירער און ער וועט באַפרייען די יידן פון מצרים. פּרעה איז געוואָרן זייער דערשראָקן. ער וועט דאָך פאַרלירן אַזוי פיל אומזיסטע שקלאַפן. האָט ער געפרעגט אַן עצה וואָס צו טאָן. האָבן די שטערן־זעער אים געזאָגט, אַז דאָס איינציקע מיטל איז, אַז יעדעס יינגל, וואָס וועט געבוירן ווערן ביי די יידן, זאָל מען אין טייך ניל אַריינוואַרפן.

כדי צו ראַטעווען זייערע קינדער, האָבן די יידישע מאַמעס גענומען זייערע ניי־געבוירענע יינגלעך און זיי באַהאַלטן. האָבן פּרעהס דינער גענומען מיצרישע קינדער אויף די הענט און געגאַנגען אין די יידישע הייזער און זיי האָבן געשלאָגן די מיצרישע קינדער, כדי זיי זאָלן וויינען, און אַז די פאַרבאַהאַלטענע יידישע קינדער האָבן דערהערט דאָס קינדערשע געוויין, פלעגן זיי ענטפערן מיט אַ געוויין. האָבן די דינער אויסגעפונען וואו די יידישע קינדער געפינען זיך, זיי אַרויסגעשלעפּט פון די באַהעלטענישן און אַריינגעוואָרפן אין טייך.



פרעהס טאָכטער געפינט משהן איו וואַסער • דאָריי

2.

אין מצרים האָט געוואוינט אַ ייד מיטן נאָמען עמרם, האָט ער געהאַט אַ ווייב האָט זי געהייסן יוכבד, האָבן זיי געהאַט צוויי קינדער: אַ זון מיטן נאָמען אהרן און אַ טאָכטער מיטן נאָמען מרים. איז ביי זיי געבוירן געוואָרן נאָך אַ קינד, אַ יינגל. האָבן די עלטערן מורא געהאַט, אַז דעם קעניג פרעהס דינער וועלן אים אַריינוואַרפן אין טייך ניל, האָבן זיי אים באַהאַלטן אין אַ הייל.

דריי חדשים זיינען אַוועק, אָבער פרעהס דינער האָבן אים נאָך אַלץ געזוכט, און דער מאַמעס האַרץ האָט זיך געשראָקן טאָמער געפינט מען אים. האָט זי גענומען אַ קעסטל, אויסגעשמירט פון אינעווייניק און פון דרויסן מיט פעך, אַז קיין וואַסער זאָל ניט אַריינרינען, אַריינגעלייגט אין דעם דאָס קינד און עס אַריינגעלאָזט אין טייך, נאָענט צום ברעג. איר טאָכטער מרים האָט זיך אַוועקגעשטעלט פון וויטן, צו זען וואָס עס וועט פאַסירן.

און די פרינצעסין, פרעהס טאָכטער, מיט אירע דינסטן זיינען געקומען צום טייך זיך באָדן. ווי די פרינצעסין איז אַריין אין טייך, דערהערט זי דאָס געוויין פון אַ קינד. זי הייבט אָן זוכן, און מיטאַמאָל דערזעט זי דאָס קעסטל מיטן קינד. דאָס קינד האָט זייער שטאַרק געוויינט, האָט די פרינצעסין אויף דעם רחמנות געהאַט:

— דאָס מוז אוודאי זיין אַ יידיש קינד, — האָט זי געזאָגט צו די דינסטן.

אַז מרים האָט דאָס דערהערט, איז זי צוגעקומען און געזאָגט:

— דאָס קינד איז געוויס הונגעריק. אויב די פּרינצעסין וועט מיר דערלויבן, וועל איך ברענגען אַ פרוי וואָס וועט אַכטונג געבן אויפן קינד.

— גיי און ברענג, — האָט די פּרינצעסין געזאָגט.

און מרים איז אַוועק און געבראַכט איר מוטער, יוכבד. די מוטער האָט, פאַרשטייט זיך, ניט אויסגעזאָגט ווער זי איז.

די פּרינצעסין האָט איר איבערגעגעבן דאָס קינד, זי זאָל אויף אים אויפּפּאַסן ביז ער וועט אונטערוואַקסן, און זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן משה.

ווען דאָס ייִנגל איז אויסגעוואַקסן, האָט אים יוכבד געבראַכט צו דער פּרינצעסין. ער איז פאַרבליבן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ און איז געוואָרן אַ פּרינץ.

3.

ווען משה איז גרעסער געוואָרן, האָט ער זיך דערוואוסט פון וואַנען ער שטאַמט, און ער איז געגאַנגען זען, ווי עס לעבן זיינע ברידער, די ייִדן. הערט ער ווי מען מאַטערט זיי און מען פּייניקט זיי. זיי אַרבעטן שווער טאָג און נאַכט און דערצו שלאָגט מען זיי נאָך.

האָט אים ווייז געטאָן דאָס האַרץ פאַר זיינע שוועסטער און ברידער. ער האָט געפּרואווט זיי העלפן, פאַרלייכטערן זייער שווערן פּיין. אַז ער האָט געזען אַן אַלטן מאַן אָדער אַ פרוי שלעפּן שווערע ציגל, האָט ער זיי אונטערגעהאָלפן.

איינמאָל האָט ער געזען ווי אַ מיצרי שלאָגט אַ ייִדן מיט אַ בייטש, איז ער צו צו אים און אים אַוועקגעריסן פון ייִדן, און ווען דער מיצרי האָט זיך געכאַפּט אים שלאָגן, האָט ער אים דערהרגעט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז ער געגאַנגען אין גאַס, זעט ער ווי צוויי ייִדן קריגן זיך און איינער דערלאַנגט דעם צווייטן אַ פּאַטש. רופט ער זיך אָן צום שלאָגער:

— שעם זיך! פאַרוואָס קריגסטו זיך און שלאָגסט זיך? איז ניט גענוג וואָס פרעהס אויפזעער שלאָגן אייך? בעסער לעבט ווי פריינט. אַלע ייִדן דאַרפן זיין פאַראייניקט, לעבן ווי פריינט, וועט איר זיך קאָנען באַפרייען פון קנעכטשאַפט.

אָבער דער שלעגער איז געווען אַ שלעכטער. זאָגט ער:

— ווער ביסטו? ווער פרעגט ביי דיר עצות? אפשר ווערסטו מיך טויטן, ווי דו האָסט געטויט דעם מיצרי?

האָט משה זיך דערשראָקן. ער האָט געטראַכט: ווייזט אויס, אַז מען האָט זיך שוין דערוואוסט.

און פּרעה האָט זיך טאַקע דערוואוסט און ער האָט געשיקט זיינע דינער אים אויפזוכן, אָבער משה איז אַנטלאָפן אין דעם לאַנד מדין און דאָרטן געוואָרן אַ פּאַסטעך.

4.

איין מאָל, ווען משה האָט געפּאַשעט זיינע שאָף, איז אַ שעפּעלע אַנטלאָפן פון דער טשערעדע, איז ער געלאָפן עם כאַפּן. אָבער דאָס שעפּעלע האָט געהאַלטן אין איין לויפן מיט אַלע כוחות. ווען משה האָט עם אָנגעיאָגט, האָט ער געטראָפן דאָס שעפּעלע ביים טייך, הינטערן באַרג, טרינקען וואַסער.

— אָרעם שעפּעלע! — האָט משה געזאָגט. — איך האָב ניט געוואוסט, אַז דו ביסט אַזוי דאָרשטיק; אומזיסט דיך געיאָגט. ביסט אַזוי פאַרמאַטערט, קאָנסט שוין אַוודאי ניט גיין אויף דיינע פיס. — און ער האָט עם גענומען אויף די הענט און צוריקגעבראַכט צו דער טשערעדע.

און משה האָט געפּאַשעט די שאָף און זיי אָפּגעהיט, ווי מען היט אָפּ קינדער. ער האָט אָבער ניט געקענט פאַרגעסן אָן זיינע ברידער, די יידן. ער האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן ווי זיי ווערן געפּייניקט פון פּרעהן.

5.

איין טאָג איז ער געזעסן אַזוי און געטראַכט און מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן צו זיך:

— ניט גוט אַזוי. איך זיץ דאָ און דאָרטן פּייניקט מען די יידן. וואָס וועט זיין דער סוף? ווער וועט זיי באַפרייען? מען דאַרף זיך צוריקקערן קיין מצרים און העלפן באַפרייען מיין פאָלק.

אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, איידער די זון נעמט שטאַרק ברענען, און ער איז אַוועק קיין מצרים.

משה האָט גענומען זיין ברודער אהרן און זיי זיינען אַוועק צום קעניג פּרעה און אַזוי געזאָגט:

— די יידן ווילן מער ניט זיין קיין שקלאַפן. לאָז זיי אַרויס פריי.

האָט פּרעה ניט געוואָלט. אָבער משה האָט ניט אָפּגעלאָזט דעם קעניג, ער האָט געהאַלטן אין איין פאָדערן פון פּרעהן, אַז ער זאָל באַפרייען די יידן.

פּרעה האָט זיך געמוזט אונטערגעבן און באַפרייען די יידן.

און די יידן זיינען ארויס פון מצרים זוכן אַ לאַנד, וואו זיי זאָלן קאָנען זיין פריי.

דעם טאָג ווען די יידן זיינען באַפרייט געוואָרן האָט משה געמאַכט אַ יום־טוב און דעם יום־טוב האָט ער אַ נאָמען געגעבן פּסח.

אַ זייגערל

• וואָלף יונין

ס׳דאַרף נאָר עפּעס אַריינפאַלן אין נאָטעס הענט,
וועט ער שוין מאַכן פון דער זאַך אַ תכלית;
אַנומלט האָט ער זיך מיט יאָסלס זייגערל באַקענט
און באַלד גענומען אויסגעפינען ווי מען מאַכט עס.
צוערשט האָט ער געוואָלט דערגיין דעם סוד, פאַרוואָס
עס טאַנצן אויפן ציפערבלעטל ביידע מיקי־מייזלעך;
האָט ער די ערשטע זאַך אַ בראָך געטאָן דאָס גלאָז
און דערנאָך „צורעכט געמאַכט״ די ווייזערס.
דאָן צום דעקל זיך אַ נעם געטאָן געשמאַק
מיט די הוילע נעגל פון די פינגער.
זיינען זיי געווען נעבעך צו קורץ און שוואַך,
ווייל שטענדיק בייסט עס זיינע נעגל פון די פינגער;
האָט ער זיך אַליין דערטראַכט צו אַ פּאַטענט:
מער ווי איין פּאָר הענט, פאַרמאָגט ער ניט זיין אייגנס —
וואָס דאַרף ער זיי פאַרמאַטערן, די איינציקע פּאָר הענט,
אַ שרויפנציער בעסער — ער וועט זיך שוין ניט בייגן!
קורץ געטראַכט און גוט געמאַכט —
דאָס דעקל איז שוין אויך אויס דעקל:
ברוך אַ שטיקל.
אָ־וואַ! וואָס ס׳טוט זיך דאָרט ביים זייגערל אין בויך,
אַן אמת פאַבריקל:
ספּרוזשינקעלעך און שרייפלעך,
צאָן־רעדלעך און שטיינדלעך,
און אַלצדינג אַזוי קליין אויסערגעווינלעך!
נאָטע פאַרשטייט שוין איצטער אויך
וואָס זייגערלעך פאַרמעגן,
נאָר איין זאַך קאָן ער ניט פאַרשטיין
און פרעגן, שעמט ער זיך צו פרעגן:
פאַרוואָס איז יאָסלס זייגערל געבליבן שטיין?

ער מיינט ניט די הגדה, ער מיינט די קניידלעך.

וואָס מען עסט?

פּסח עסט מען	לאַטקעס	חנוכּה עסט מען	קנײדלעך
שבֿועות עסט מען	המן־טאַשן	פּורים עסט מען	בלינצעס

פּאַס צו דאָס מאכל צום יום־טובֿ.

●

צווילינג־ווערטלעך

ער האַלט פֿון אים	שטאָל	און שלעכטס
זי איז שוין געוואוינט צו	גוטס	און וואַסער
איך האָב שיר צעבראָכן מײַן	האַלדז	און לעבער
ער איז אַ פֿרײלעכער	לונג	און נאַקן
זײ זײַנען צווישן זיך ווי	פֿײַער	און אײַזן

אַרבעט: געפֿין אויס די צווילינג־ווערטלעך. פּאָר זײ צונויף, און שרײַב איבער אין העפֿט.

●

פֿאַרגאַנגענע צײַט

אײנצאָל:	מערצאָל:
איך בין געגאַנגען...	מיר זײַנען געגאַנגען...
דו ביסט געגאַנגען...	איר זײַט געגאַנגען...
ער איז געגאַנגען...	זײ זײַנען געגאַנגען...

אַרבעט: שרײַב די פֿינף ווערבן אַזוי ווי אויבן. שלאָפֿן, לויפֿן פֿאַלן, פֿאָרן, קומען.

●

אײנצאָל - מערצאָל

דער באַרג - - -	די האַנט - - -	דאָס אָרט - - -
דער גאַסט - - -	די וואַנט - - -	דאָס וואָרט - - -
דער פּאַטש - - -	די באַנק - - -	

אַרבעט: שרײַב איבער אין העפֿט, און גיב צו די מערצאָל.

פרילינג ווינטן

• נחום וויסמאַן

שוואַרצע קראָען, ווינטער קראָען,
טראָגט זיך אָפּ וואָס שנעלער:
זעט איר ניט, די זון הייבט אָן
שיינען מילדער, העלער...
הערט איר ניט, ווי ס'רוישט דער טייך
אַזוי מונטער, לויטער:
זעט איר ניט, ווי דער בושל
זיך אַ נעסט בויט ער?
פילט איר ניט, אין לופט שוין שמעקן
פרישע, גרינע גראָזן?
ווייסט איר ניט, אַז אויף אַלע פעלדער
יאָגן זיך די האָזן?
שוואַרצע קראָען, ווינטער קראָען,
שנעל אין וועג געלאָזן:
פרילינג ווינטן האָבן שוין
זיך גענומען בלאָזן...

פאַרשטייט די ווערטער:

העלער — ליכטיקער
לויטער — זייער ריין
בושל — stork
האָזן — hare

געדענקסטו דאָס ווערטל?

אַלץ וואָס שמחה דער קלענער די עולם גרעסער

דער זעצער האָט צעמישט די ווערטער, שטעל זיי אויס אין אָרדענונג.

אַ שטורעם

דער הימל איז באַדעקט מיט - - - , ס'וועט אוודאי גיין אַ רעגן. דער טייך איז אַרויס פון די ברעגן, ס'וועט מסתמא זיין אַ - - - - , דער - - - האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן, אַוועקגעטראָגן הייזער, און דערהרגעט אַ סך מענטשן.	ערד-ציטערניש וואַלקאַנ דונער פאַרפלייצונג שטורעם רעגן-בויגן בליצט
די - - - אין קאַליפאָרניע האָט גאָר ניט אָנגעטאָן קיין שאָדן. מ'האָט נאָר געפילט אַ לייכטן טרייסל. נאָכן רעגן האָט זיך אויפן הימל באַוויזן אַ - - - - . אַ - - - האָט צעבראָכן אַ סך ביימער אין בראָנקס-פּאַרק. ביינאַכט איז שיין צו זען ווי עס - - -	

אַ ר ב ע ט: שרייב איבער אין דיין העפט, און פיל אויס מיט די ווערטער אין לינקן קאָלום.

●

דער טאַטע — דעם טאַטן

דער טאַטע	איך האָב געוויזן דעם טאַטן מיין בוך.
דער שילער	דער לערער פרעגט דעם שילער אַ פראַגע.
דער שטיין	משה האָט געשלאָגן דעם שטיין.
די מאַמע	איך האָב היינט דערהאַלטן אַ בריוו פון דער מאַמען.
דאָס פעלד	מיר זיינען געגאַנגען דורך דעם פעלד.

אַ ר ב ע ט: שרייב איבער די זאַצן אין דיין העפט.

●

געדענקסטו דאָס ווערטל?

פאַרגייט אַ באַשטייט אַ פאַטש וואָרט

דער זעצער האָט צעמישט די ווערטער, שטעל זיי אויס אין אָרדענונג.

דער שוואַרצער האָן

• מ. סטרוגאַטש

איך וויל אייך, קינדער, דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ סך יאָרן צוריק.

אין יענע צייטן פלעגט מען אָפט באַשולדיקן די יידן, אַז זיי נוצן בלוט פון קריסטלעכע קינדער פאַר זייערע מצות אויף פּסח, און די אומוויסנדע מענטשן, וואָס האָבן געגלויבט אין דעם, פלעגן ניט איין מאָל באַפאַלן די יידישע באַפעלקערונג, איבערהויפּט פאַר פּסח, און איבערהויפּט אין די קליינע שטעטלעך, און דורכפירן אויף זיי בלוטיקע פּאָגראָמען.

האָט זיך איינמאָל געמאַכט אין אַ שטעטל, אַז אַ קריסט איז געווען אין כעס אויף זיינעם אַ שכן, אויך אַ קריסט. האָט ער גע־כאַפּט דעם שכנס יינגל, אים דערמאָרדעט און, כדי עס זאָל ניט פאַלן אויף אים קיין חשד, אַריינגעוואָרפן דעם קערפּער צו אַ צווייטן שכן — אַ יידן — אין קעלער.

אַזוי ווי עס איז געווען פאַר פּסח, איז גלייך פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן דערמאָרדעט דאָס קינד, כדי צו נוצן זיין בלוט אין זייערע מצות.

די פּאָליציי האָט גענומען זוכן, געגאַנגען פון הויז צו הויז, גע־נישטערט די בוידעמער, די קעלערס און ענדלעך געפונען דאָס קינד אַ דערמאָרדעטן — ביי דעם יידן אין קעלער.

פאַר די קריסטן, ווי אויך פאַר דער פּאָליציי, איז קלאָר געווען, אַז דער ייד האָט דערמאָרדעט דאָס קינד.

אומזיסט האָט זיך דער ייד געבעטן, געוויינט און געטענהט, אַז ער איז אומשולדיק, אַז ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן און אַז דאָס קינד איז בייזוויליק אַריינגעוואָרפן געוואָרן צו אים אין קעלער. עס האָט אויך ניט געהאָלפן דאָס איינשטעלן זיך פאַר אים פון דעם רב און אַנדערע אָנגעזעענע יידן פון שטעטל — די אויפרעגונג פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג איז געוואַקסן פון שעה צו שעה און האָט געדראָט ניט בלויז אומצוברענגען דעם אומשולדיקן יידן, נאָר אויך די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון שטעטל.

ענדלעך איז דעם רב איינגעפאַלן אַ געדאַנק: בעטן דעם פּאָליציי־

הויפּט ער זאָל אָפּוואַרטן מיטן משפּט דריי טעג צייט און געבן די יידן אַ געלעגנהייט צו זוכן דעם מערדער.

דער פּאָליציי־הויפּט האָט צוגעשטימט, אָבער מיט דעם באַדינג, אַז אויב אין דריי טעג אַרום וועלן די יידן ניט קאָנען צושטעלן דעם מערדער, וועט ער לאָזן אַרעסטירן ניט בלויז דעם יידן, ביי וועמען מען האָט דאָס דערמאָרדעטע קינד געפונען, נאָר אויך אים, דעם רב, און אַנדערע אָנגעזעענע יידן פון שטעטל. און וואָס דער סוף זייערער וועט זיין — איז קלאָר...

די יידן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין שול און דער רב האָט אויסגערופן, אַז ווער עס וועט געפינען דעם מערדער וועט קריגן הונדערט זילבער־שטיק.

די יידן זיינען געבליבן אין שול און האָבן די גאַנצע צייט געפאַסט און געוויינט און געהאָפט, אַז עמעצער זאָל זיך אָפּזוכן, וואָס זאָל אויפדעקן דעם אמתן מערדער.

אָבער עס איז אַריבער אַ טאָג און צוויי, און קיינער רופט זיך ניט אָפּ.

און אָט איז אָנגעקומען דער דריטער טאָג. עס רוקט זיך אַ שעה נאָך אַ שעה, עס איז שוין מיטאָג־צייט, נאָכמיטאָג — און קיינער באַוויַיזט זיך ניט.

אָט הייבט זיך שוין אָן די זון אַרונטערצולאָזן, עס ווערט פאַר־נאַכטלעך, און די יידן שטייען אין שול פאַרצווייפלטע און וויינען און שרייען און ווייסן ניט פון וואַנען עס וועט קומען זייער הילף, ווייל נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה און די דריי טעג ענדיקן זיך...

פּלוצלונג, ווי די יידן שטייען אַזוי פאַרצווייפלט, גיט זיך אָן עפן די טיר און אַ יונגער בחור לויפט האַסטיק אַריין:

— איך ווייס נאָך דערוויַיל ניט ווער דער מערדער איז, אָבער איך נעם זיך אונטער אים צו געפינען. פירט מיך צום פּאָליציי־הויפּט.

פירט מען דעם בחור צום פּאָליציי־עלטסטן און דאָס גאַנצע שטעטל יידן פאָלגן אים נאָך.

— שטעלט זיך דער בחור פאַרן עלטסטן.

— נו, וואָס? — פרעגט אים יענער — דו ווייסט ווער דער מערדער איז?

— ניין — ענטפערט דער בחור — דערוויַיל ניט. אָבער איך נעם זיך אונטער ביז מאָרגן אים אויסצוגעפינען. נאָר איין באַדינג דערביי: דו זאָלסט זען, אַז אַלץ וואָס איך וויל, זאָל מען טאָן.

— גוט — זאָגט דער עלטסטער — איך וועל עס טאָן.

— אויב אַזוי — זאָגט דער בחור — פאַרלאַנג איך, אַז מאָרגן גאַנץ פרי זאָל די גאַנצע באַפעלקערונג פון שטעטל, קריסטן און יידן, זיך צוזאַמענקלייבן אויפן מארק־פּלאַץ, קיין איינער פון זיי זאָל אין הויז ניט בלייבן, און דאָרטן וועלן מיר שוין זען וואָס צו טאָן.

באַלד האָט דער עלטסטער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל און געפּאַ־דערט, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג, קריסטן און יידן, זאָלן מאָרגן גאַנץ פרי זיך צוזאַמענקלייבן אויפן מאַרק־פּלאַץ.

די דאָזיקע נייס האָט אויפגערודערט דאָס שטעטל. אַ גאַנצע נאַכט איז קיינער ניט געשלאָפן און אַלץ געטראַכט וועגן דעם, וואָס מאָרגן וועט זיין.

און קוים האָט אָנגעהויבן צו טאָגן איז שוין דאָס גאַנצע שטעטל געווען אויף די פיס און גענומען זיך צוזאַמענקלייבן אויפן מאַרק־פּלאַץ. אין גיכן איז אויך געקומען אַהין דער פּאָליציי־הויפּט און נאָך אים דער בחור, מיט אַ צוגעפּגעלייגט ביידל און אַ שוואַרצן האָן.

ער האָט גלייך אויפגעשטעלט דאָס ביידל און געהייסן אַלעמען זיך אויסשטעלן אין אַ ריי, איינער נאָכן צווייטן, קריסטן און יידן.

— און איצט — האָט ער זיך אָנגערופן צום עולם — וועלן מיר באַלד אויפזוכן דעם מערדער. אָבער ניט איך וועל דאָס טאָן, נאָר — אָט דער שוואַרצער האָן.

און ווייזנדיק פאַרן עולם דעם האָן, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— אָט דער האָן איז ניט קיין געוויינלעכער האָן, נאָר אַ וואונדער־האָן. ער קאָן אַלצדינג זען און אַלצדינג טרעפן. קיין זאַך קאָן מען פון אים ניט באַהאַלטן, און ער וועט אויך טרעפן ווער דער מערדער איז. יעדער איינער וועט אַריינגיין אין ביידל און אַרויפלייגן זיין רעכטע האַנט אויפן האָן. דער האָן וועט בלייבן שטיל און רואיק. נאָר ווי דער מערדער וועט אַרויפלייגן זיין האַנט אויף אים, אַזוי גלייך וועט דער האָן אָנהויבן צו קרייען און דערמיט אַרויסגעבן דעם שולדיקן.

ער האָט אַריינגעטראָגן דעם האָן אין ביידל און דער עולם איז איינער נאָכן צווייטן אַריין אין דעם פאַרמאַכטן ביידל, געבליבן דאָרט אַ ווײַלע און באַלד אַרויס צוריק. די וואָס זיינען אַרויסגעקומען זיינען געשטאַנען מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס און מיט קלאַפּנדיקע הערצער און געוואַרט, אַז אָט באַלד וועט דער האָן אָנהויבן צו קרייען.

די ריי איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. די אַרויסגעקומענע קוקן זיך נייגעריק צו צו די פּנימער פון די איבערגעבליבענע, און די יידן שטייען נאָך דערצו און די הערצער קלאַפּן זיי פון שרעק.

און אַט זיינען שוין גאָר די לעצטע געבליבן: די לעצטע פינף, פיר, דריי, צוויי...

און אַט איז שוין דער סאַמע לעצטער. אַלע קוקן זיך צו אים צו מיט נייגיר און פאַרדאַכט. נאָר אויך ער גייט דורך — און דער האָן קרייט אַלץ ניט.

ווענדן שוין אַלע זייערע בליקן צום בחור: די יידן — מיט שרעק און פאַרצווייפלונג, און די קריסטן — מיט כעס און גלייכצייטיק מיט באַהאַלטענער פרייד.

נאָר דער יונגער בחור איז געבליבן רואיק ווי פריער און ווענדנ־דיק זיך צום עולם האָט ער אויסגערופן:

— און איצט שטעלט זיך אוים ווידער אין אַ ריי מיטן פנים צו מיר און צו דעם פּאָליציי־הויפּט — און דער מערדער וועט גלייך אויפגעדעקט ווערן.

מיט אומצוטרוי און אָן חשק האָבן אַלע פויל אויסגעפאָלגט דעם באַפעל און זיך ווידער אויסגעשטעלט אין אַ ריי מיטן פנים צום בחור.

— און איצט — האָט דער בחור באַפוילן — הייבט אַלע אויף די רעכטע הענט און האַלט זיי ביז איך וועל הייסן אַראָפּלאָזן.

אַלע האָבן אויסגעפאָלגט און אויפגעהויבן די רעכטע הענט.

נאָר וואָס האָט פּאַסירט? וואָס האָבן אַלע דערזען?

ביי אַלעמען זיינען די הענט געווען שוואַרץ, נאָר ביי איינעם, אַ קריסט, איז די האַנט געווען ווייס, ווי נאַטירלעך.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט און דערשראָקן אָנגעקוקט דעם קריסט.

— אָט דאָס איז דער מערדער — האָט דער בחור אָנגעוויזן דעם פּאָליציי־עלטסטן אויפן קריסט מיט דער ווייסער האַנט — ער האָט

דערמאָרדעט דאָס קינד...

דער קריסט איז בלאָס געוואָרן, האָט זיך גענומען וואַקלען, איז צו צום עלטסטן, געפאַלן אים צו די פיס און גענומען אים בעטן, ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן און שענקען אים דאָס לעבן: ער האָט דאָס טאַקע דערמאָרדעט דאָס קינד פון זיין שכן...

ביי די יידן איז געוואָרן אַ פרייד. זיי זיינען זיך געפאַלן אויף די העלדזער, זיך געקושט און געוויינט פון גליק. זיי זיינען געראַטעוועט געוואָרן.

— — — — — — — — —

איר ווילט אוודאי וויסן, קינדער, וואָס עס האָט פּאַסירט? גאָר־נישט האָט פּאַסירט. די זאַך איז געווען זייער איינפאַך. דער האָן איז קיין וואונדער־האָן ניט געווען, ווייל אַזעלכע זיינען ניטאָ. עס איז אַפילו קיין לעבעדיקער האָן ניט געווען, נאָר אַ פּשוט אַנגע־שטאָפּטער האָן אויסגעשמירט אין סאַזשע. און ווען די מענטשן האָבן אַרויפגעלייגט אויף אים זייערע רעכטע הענט, זיינען די הענט געוואָרן שוואַרץ. דער מערדער אָבער האָט מורא געהאַט אַרויפצולייגן זיין האַנט אויף אים, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז דער האָן וועט אָנהייבן צו קרייען. און אַזוי ווי קיינער איז מיט אים אין ביידל ניט געווען האָט ער געטראַכט, אַז סיי ווי וועט קיינער ניט וויסן פון דעם, און ער האָט זיין האַנט אויפן האָן ניט אַרויפגעלייגט. און אַזוי איז זיין האַנט געבליבן וויים.

עס איז בלויז געווען אַ קלוגער איינפאַל פונעם בחור, און דאָס האָט גליקליכערווייז געראַטעוועט אַ גאַנץ שטעטל יידן.

געדענקסטו דאָס ווערטל?

TRUTH WILL APPEAR LIKE OIL UPON WATER.

זעץ עס איבער אויף יידיש.

פאַרענדיק די ווערטלעך:

1 ער זיצט אויף	- נאָז	1 רויט ווי אַ	- וואַסער
2 ער האָט גאָלדענע	- קאָפּ	2 טויב ווי די	- פּוטער
3 ער האָט אַן אייזערנעם	- שפּילקעס	3 ווייך ווי	- בוריק
4 ער דרייט מיט דער	- האַרץ	4 שטיל ווי אַ	- וואַנט
5 ער האָט אַ גאָלדן	- הענט	5 לייענט ווי אַ	- טויב

אַרבעט: שרייב איבער די ווערטלעך אין דיין העפט.

קומענדיקע צייט

איינצאָל:	מערצאָל:
איך וועל גיין	מיר וועלן גיין
דו וועסט גיין	איר וועט גיין.
ער וועט גיין.	זיי וועלן גיין

אַרבעט: שרייב די פינף ווערבן אין אַלע פּערזאָנען איינצאָל-מערצאָל, און אין אַלע דריי ציַיטן: שלאָפן, לויפן, פאַלן, פאָרן, קומען.

אַנטאָנימען:		סינאָנימען:	
קרום	דין 7	טראַכטן	שונא
נאָענט	פאַרלוירן 5	אמת	כוח
אויבן	היץ 10	ריין	חודש
עפן	גלייך 1	עסן	סוף
געפונען	פלייסיק 9	טונקל	ווילן
הויך	פאַרגעסן 8	מאָנאַט	ציכטיק
געדענקען	נידעריק 6	פיינט	פינצטער
גראָב	ווייט 2	קראַפט	קייען
פויל	אונטן 3	פאַרלאַנג	ריכטיק
קעלט	פאַרמאַך 4	שלום	קלערן

אַרבעט: פאָר צונויף די אַנטאָנימען, און שרייב אַריין אין העפט.

אַרבעט: פאָר צונויף די סינאָנימען, און שרייב אַריין אין העפט.

געדענקסטו?

שטעלט צו „דער", אָדער „דאָס".

ד - גרויסע הויז. ד - קילער אָוונט. ד - קלוגער קאָפּ.

ד - ווייכע בעט. ד - גרויער וואָלקן. ד - שאַרפע אויג.

אַרבעט: שרייב איבער אין דיין העפט.

דער יום־טוב פון די ביימער אין דגניה

לויט י. מנוח •

יעדעס יאָר, ווען ס'קומט חמשה־עשר־בשבט, נעמען די לערער פון די קאָלאָניעס אין גליל זייערע שילער קיין דגניה און פאַרפלאַנצן דאָרט ביימער. נאָך פון גאַנץ פרי אָן הייבן די קינדער אָן קומען: טייל קומען צופוס, אַנדערע — רייטנדיק אויף פערד, און נאָך אַנדערע — אין וועגענער.

אַכט הונדערט קינדער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. אויף אַ גרויס פעלד, נאָענט צום ברעג פון ירדן, זיינען צוגעגרייט געוואָרן פיר הונדערט קליינע ביימלעך צום פאַרפלאַנצן. לעבן יעדן ביימל שטייען צוויי קינדער. צוויי קינדער און אַ ביימל. צוויי קינדער און אַ ביימל. אַכט הונדערט קינדער שטייען לעבן פיר הונדערט ביימלעך און וואַרטן. ווען עס ווערט געגעבן דער סיגנאַל, הייבן די קינדערשע אָרקעסטערס אָן צו שפּילן. אַכט הונדערט קינדער, ווי איינער, בייגן זיך איין, נעמען די ביימלעך און שטעלן זיי אַריין אין די גריבלעך. אַלע זיינען פאַרטאָן אין זייער אַרבעט. די ווינטערדיקע זון פון ארץ־ישראל באַשטראַלט דאָס וואונדערבאַרע בילד: אַ פעלד פאַרזייט מיט ביימער און קינדער.

ביימער און קינדער — ביידע וועלן אויפבליען און אויסוואַקסן. אַן אייביקע פריינטשאַפט איז דאָ צווישן די קינדער און די ביימער און דער שיינער ערד פון לאַנד.

ווען דאָס קינד וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ מאַן, וועט ער קומען באַזוכן דאָס אָרט און זיך פרייען מיטן בוים, וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט מיט זיינע אייגענע הענט.

איך הער ווי איין קינד זאָגט צום צווייטן:

— איבעראַיאָר, ווען איך וועל קומען אַהער, וועל איך באַלד צוגיין זען ווי אַזוי מיין ביימל איז אויסגעוואַקסן.

ווידער איז דער מיי געקומען

• מאָרים ראָזענפעלד

ווידער איז דער מיי געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראַכט.
אַלע גראָזן, אַלע בלומען
האָבן ווידער אויפגעוואַכט.

ווידער בליט עס אויף די פעלדער,
ווידער גלאַנצט עס איבעראַל,
ווידער גרינט עס אין די וועלדער,
ווידער זינגט די נאַכטיגאַל.

ווידער נעמט דער פרילינג מאָלן
מיט זיין פּענדזל; וואו ער שמירט,
ווערן בערג און ווערן טאָלן,
ווערט די ערד מיט גרינס באַצירט.

סינאָנימען:

ברעקלעך	הייזער
געביידעס	דירות
וואוינונגען	שטימע
נאָם	פיצלעך
קול	פייכט

אַרבעט: פאַר צונויף די סינאָנימען און שרייב אַריין אין העפט.

אַנטאָנימען:

קלוג	פאַר דעם
דערפאָלג	פריער
טאָל	נאַריש
שפּעטער	דורכפאַל
נאָך דעם	באַרג

אַרבעט: פאַר צונויף די אַנטאָנימען און שרייב אַריין אין העפט.

דער זיידע האָט דערציילט

● א. מייזיל

אין קינדער־שול איז שוין אַלץ געווען גרייט פאַרן ערשטן מאַי: די ווענט באַפּוצט, די וואַנט־צייטונג — פאַרטיק, אַלץ פאַר דעם מאָרגנ־דיקן מאַרש. איצט איז פיליפ מיט זיינע חברים געגאַנגען צוריק אַהיים.

אין שטוב האָט פיליפ טאַטען־מאַמען נאָך ניט געטראָפן. געווען איז דאָרט בלויז דער זיידע.

— נו, מיין קינד, ביסט שוין גרייט?

— גרייט, זיידע ...

— וועסט מיך מאָרגן אַריינגעמען צווישן די קינדער?

— זיכער, זיידע.

— וועל איך טאַקע גיין; און דערפאַר וועל איך דיר דערציילן, ווי אַזוי דער יום־טוב איז אַנטשטאַנען, ווי אַזוי מיר האָבן אים צום ערשטן מאָל געפייערט.

פיליפ האָט אָנגעשטעלט די אויערן. אַזעלכע מעשות האָט ער ליב געהאַט צו הערן.

— געווען איז עס אין יאָר 1885. איך בין נאָך דעמאָלט געווען דאָ אין לאַנד אַ גרינער. פון רוסלאַנד בין איך אַנטלאָפן, פון דעם בלוטיקן צאַר, און דאָ האָב איך געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון ציגאַרן. מיט מיר צוזאַמען האָבן געאַרבעט אַמעריקאַנער, דייטשן, ענגלענדער, אירלענדער. איינער האָט דעם צווייטנס לשון ניט פאַרשטאַנען. עס האָבן אונדז פאַראייניקט צוזאַמען די פאַבריק־ווענט, די קאַסטנס ביטערע ציגאַר־בלעטער, וועלכע מיר האָבן געפּליקט איינגעבויגן איבער דער אַרבעט יעדן טאָג צוועלף שעה נאָכאַנאַנד.

אומעטום, אין אַלע פאַבריקן, האָבן אַרבעטער לאַנגע שעהן גע־שקלאַפּט. די באַלעבאַטים זיינען רייך געוואָרן, געוואַקסן אויף אונדזער בלוט און שוויס. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך עס גענומען רודערן. אימעצער האָט די גרויסע נייעס צו אונדז אין פאַבריק געבראַכט: אַ גרויסער קאַמף הייבט זיך אָן איבערן גאַנצן לאַנד, פון אַלע אַרבע־טער. מיר ווילן פאָדערן אַכט שעה אַרבעט.

— דער טאָג פון ערשטן מיי, 1886, איז באַשטימט געוואָרן אָנ־צוהייבן דעם גרויסן סטרייק און די דעמאָנסטראַציע. נו, איז געקומען דער טאָג פונעם ערשטן מיי. צען אַזייגער אין דער פרי זיינען מיר שוין געווען אויף יוניאָן־סקווער. פון דאָרט האָבן מיר אַוועקגעמאַר־שירט איבער די גאַסן פון שטאָט. מיר האָבן געהויבן אין דער הייך אונדזערע פאָנען און פלאַקאַטן, און אויסגערופן שטאָלץ אונדזערע פאָדערונגען: אַכט שעה אַרבעט, אַכט שעה פאַרברענגען און אַכט שעה רו.

— אין אַ סך שטעט זיינען דעמאָלט דעם ערשטן מאַי פאָרגעקומען סטרייקס, פאַראַדן און דעמאָנסראַציעס. העלדישער פון אַלעמען זיינען געווען די שיקאַגער אַרבעטער. דאָרטן האָבן געסטרייקט 50,000 אַרבע־טער. די מאַי־דעמאָנסטראַציע איז געווען אַ ריזיקע און אַ שטורעמדיקע.

דער זיידע האָט ווייטער דערציילט:

— די שיקאַגער פּאָליציי, אויפגעקאָכט פון דער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע, האָט מיט צוויי טעג שפּעטער געשאָסן אויף פּיקעטס. די אַרבעטער האָבן פאַררופן אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג אויף היימאַר־קעט־סקווער. דאָרטן האָט אַ פּראָוואָקאַטאָר געוואָרפן אַ באָמבע אויף דער פּאָליציי. אויף מאָרגן האָט מען אַרעסטירט די בעסטע און העלדישסטע אַרבעטער־פירער און זיבן פון זיי האָט מען פאַרמשפּט צום טויט.

לינג, דער יינגסטער פון אַלע פאַרמשפּטע, איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד אין תּפיסה. אַ צווייטער, שפּיז, איז געשטאַנען אונטער דער תּליה און אויסגעשריען: „דאָס קול, וועלכעס איר דערשטיקט, וועט אין קבר זיין מעכטיקער, ווי איצט." אַ דריטער, פּאַרסאָנס, האָט אָנ־געהויבן רעדן צו זיינע הענקער: „זאָל דאָס קול פון פאָלק געהערט ווערן!" האָט מען פאַרצויגן די שטריק און איבערגעהאַקט זיינע ווערטער אין מיטן.

פיליפּ האָט זיינע פויסטן נאָך שטאַרקער פאַרדריקט.

— אָט אַזוי, פיליפּ, האָבן מיר פאַר יענעם ערשטן מאַי מיט בלוט באַצאָלט. אָבער מיט צוויי יאָר שפּעטער האָבן די אַרבעטער באַשלאָסן אָנהייבן אַ נייעם קאַמף פאַרן אַכט־שעהאיקן אַרבעטס־טאָג. ווידער איז דער אָנהייב פון קאַמף באַשטימט געוואָרן אויפן ערשטן מאַי. אין יאָר 1889 איז דער ערשטער מאַי דערקלערט געוואָרן פאַר אַ יום־טובֿ, אַ דעמאָנסטראַציע־טאָג פון דעם אַרבעטער־קלאַס אויף דער גאַנצער וועלט.

דער קאַנאַריק

• מאָרים ראָזענפעלד

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין פרייען פעלד אַליין —
ווער קאָן זיין שמחה פילן?
ווער קאָן זיין פרייד פאַרשטיין?

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין רייכסטן פּאַלאַץ שוין —
ווער קאָן זיין ווייטיק פילן?
ווער קאָן זיין שמערץ פאַרשטיין?

טרילערט — trills
שמחה (שימכע) — פרייד — joy
ווייטיק — שמערץ — pain

איינצאָל - מערצאָל

מאַנטל -	טאַפּ -	וועלט -	פּלאַץ -
בוך -	וואַלד -	שויב -	בילד -
פּלאַן -	וואַנט -	מענטש -	בוים -
הויז -	ליד -	שטעטל -	העמד -
מויז -	שטאַט -	אַרמיי -	געדאַנק -

געדענק:

די שמחה	די פרייד	דאָס פעלד	דער ווייטיק

איצטיקע צייט

איינצאָל:	מערצאָל:
איך לערן אין שול	מיר לערנען אין שול
דו לערנסט אין שול	איר לערנט אין שול
ער לערנט אין שול	זיי לערנען אין שול

אַרבעט: שרייב די פינף ווערבן ווי אויבן: לייענען, זען, זינגען, טרינקען, רעדן.

לאַבזיק און דער נעגער־ייִנגל

• כאַווער פּאַווער

לאַבזיק פאַרמאַכט אַן אייגל. אַזאַ טבע האָט ער. ווען ער פאַר־שטייט עפּעס ניט, פאַרמאַכט ער איין אייגל.

וואָס־זשע אַזוינס פאַרשטייט ער ניט? ס׳איז אַריינגעקומען אַ ייִנגל אין הויז אַריין, מוליקס אַ חבר. איז דאָך גוט, האַ? ניין אָבער, פאַר לאַבזיקן איז דאָס ניט גוט, ווייל דעם ייִנגלס פּנים איז אַנדערש פון אַלע ייִנגלעך אויף דזשעקסאָן עוועניו.

דאָס ייִנגל האָט געהאַט געקרייזלטע האָר. דאָס איז גוט. אַ סך ייִנגלעך האָבן געקרייזלטע האָר. די נאָז ביי דעם ייִנגל איז אַ קורצע און אַ פאַרריסענע. דאָס אַרט אים אויך ניט. דאָס ייִנגל האָט געהאַט קליינע אויערלעך. מאַכט אויך ניט אויס. אָבער וואָס עס האָט אים יאָ אויסגעמאַכט, איז וואָס דעם ייִנגלס פּנים איז געווען שוואַרץ. אַזאַ זאַך האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען און ס׳האָט אים שטאַרק פאַר־דראָסן. פאַרוואָס האָט אים געדאַרפט אַזוי שטאַרק פאַרדריסן, ווייסן מיר ניט, ווייל אַ הונט בלייבט אַ הונט.

שווייגט לאַבזיק. און אַז לאַבזיק שווייגט איז אַ שלעכטער סימן. אַזאַ טבע האָט ער שוין. אַז ער דאַרף עמיצן אַ ביס טאָן, מאַכט ער זיך פריער אַ שוויג.

נח האָט געהייסן דאָס שוואַרצע ייִנגל און האָט אויך געוואוינט אויף דזשעקסאָן עוועניו, און געלערנט אין דער זעלביקער פּאַבליק סקול, וואו מוליק האָט געלערנט.

זיצן אַזוי ביידע חברים און שמועסן. מוליק דערציילט עפּעס אַ זאַך און נח לאַכט:

— האַ, האַ, האַ, האַ!

דערנאָכדעם דערציילט נח אַ זאַך און מוליק לאַכט:

— כאַ,כאַ, כאַ!

און לאַבזיק גנבעט זיך אַזוי שטילערהייט, טריט ביי טריט, און מיטאַמאָל — ציאַפּ! אַ כאַפּ געטאָן נחן ביים פוס.

צעשרייט זיך נח פון ווייטיק. ווערט מוליק דערשראָקן און הייבט אָן צו רופן:

— מאַמע, מאַמע!

לויפט אַריין די מאַמע מאַלי. דערזעט וואָס עס איז געשען, פאַר־לירט זי זיך ניט, כאַפּט תיכף אַ ריינעם האַנטוך, נעצט אים איין אין

וואַסער און פֿאַרבאַנדאַזשירט נחן דעם פּוס.

לאַבזיק האָט שוין גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט אָנגעמאַכט אַ צרה, איז ער אַרונטער אונטערן בעט און האָט זיך פֿאַרבאַהאַלטן.

נחן האָט ווי געטאָן, האָט ער אַ ביסעלע געוויינט. מוליק האָט געכאַפּט אַ שטעקן, אַרויסגעשלעפּט לאַבזיקן און אים געגעבן צען שטעקנס. לאַבזיק האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ס'קומט אים, האָט ער גע־מאַכט ווידער אַ שוויג און זיך געלאָזט אָנשלאָגן.

נח איז אַהיימגעגאַנגען און מ'וואָלט שוין די זאַך געווען פֿאַרגעסן. אָבער היימי דער געלער האָט באַגעגנט נחן און זיך דערוואוסט וועגן דער גאַנצער זאַך. קומט ער צולויפֿן צו מוליקן און גיט אַ מאַך:

— מוליק, דיין לאַבזיק איז אַ ווייסער שאָוויניסט.

— אַ ווייסער וואָס? — וואונדערט זיך מוליק און קאָן גאָרנישט פֿאַרשטיין דאָס וואָרט.

— אַ ווייסער שאָוויניסט — רופֿט זיך נאָכאַמאָל אָן היימי.

— וואָס הייסט אַ שאָוויניסט? — פֿאַלט מוליק אַראָפּ ביי זיך, וואָס ער פֿאַרשטייט ניט דאָס וואָרט.

— אַ ווייסער שאָוויניסט —גיט דער געלער היימי צו דערקלערן — איז אַזאַ איינער, וואָס מיינט, אַז נאָר די ווייסע זיינען די בעסטע מענטשן און די שוואַרצע טויגן שוין גאָרניט.

—אַזוי גאָר? — ווערט שוין מוליק שטאַרק בייז — היי, דו, לאַבזיק, איך וועל דיר שוין ווייזן.

היימי לויפֿט דערווייל צו צום אָפֿענעם פֿענצטער און שרייט אַראָפּ צו דער גאָס:

— היי, לייבל, ווילי, אַרקע, דייווי, אסתּר, סילוויע, פּערל בערל, זיסל, יאָסל, נח!

ווערט תּיכּף אָנגעפֿילט בערל דעם אַפּרייטערם הויז.

זיצן אַזוי אַלע קינדער און לאַבזיק איז נאָך אַלץ אונטערן בעט. ער איז אַזוי דערשראָקן אַז ער ציטערט אַזש מיט די אויערן.

האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרטן. האָט מען אים געהייסן שטיין אינמיטן שטוב אַנטקעגן נחן מיטן באַנדאַזשירטן פוס. האָט לאַבזיק געקוקט אויף נחן און געפֿינטלט מיטביידע אייגעלעך. האָט היימי דערציילט פֿאַר די קינדער, וואָס עס איז געשען. זיינען די קינדער געווען שטאַרק אויפֿגעקאָכט.

האָט היימי געפֿרעגט, וואָס דאַרף מען טאָן לאַבזיקן פֿאַר אַזאַ זאַך. האָט מען גערעדט און גערעדט און באַשלאָסן...

וואָס מען האָט באַשלאָסן ווייס ניט לאַבזיק. נאָר אַלע קינדער זיינען מיטאַמאָל אַוועק, און ס'איז געוואָרן אַזוי שטיל אין הויז.

שטייט לאַבזיק און ווייס ניט וואָס צו טאָן. זעט ער ווי מוליק זעצט זיך לייענען אַ בוך. וויל ער אים איבערבעטן, לויפט ער צו צו אים און וויל אים אַ לעק טאָן. דרייט מוליק אַוועק דעם קאָפּ פון אים. לויפט לאַבזיק צו דער מאַמע מאַלין און וויל איר אַ לעק טאָן, דרייט אויך אַוועק די מאַמע מאַלי איר קאָפּ פון אים.

אָט דאָס איז טאַקע געווען די שטראָף פאַר אים. די קינדער האָבן אָפּגעמאַכט, אַז אַ גאַנצע וואָך טאָר קיינער ניט אויסרעדן קיין וואָרט צו לאַבזיקן.

מאָלט אייך, וואָס לאַבזיק האָט געפילט אין דער וואָך איז גאָרניט צו באַשרייבן. אָבער ווי גרויס איז געווען זיין פרייד, ווען די וואָך פון זיין שטראָף האָט זיך געענדיקט.

אָבער מערער וועט ער שוין ניט בייסן קיין שוואַרצע יינגלעך, וואָס טשעפּען אים ניט. אַ, ניין!

פאַרשטיי די ווערטער:

געקרייזלטע האָר — curly hair

סימן — צייכן

טבע (טעווע) — נאַטור habit

נח (נויעך) — Noah

תיכף (טייקעף) — באַלד

האַנטעך — towel

שטראָף — penalty



די מעשה פונעם נעגערל מיטן שלעגערל

• ז. ווײַנפּער

אַזוי־אָ לײַענט זיך די מעשה
פונעם נעגערל און שלעגערל.
די הויט פון שלעגערל — אַ ווײַסע
און אַ שוואַרצע בײַ דעם נעגערל.

אַמאָל איז געווען אַ נעגערל
מיט צוויי טרויעריקע אויגן.
אַמאָל איז געווען אַ שלעגערל
מיט אַ שאַרפן עלנבויגן.

האָט ליב געהאַט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפן עלנבויגן
אַ שטורכע טאָן דאָס נעגערל
אין די גרויסע, שוואַרצע אויגן.

וואָס זשע האָט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפן עלנבויגן
געהאַט צום גוטן נעגערל
מיט די טרויעריקע אויגן?

גאָרניט האָט דאָס שלעגערל
געהאַט צום גוטן נעגערל
מיטן שאַרפן עלנבויגן
מיט די טרויעריקע אויגן.

די הויט פון שלעגערל — אַ ווײַסע
און אַ שוואַרצע בײַ דעם נעגערל —
אַ טרויעריקע איז די מעשה
פונעם נעגערל און שלעגערל.

אַ גערעכטער משפּט...

אַמאָל האָט אין גריכנלאַנד געלעבט אַ קעניג. אַלעקסאַנדער האָט ער געהייסן. מ'האָט אים אויך גערופן אַלעקסאַנדער דער גרויסער. און כאָטש ער איז נאָך געווען זייער יונג, האָט ער אָבער כסדר געפירט מלחמות, איינגענומען פיל לענדער, און געוואָלט ווערן דער הערשער איבער דער גאַנצער וועלט.

איין מאָל, איז ער געקומען מיט זיינע אַרמייען ערגעץ אין אַ לאַנד אין אַפריקע. די איינוואוינער פון יענעם לאַנד — פרידלעכע מענטשן, האָבן זיך זייער שטאַרק דערשראָקן און האָבן באַשלאָסן זיך אונטער־צוגעבן.

דער קעניג פון יענער מדינה איז אַרויס מקבל־פּנים זיין אַלעק־סאַנדערן, און האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן אַ גאָלדענע טאַץ. אויף דער טאַץ — גאָלדענע חלות, גאָלדענע עפּל, און גאָלדענע מילגרוימען. ווען אַלעקסאַנדער האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך געוואונדערט און גע־פרעגט:

— עסט מען ביי אייך חלות און פרוכט פון גאָלד?

— און ביי אייך אין לאַנד פעלט דען ברויט און פרוכט? צו וואָס־זשע זיינט איר געקומען צו אונדז אַוועקנעמען אונדזער לאַנד?

— דו האָסט רעכט — האָט געענטפערט אַלעקסאַנדער — איך וועל אייער לאַנד ניט אַוועקנעמען. דערלויבט מיר נאָר זיך צו באַ־קענען מיט אייערע געזעצן און פירונגען.

און אַזוי ווי די צוויי קעניגן שמועסן זיך אַזוי, קומען אָן צוויי מענטשן צום קעניג זיך משפּטן.

— גרויסער קעניג — האָט איינער געטענהט — איך האָב ביי דעם דאָזיקן מענטשן אָפּגעקויפט אַ שטיקל פעלד. אַז איך האָב אָפּ־געראַמט די שטיינער פונעם פעלד, האָב איך אונטער די שטיינער געפונען אַן אוצר. וויל איך אים דעם אוצר אָפּגעבן, ווייל איך האָב דאָך נאָר געקויפט דאָס פעלד, ניט דעם אוצר. איך וויל ניט דעם אוצר, ווייל ער געהערט ניט צו מיר.

און דער צווייטער טענהט:

— איך האָב אים פאַרקויפט דאָס פעלד מיט אַלץ, וואָס אין דעם. איז דער אוצר דיינער און ניט מיינער. נעם אים זיך.

אויסהערנדיק ביידנס טענות, ווענדט זיך דער קעניג צו איינעם פון זיי:

— האָסטו אַ זון?

— יאָ! — ענטפערט יענער.
— האָסטו אַ טאָכטער? — פרעגט דער קעניג דעם צווייטן.
— יאָ! — ענטפערט יענער.
— אויב אַזוי, זאָלן זייביידע חתונה האָבן — זאָגט דער קעניג
— און דעם אוצר גיט אָפּ צו אייערע קינדער.
ווי אַלעקסאַנדער האָט דערהערט דעם פּסק, איז ער שטאַרק דערשטוינט געוואָרן.
— האָב איך אפשר ניט ריכטיק געאורטיילט? — האָט געפרעגט דער אַפריקאַנער קעניג — און ווי אַזוי וואָלסטו אין דיין לאַנד געפסקנט אין אַזאַ פאַל?
— ביי מיר — ענטפערט אַלעקסאַנדער — וואָלט איך געהייסן אָט די ביידע משוגעים אָפּהאַקן די קעפּ, און דעם אוצר איבערגעבן צו דער מלוכה.
— אַזוי גאָר? — וואונדערט זיך דער אַפריקאַנער קעניג — זאָג זשע מיר: שיינט אין אייער לאַנד די זון?
— געווים — ענטפערט אַלעקסאַנדער.
— און רעגנט אַמאָל ביי אייך?
— אוודאי!
— זיינען אין אייער לאַנד פאַראַן שאָף, קעלבלעך און אַנדערע בהמות?
— געווים — ענטפערט אַלעקסאַנדער און קוקט אים אָן אַ פאַרוואונדערטער.
— אויב אַזוי, איז שוין רעכט! — זאָגט דער אַפריקאַנער קעניג — אין אייער לאַנד שיינט די זון, און עס גייט דער רעגן, נאָר צוליב די אומשולדיקע שאָף און קעלבלעך, איר מענטשן, האָט דאָס זיכער ניט פאַרדינט...

(אגדה)

ליכטיקער מאָרגן

• נחום ווייסמאַן

ליכטיקער מאָרגן מיט זוניקע טעג,
מיר הערן דיין אָנקום פון ווייטן.
מיר ווייסן, דו שיינסט שוין אויף ערגעץ אַ וועג,
אַ וועג צו אַ מאָרגן אַ באַנייטן.

ס׳קאָן מער ניט וועלט שוין דערטראָגן די קייט!
מיר וועלן ניט וואַרטן גענאַרטע!
ס׳בליען שוין ערגעץ די בלומען אין בייט
און קנאָספּן זיך עפענען צאַרטע...

אָ, ליכטיקער מאָרגן מיט זוניקע טעג,
מיר הערן דיין אָנקום פון ווייטן:
איז שיקן מיר איצט דיר אַ גרוס אין דיין וועג —
אַ גרוס צו אַ מאָרגן אַ באַנייטן!...

די טייטש פון ווערטער:

אָנקום — arrival
באַנייטן — נייעם
ערגעץ — somewhere
קייט — chain
קנאָספּן — blossoms
צאַרטע — soft
אַ גרוס — greetings

אַ וואָרט צו די לערער

„מיין בוך - דריי" איז דאָס דריטע אין אַ סעריע פון נייע לייען- און אַרבעט-ביכער, וואָס די קינדער-שולן פון יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס-אָרדן האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין 1944.

„מיין בוך - דריי" איז געצילט פאַרן דריטן קלאַס פון דער עלעמענטאַר-שול, ד.ה. פאַר אַ תּלמיד וואָס איז שוין דורכגעגאַנגען אַ מינימום פון צוויי יאָר לימודים אין דער יידישער שול.

כאָטש דאָס בוך איז ניט איינגעטיילט אין באַזונדערע אָפּטיילונגען, קאָן דער לערער אָבער לייכט אַרויסשיילן די טעמאַטישע גרופּירונגען, אַרום וועלכע דאָס בוך איז געבויט (די שול, דאָס קינד, יידישע יום-טובים, מלחמה און פאַשיזם, יידן אין פאַרשיידענע לענדער, דער ערשטער מאַי, אַרבעט און דאָס לעבן פון די אַרבעטער, אַמעריקע און אַז. וו.). פאַרשטייט זיך, אַז די לידער און מעשׂות דאַרפן דערגאַנצט ווערן מיט אַ שמועס, כדי צו פאַרפעסטיקן ביי די קינדער די באַגריפן וואָס דער ליטעראַרישער מאַטעריאַל דריט בלויז אָן.

די קנאַפּע צוויי הונדערט אַרבעטן, וואָס גייען אַריין אין בוך, זיינען אַ נאַטירלעכער באַשטאַנד-טייל פון לערן-יאָר און דאַרפן ברייט אויסגענוצט ווערן. די איבונגען נעמען אַריין אין זיך די גראַמאַטישע און לעקסישע באַגריפן, וואָס דאַרפן דעם קינד ווערן אייגן אין משך פון דריטן לערן-יאָר. ס'איז פון גרויס וויכטיקייט, אַז דער לערער זאָל זיך ניט יאָגן מיטן בוך און ניט באַטראַכטן די שפּראַך-אַרבעטן ווי סתּם אַ צוגאָב-מאַטעריאַל, נאָר ווי אַן עיקרדיקער טייל פון דעם גאַנצן לערן-פּראָגראַם. דער שפּראַך-מאַטעריאַל דאַרף באַאַרבעט ווערן סיי שריפטלעך און סיי מינדלעך, און דער לערער דאַרף לייגן אַ סך געוויכט, אַז דעם קינדס שפּראַך-אוצר זאָל באַדייטנדיק פאַרגרעסערט ווערן.

די ענגלישע פאַרטייטשונגען צום סוף פון לייען-מאַטעריאַל דאַרפן העלפן אַנטוויקלען דאָס זעלבסט-לייענען ביים קינד, סיי אין דער היים און סיי דורך שטיל לייענען אין קלאַס.

די נאַציאָנאַלע שול- און קולטור-קאָמיסיע דריקט אויס איר האַרציקסטן דאַנק דעם שרייבער און לערער משה שיפריס, וועלכער האָט אוועקגעגעבן אַזויפיל מיזאַמע אַרבעט, כדי צו העלפן פאַרענדיקן דאָס בוך און עס צוגרייטן צום דרוק. אַ דאַנק זיין נאָענטער מיטאַרבעט איז מעגלעך געוועזן דאָס בוך צו פאַרפולקומען. אונזער דאַנק צו דער נאַציאָנאַלער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע פון די אָרדן-שולן, וועמעס ווערטפולע אָנווייזונגען האָבן געהאָלפן פאַרבעסערן און פאַרגאַנצן דאָס בוך.

נאַציאָנאַלע שול- און קולטור-קאָמיסיע
פון יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס-אָרדן.

א. גאָלדבערג, דירעקטאָר

אינהאַלט

		זייט
גוטמאָרגן !	שנייער וואַסערמאַן	3
די בעסטע סחורה	(אגדה)	4
צום נייעם לערן־יאָר	דוד האָפּשטיין	5
מאָנטיק	מארק טוויין	6
שפּראַך		10
הארבסט	אברהם רייזען	11
דאָס קלוגע ייִנגעלע	(אגדה)	12
סוף־זומער	בצלאל פרידמאַן	13
אַ יום־כפור אָוונט	לויט האואַרד פאַסט. מ. מ־ן	14
שפּראַך		16
נאָטע גייט אין שפּייז־קרעמל	וואָלף יונין	17
שפּראַך		18
אַ מעשה מיט אַ ייִנגל	א. גאָלדבערג	19
ווייל אַ באָבע איז אַזוי	שנייער וואַסערמאַן	24
שפּראַך		25
צוויי ברידער	(אגדה)	26
דער ווינט	משה שיפרים	28
דאָס ליד פון ברויט	מאַני לייב	29
צוויי סוכות	משה שיפרים	31
שפּראַך		36
אַ שפּיל אין גראַמען	ז. ווײַנפּער	37
שפּראַך		38
שפּראַך		39
אַ פּרייז־פּייט	פרומע שרה	40
אָט אַזוי־אָ שרייבט זי, שרה	ב. גוטיאַנסקי	43
שפּראַך		44
אַ ייִנגל פון קאַבריני בולוואַרד	א. גאָלדבערג	46
שפּראַך		51
אַ קעסטעלע מיט פאַרבן	ל. בערקאָוויטש	52
שפּראַך		53
ווינטער	ז. ווײַנפּער	54
שפּראַך		55
דאָס קלוגע פאַסטעכל	מ. ש־ר	56
שפּראַך		59
אַ קויל שניי	ע. ד'אַמיטשעס	60
חנוכה־געלט	שלום־עליכם	63
שפּראַך		67
חנוכה	י. גויכבערג	69
אויפן גליטש	ב. גוטיאַנסקי	70
שפּראַך		71
דאָס שיסעלע מיטן בוימל	כאַווער פּאַווער	72
שפּראַך		76
שפּילן מיר אין קוילן שניי	י. ב. ביילין	77
דער צויבערמאַן	יהואש	78
נײַן כעלעמער באָדן זיך		80
שפּראַך		81
שלמהם משפּט		82

		זייט
שפּראַך		83
די לוויה פון זשום־פּינגעלע	אייזיק פּלאַטנער	84
אַ ניו־יאָרקער בילד	אברהם רייזען	89
אַן אומזיסטער חשד	לעאָן קאָברין	90
אַמעריקע, אונדזער היים!	נחום ווייסמאַן	95
חיים סאַלאָמאָן אין וואַלי פאָרדזש	לויט עריק לוקאַס	96
אייברעהעם לינקאָלן	מאָרים ראָזענפעלד	99
ברידער	י. ל. פּרץ	100
ווען דער פּאַפּאַ סטרייקט	ז. ליבין	101
שפּראַך		104
מיין יינגעלע	מאָרים ראָזענפעלד	105
שפּראַך		106
מיטצי פּליט אהיים	י. א. ראָנטש	107
שפּראַך		111
מלחמה	אברהם רייזען	112
דאָס יינגעלע, וואָס האָט געראַטעוועט שלום־עליכמען	א. גאָלדבערג	113
שפּראַך		116
האָב איך מיר אַ מאַנטל	פאָלקס־ליד	117
ווען איך וועל גרויס ווערן	משה שיפרים	118
שפּראַך		122
פרילינג	פּרץ מאַרקיש	123
אַ קריגעלע וואַסער	לויט טאָלסטאָי	124
שפּראַך		126
פּורים	משה שיפרים	127
די מעשה פון פּורים	לעאָן עלבע	128
הלל	(אגדה)	132
איר האָט נאָך, קינדער ניט געזען?	א. ווערגעלים	133
שפּראַך		134
בענים סדר	דבורה פּעסין. יידיש: ג. לאַנדוי	135
משה	משה שיפרים	140
אַ זייגערל	וואָלף יונין.	144
שפּראַך		145
שפּראַך	נחום ווייסמאַן	146
פרילינג ווינטן		147
דער שוואַרצער האָן	מ. סטרוגאַטש	148
שפּראַך		153
דער יום־טוב פון די ביימער אין דגניה	לויט י. מנוח	154
ווידער איז דער מיי געקומען	מאָרים ראָזענפעלד	156
דער ערשטער מאַי	א. מייזל	156
דער קאַנאַריק	מאָרים ראָזענפעלד	158
לאַבזיק און דער נעגער־יינגל	כאַוור פּאַווער	159
די מעשה פונעם נעגערל מיטן שלעגערל	ז. וויינפּער	162
אַ גערעכטער משפּט	(אגדה)	163
ליכטיקער מאָרגן	נחום ווייסמאַן	165
אַ וואָרעם צו די לערער		166
אינהאַלט		167